STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10198

# GEZAMLTE SHRIFTN

Abraham Reisen

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אברהם רייזען

# געזאמלטע שריפטן

פארלאג „פרייהייט"
ניו יארק, 1927

Copyright, 1928
by the
FREIHEIT PUBLISHING ASS'N, Inc.
270

צווייטער באנד:

# אמאליגע מענשען.

# אַמאָליגע מענשען.

# אמאליגע מענשעז

דער אלטער זרח איז כל ימיו געווען א קרעמער. זיין קראם איז געווען זעהר א קליינע און ענגע. זי האט זיך אבער געפונען אין א ווינקעל פון די רייהען פון די מארק־קראמען און דערפאר איז זי ווערט געווען א מטמון מיט געלד. עס איז א סברא אז ווען ער זאל זי וועלען פערקויפען וואלט ער געקראגען איבער פינף הונדערט רובעל, אין דער צייט וואס א קראם, וועלכע געפינט זיך אין מיטען דער רייהע איז נישט ווערט קיין העלפט דערפון, — מעג זי זיין אפילו צעהן מאהל גרעסער.

אין אמת'ען איז טאקי זרח'ס קראם געווען א גאלדענע ווינש־פינגערעל. נישט קוקענדיג וואס זי איז, ווי געזאגט, געווען זעהר קליין, האט זי אבער פערמעגט א סך פערשיעדענע סחורות. ווי ווייט די קראם האט געטראגען פרנסה קען דינען דער פאקט, וואס ד'ער אלטער זרח האט געהאלטען א "ביכעט" אויף טאבאק און עס האט איהם געלויהנט. אבער מיט'ן טאבאק אליין איז ער ניט יוצא געווען. די קראם האט נאך פערמאגט א כך אנדערע סחורות, וואס האבען זיך מיט טאבאק זעהר שלעכט געגראמט, אבער פרנסה האט עס דוקא געגעבען. אזוי למשל האט זרח אויך געהאלטען בלעכענע קווארטען, רייבאייזענט און הילצערנע לעפעל. און טאמער האט א שוסטער נעברויכט א שטיקעל דראטווע האט ער אויך געוואוסט, אז דאס וועט ער קריעגען ביי זרח'ן אין קראם. אויף די שטעדטילשע פיע־

דעל־שפּילער סיי די אידישע, סיי די גוי'אישע האבען געוואוסט אז דער איינציגער פּלאַץ, וואו צו קריגען א גוט שטיקעל "קאַלי־פאניע" אנצושמירען די "סמיקעס", זיי זאלען בעסער נעהמען די סטרונעס, איז טאקי וויעדער ביי זרח'ן...

זרח האט ניט געוואוסט פון דער היינטיגער מעטאָדע צו זיין מיט קונדען וואס פריינדליכער און צוגעלאזטער. בעהאנ־דעלט האט ער זיינע קונדען דוקא גאנץ שטרענג און יעדען אב־גע'פטר'ט מיט איין ווארט; א ווארט איז ביי איהם געווען טהייערער ווי די סחורה. דינגען זיך האט מען מיט זרח'ן ניט גע־טארט. אלטע קונדען האבען עס שוין געוואוסט און נייע פלע־גען טאקי האבען פון איהם אויסצושטעהן זידלעריי :

— געהט אייך געזונטערהייט! פלעגט ער שלעפּענדיג צוריק דאס שטיקעל סחורה, טרייבען דעם קונד וואס האט זיך זיך געפּרופּט דינגען.

איז דאס געווען א פרוי פון דארף, אדער א שטעדטילשער בעל־הגוף פלעגט ער שוין האבען אן אנדער נוסח.

— סטופּאי ק'טשארטו, אי אטצעפּיעס. מיט א שליאכ־טיטש פלעגט ער זיין העפליכער און פלעגט צו איהם רעדען גע־לאסענער, שטיקענדיג אין זיך זיין כעס :

— ניעח פאן יעדזיע...

דאס האט געהייסען : זאל דער פּריצ'ל פאהרען געזונטער־הייט...

צום פריון האט אבער די שטרענגקייט איהם ניט נאר ניט געשאדט, נאר פערקעהרט — געהאָלפען. דוקא האבען די קונ־דען געוואלט האבען צו טהאָן מיט איהם און ניט מיט זיין ווייב. די אלטע דינקע וואס האט שוין אין געגענזאץ צו איהר מאן, געהאט א מויל ווי אויף שרויפען און פלעגט שוין ליעב האבען אויסבעטען פאר א זאך פינף מאהל אזוי פיעל. ביז זרח פלעגט בייז ווערען, ארויסרייסען דאס שטיקעל סחורה פון איהרע הענד און אנבייזערען זיך אויף איהר :

— בעט נים מייערער...

און נאכדעם ווי דער קונד פלעגט אוועקגעהן, פלעגט זרח ווידער מורמלען:

— נאר בלייבט נאר און מקח בלייבט מקח...

נאטירליך פלעגט די אלטע פאר דעם דאזיגען אפאריזם זיך בעליידיגען און זי פלעגט צוריק מורמלען מיט א שפריך־ווארט, שוין דוקא אויף גויאיש:

— דורען דאיע א אומני בערע...

— און עס פלעגט דויערען עטליכע מינוט ביז דאס אלטע פאר פאלק פלעגט אבגעהן פון כעס און צורעדען זיך פריינדלי־כער:

— וועסט אפשר, זרח, געהן אהיים עפים עסען...

אבער זרח וואס האט פון עסען נישט שטאַרק געהאלטען, פלעגט דארויף א מורמעל טהאָן:

— איך וויל נים עסען... לאז מיר בעסער זאגען א פאר קאפיטלעך תהילים.

קעגען דעם תהילים האט די אלטע דינקע גאר נישט גע־קענט האבען; זי אליין איז געוועזן נים קיין געלערנטע און דער־פאר האט זי גרויס דרך ארץ געהאט פאר זרח'ן, וואס איז נאך איהר מיינונג געוועזן א גרויסער למדן און קען דעם גאנצען תהילים הין און צוריק אויף אויסענווייניג...

אבער אין הארצען פלעגט עס איהר אפטמאל פערדריסען וואס זרח שאנעוועט זיך נים און דאס עסען איז ביי איהם גאר א ביי זאך. זי אליין, למשל, איז אויך נים קיין פרעסערין, פון דעסטוועגען, זאל איהר גאט נים שטראפען, האט זי שוין אי־בערגעכאפט דאס הארץ צוויי מאל מיט א פאר קאלטע קאר־טאפעל, וואס זי האט געבראכט פון שטוב. און ער — שוין צוויי א זייגער און ער האט נאך נים אנגעביסען.

און ווירקליך האט זרח פון עסען זיך מדחה געווען. געגע־סען ווי אן אמת'ער מענש האט ער בלויז פרייטאג צו נאכט

און שבת. אין מיטען וואך אבער איז ער אבגעקומען מיט שהי־פהי.

אלע וואס האבען איהם געקענט האבען איהם געהאלטען פאר א קארגען. זיין הוצאה האט זיך בעגרענעצט מיט דריי רו־בעל א וואך, שוין אריינגערעכענט צדקה, וואס ער האט געגע־בען פון צייט צו צייט און אמאל אן עליה אין בית המדרש. די קראם אליין האט איהם צייטענווייז געטראגען ביז איבער זיע־בען רובעל א וואך.

און אזוי ווי שוין לאנגע יאהר, אז ער איז געבליע־בען דזיעד־דא־באבא, האט ער די איבעריגע געלד, וואס איהם איז געבליעבען, געזאמעלט און דער פאר איז ער געווען פער־רעכענט פאר א גביר.

אבער ווי פיעל זרח האט פערמאגט האט קיינער ניט גע־וואוסט. עס זיינען געווען מיינונגען, אז דער אלטער קארגער פערמאגט שווערע טויזענדער. זרח פלעגט אבער עס קיינמאל ניט אפלייקענען און קיינמאל ניט מודה זיין. איבערהויפט האט ער מיט זייטיגע מענשען ווייניג געהאט צו טהאן און ווייניג געקומען מיט זיי אין בעריהרונג.

יעדער אבער האט מודה געווען, אז זרח איז אן עהרלי־כער איד. אי וואס ער איז אזוי קארג, איז דאס ביי איהם אזא חולנית, ניט פאר קיין אידען גערעכט; און די ארימערע קרע־מער און סתם אידען האבען אויפגעוויזען מיט אותיות און מופתים, אז קארגשאפט איז פונקט אזא קראנקהייט, ווי אלע אנדערע קראנקהייטען, נישט מעהר עס איז דערצו קיין מיטעל ניטא, ווי צו שכרות, להבדיל.

---

פערשליסען אין אבענד די קראם, פלעגט די אלטע דינקע. זרח אליין פלעגט ווי נאר עס פלעגט קומען מנחה צייט אוועק־געהן אין בית המדרש. נאך מנחה פלעגט ער הערען א פרק משניות אדער א שטיקעל עין־יעקב און נאכדעם דאווענען מעריב.

נאָך מעריב פלעגט ער נאָך בלייבען ביי א שעה אין בית המדרש ביי א ספר האלב אויף לשון־קודש און האלב אויף עברי־טייטש, און ניט רעדענדיג מיט קיינעם קיין ווארט, פלעגט ער שטיל ארויסגעהן פון בית־המדרש א קוש טהוענדיג די מזוזה און זיך לאזען.

געהענדיג פון בית־המדרש פלעגט ער צוגעהן צום קראם, א טאפּ טהון דאס שלאס, פּרובירען די טירלעך צו זיינען זיי הארט פערמאכט, אריינקוקען דורך א שפּאלט אינעווייניג, צו האט די אלטע חלילה וחס קיין פייער ניט איבערגעלאזט, און זעהענדיג אז אליץ איז אין דער בעסטער ארדענונג פלעגט ער זיך לאזען אין דער פינסטערער גאס, צו זיין שטיבעלע, וואו דינקע האט שוין אויף איהם געווארט מיט דער וועטשערע.

אין שטיבעלע האט זרח תמיד געניצט א קליין לעמפּעלע, וואס האט קוים בעלויכטען דאס טישעל וואו דאס לעמפּעלע איז געשטאנען, אזוי אז, צוקומענדיג צום טיש האט זרח געפּור־נען פאר נויטיג דאס קנויטעל אריינדרעהען. דינקע, וואס האט זיך געפּארעט אין א ווינקעל צו דערלאנגען דאס עסען האט זיך נוטמוטיג צובייזערט:

— זרח, מאך ליכטיגער, איך זעה גאר נישט...

— גאזע איז געווארען טהייערער...

— טא שטעל מיר אוועק דאס לעמפּעלע אט דא... איך זעה גאר נישט — פלעגט זיך דינקע בעטען.

און זרח פלעגט מוזען נעהמען דאס לעמפּעלע אין איין האנד, מיט דער אנדער האנד פארשטעלען דאס קליין פייע־רעל עס זאל זיך ביי א ליאדע אטהעם טהון ניט פערלעשען און געהן צולייכטען דינקען.

דערזעהענדיג די מאכלים, וואס דינקע האט צוגעגרייט פלעגט ער ווערען בייז:

—למאי דארף מען דאס... וואס קאסט היינט אן אונגער־קע?

ביז דינקע בערוהיגט איהם, אז זי האט געקויפט א צעהנד־ליג אונגערקעליך פאר פיער גראשען, וועט זי ניין מיט א האלב אם ירצה השם איינזאלצען און א האלבען וועט מען היינט עסען מיט א ביסעל סמעטענע.

דערהערט דער אלטער זרח סמעטענע לאזט ער שיעור נישט אראב דאס לעמפעל :

— שוין גאר סמעטענע... אין מיטען מיטוואך סמעטענע!

און ער שווערט, אז די סעמטענע וועט ער ניט פערזוכען...

מוז דינקע איהם מתיר שבועה מאכען און צוריק בעווייזען אז די סמעטענע קאסט איהר א שיבוש. ביי איהר האט זיך אנ־געזאמעלט פאר דריי וואכען שאלאכטס פון קארטאפעלס האט זי געקראגען דערפאר ביי לאה דער מילכיגערין א קווארט מילך, האט זי דאס אוועקגעשטעלט אין "פאהרעב" און עס איז גע־ווארען א ביסעל סמעטענע און אונטען זויערמילך.

— וועסטו מיר טאקע געבען די זויער־מילך... מאכט זרח א פשרה און דערפרעהט זיך, וואס ער וועט ניט עסען אזא טייערען מאכל ווי סמעטענע.

אבער די אלטע דינקע, וואס וויל אז זרח זאל זיך אביסעל פאפראווען (איינגעדארט איז ער נעביך!...) און וואס ווייס ווידער, אז קיין סמעטענע וועט דער עקשן בשום אופן ניט פערגינען זיך צו עסען, שלאגט פאר א נייע פשרה :

— וועל איך צומישען די זויערמילך מיט די סמעטענע אין איינעם. אביסעל פאדסמעטענע מעגסטו זיך דאך פערגי־נען, אלטער נאר דו... ווערט זי צום סוף בייז, וואס ער איז שוין צו פיעל קארג.

דערויף געהט שוין דער אלטער ענדליך איין, האטש שטארק צופריעדען איז ער נים. עס איז פארט א צו גוטער מאכל, און ער מורמעלט בייזליך :

— אונגערקעס מיט פאדסמעטענע... קאזאטשינא !...

די אלטע דינע איז אבער צופריעדען. זי זעהט בעשיינפער־

ליך, אז ער וועט שוין עסען, און א גליקליכע גרייט זי צום טיש און זרח געהט זיך אין פינסטערען ווינקעל וואשען צום עסען...

---

נאך'ן עסען בענשט זרח הויך אויף'ן קול. דינקע וואס האט זיך א דאנק די לאנג־יעהריגע פּראקטיק, אויסגעלערענט בענ־שען, זאגט איהם נאך יעדעס ווארט אין דער שטיל. אז עס קומט "הוא יברך את אשתי", — זאגט זי אויך דאס זעלבע נאך און דער אלטער זרח וואס איז איהר מוחל די ברכה, וויל איהר אפילו ניט פעררייכטען, כאטש ווייסען ווייס ער, נישט קוקענ־דיג, וואס ער איז נישט קיין למדן, אז זי אלס נקבה, דארף זא־גען את בעלי... ער שמייכעלט קוים־קוים, וואס דאס פּאסירט מיט איהם זעהר זעלטען און זאגט ווייטער, אננעהמענדיג צו־ריק אנ'ערנסט אוסדרוק...

אז די אלטע דינקע ליעגט שוין אין בעט איבערגעדעקט סיי זומער, סיי ווינטער מיט א דיקער פּערענע, זיצט נאך זרח ביי א ספר אויף עברי טייטש, אמאל ביי'ן קו הישר, אמאל ביי'ן מנורת המאור. אויף'ן הארצען ווערט איהם שטארק טרוי־עריג. די בילדער פון גהינם שטעלען זיך איהם פאר ווי לעבע־דיג, אבער מיעף אין הארצען שפּירט ער, אז איהם וועט מען אזוינע יסורים נישט אנטהון, ווארים אויב קיין צדיק איז ער ניט, איז ער זיכער אז ער איז ניט קיין רשע און פון עולם הזה ווי די אמת'ע רשעים האט ער קיינמאל ניט געהאלטען.

---

אז די אלטע שלאפט שוין, עפענט זרח אויף דעם מיטעלס־טען שיפלאד, וואו עס ליגען די נויטיגע פּאפּירען און קוקט זיי דורך...

לעזען קען ער ניט, אבער לויט דעם אויסזעהן פון יעדען שמיקעל פּאפּיער דערקענט ער די סומע וואס עס איז ווערט. סך הכל האט ער אזעלכע זעקס פּאארלעך. דער לאנגער איז א שטר חוב אויף פיער הונדערט רובעל, דער מיטעלסטער אויף

צוויי הונדערט, די איבעריגע אויף קלענערע סומען און דער קליינער איז אויף פופציג. דאָס איז זיין גאנצער פעמעגען. די דאזיגע סומען ליגען בעהאלטען ביי גרונם דעם סוחר.

— עס איז רעעל ווי גאלד! מורמעלט ער שטענדיג ארוים ביי'ן אנטאפען זיי... און ער בעהאלט זיי צוריק.

---

איינמאל, אז דער אלטער זרח האט זיך שוין געקליבען שלאפען געהן און האט שוין אויסגעטהאָן דעם רעכטען שטי־וועל און זיך גענומען אויסטהון דעם לינקען, ווי דער דין איז, האט ער פלוצים דערהערט א קלינגען פון די קלויסטער־גלאקען.

ער האט גלייך צוריק ארויפגעצויגען אויף זיך דעם שטי־וועל און ארוים אויף'ן גאס.

פון דער ווייטען האט זיך געהויבען א דיקער וואלקען רויך, געמישט מיט פייער־דיגע צונגען.

באלד איז געווארען אין גאס א געלויף: אידען, עס ברענט!...

— אן ערך וואו קען עס כאפען? האט זרח דערשראקען אנגעכאפט לייבע דעם שוסטער, וואס איז געווען אויף א פריי־ווילינער פייערלעשער...

אבער לייבע האט געהאלטען אין אזא צייט נידריגער פון זיין ווירדע אריינצולאזען זיך אין א שמועס מיט דעם אלטען זרח...

זרח האט אבגעשטעלט א צווייטען, א דריטען, ביז ער איז דערגאנגען דעם ריכטיגען אמת:

— האט נישט קיין מורא, עס איז ווייט... האט איהם איי־נער וואס איז שוין געוואהר געווארען — בערוהיגט.

— וואו? ביי וועמען?

— ביי גרונם דעם סוחר... מען זאגט יאק־בי...

— וואס... יאק־בי... האט זרח צוטומעלט געפרעגט...

— ווייס איך וואס... מאלע וואס מענשען רעדען... שלעב־

טע געשעפטען... מיין באבעס דאגות..

זרח האט מיט א שטילע טריט אוועקגעשלעפט זיך צום פלאץ, וואו עס האט געברענט. אז ער איז אנגעקומען איז שוין געווען דער פייער אין רעכטען ברען.... ראטעווען איז שוין ניט געווען וואס.. ער האט געזעהן פון ווייטען שטעהט גרונם מיט'ן דיקען בויך און מיט'ן שעהנעם הדרת־פנים אנגעטהון אין א פיין־פוטערעל, ער זאל זיך חלילה נישט צוקיהלען און טיעף אין עפים אריינגעטראגט.

זרח האט גערעכענט, אז איצט איז ניט קיין שטייגער צו־צוגעהן. א מענש איז אין א גרויסען צער...

ער איז אוועקגעגאנגען צוריק אהיים און לכתחילה גע־מיינט זיין אלטע ניט וועקען. אבער נישט קענענדיג אליין פער־טראגען אזא גרויסע פאסירונג, האט ער איהר דאך געוועקט:

— דינקע...

— וואס איז זרח ?... שלאפסט נאך ניט... וואס איז די מעשה...

— גאר נישט.. שרעק זיך ניט... עס איז געווען א שרפה.. איינגעלאשען, גאט צו דאנקען...

— ביי ועמען ? האט געפרעגט דינקע דערשראקען.

ביי גרונם דעם סוחר... האט זרח קאלט ארויסגעמורמעלט..

— ביי גרונם'ן... האט די אלטע געפרובט זיך עפים דער־מאנען — דאכט מיר אז דו האסט ביי איהם אביסעל געלד גע־האט...

— איך ביי גרונם'ן ? נארישע אידענע ! שוין לאנג אב־גענומען — האט זרח געלאכט. —

— נו, טא געה לעג זיך שלאפען... האט דינקע איהם גוט־מוטיג געבעטען... מען דארף מארגען עפענען פריה די קראם...

און לעגענדיג זיך אין בעט האט זרח געדאנקט גאט, וואס די אלטע ווייס ניט, אז דאס געלד ליעגט ביי גרונם'ן... זי וואלט נעביך געהאט שברי־לב...

# דעם זיידענס לעמטערן

ווי נאר עס איז אוועק דער סוכות, און עס האבען זיך אנ־
גערוקט די אסיענדיגע קליינע גרויע טעג מיט די לאנגע אבענ־
דען, האט אנגעהויבען פערנעהמען א וויכטיגען פלאץ אין זיי־
דענס לעבען — די לאמטערן.

מיין זיידע איז געווען א איד ניט קיין עושר. אבער אן
איינגעפונדעוועטער בעל הבית איז ער יא געווען. דאס הייזעל
זיינס, וואס האט זיך געפונען אין עק שטעדטעל, איז שוין,
אמת, געווען אן אלטס, אבער פאר "איינפאלען" האט קיינער
פון אונז און אפילו דער זיידע אליין, קיין מורא ניט געהאט.
דער זיידע האט זי שטענדיג געפונדעוועט, דא מיט סלופעס,
דא מיט "פריזבעס" און דא מיט נייע ברעטער אויפ'ן אלטען
מיט מאך בעוואקסענעם דאך. אינווענינ אין שטוב איז דאס
הייזעל געווען געטינקעוועט מיט לעהם און "קינעלעך", אזוי
אז דאס אלטע שטיבעל האט געקענט אין שטארקייט קאנקורי־
רען מיט די סאמע פעסטע מויערען אין די גרויסע שטעדט.

און אזוי ווי דאס הייזעל האט דער זיידע אבגעהיט, אזוי
האט ער געהיט זיין לאמטערן. מיר האט זיך שטענדיג געדאכט,
אז די לאמטערן איז דעם זיידענס צווייטע הייזעל. זי איז טא־
קי געווען געבויט ווי א שטוב, די לאמטערן האט געהאט דריי
פענסטער, א טהיר, און אויבען, איהר שפיץ, האט אויסגעזעהן,

ווי א דעבי̈ל מיט א קליין קוימענדעל, פון וואנען עס איז ארוים דער רויך פון דער הלב'נע ליכט, וואס האט אין דער לאמטער־נע געברענט.

די לאמטערנע אבער איז מיר געווען מעהר געפעלען, ווי א שטוב, ווייל זי איז, נאטירליך, געווען קלענער ווי דעם זיידען'ס שטיבעל, און דערצו האט זיך די טהיר פון דער לאמטערנע גע־עפענט, ניט ווי א געוועהנליכע טהיר, נאר מיט א קונץ פון אונ־טען ארויף. עס הייסט, אז דאס טהירעל איז געווען אריינגע־זעצט אין די צוויי שפאלטען, וואס די פערטע "וואנד" האט איןביידע זייטען פערמאגט...

אבער ניט צו שפיעלען זיך אין "שטיבעלעך" איז די לאמ־טערנע געווען. א שפיעלכעל איז זי בלויז ביי מיר געווען. דער זיידע אבער, א הויכער, מאגערער איד, מיט א לאנגער ברייטער בארד, מיט קלאהרע גרויסע אימער ערנסטע אבער גוטמוטיגע אויגען — פלעגט די לאמטערנע נוצען אין זעהר ערנסטע מאָ־מענטען, סיי צו וואכעדיגע און סיי צו הייליגע זאכען. מיט דער לאמטערן פלעגט ער אראבגעהן אין שפייכלער, וואו עס האט זיך געפונען די תבואה, מיט וועלכע ער האט געהאנדעלט. מיט דער לאמטערנע פלעגט ער געהן אין שטאהל געוואהר ווע־רען צו דער קוה, צו עסט זי, צו שלאפט זי און צו האט זי גע־נוג שטרוי אונטער'ן זייט. מיט דער לאמטערן פלעגט ער אראבגעהן אין קעלער, זעהן צו איז נאך דא קארטאפליעס און צו פוילען זיי ניט...

אבער מיט דער זעלביגער לאמטערן פלעגט ער געהן אין אבענד אין בית־המדרש לערנען א פרק משניות, אדער אזוי זיצען ביי א ספר און אנגרייטען זיך אויף יענער וועלט...

דעם זיידע'ס שטיבעל איז געווען אין עק גאס. דער גאנצער "עק" גאס איז געווען בעוואוינט מיט גוים. יעדער גויאיש הוי־פעל האט געהאט א הונד. די בייזערע זיינען געווען אנגעבונדען אויף קייטען, די רוהיגערע, וואס פלעגען בלויז בילען, אבער ניט

בייסען, פלעגען ליגען ביי די הויפלעך און שלאפען. דער שוואַרצער שיין פון זיידען'ס לאמטערן, וואס האט בעגאסען און געצייכענט דעם זיידען'ס וועג, פלעגט די דאָזיגע הינט אויפוועקען. די הינד אויף די קייטען פלעגען זיך אנהויבען רייסען און יאמערן. די לינענדע הינט ביי די הויפען פלעגען אזוי זיך צובילען, אבער דער זיידע איז מיט דער לאמטערן געגאנגען רוהיג און זיכער זיין וועג, ביז ער איז אריין אין דעם אידישען תחום, וואו עס זיינען שוין קיין הינט נים געוועזן...

קומענדיג אין בית המדרש פלעגט דער. זיידע דאס ליכטעל אויסלעשען, די לאמטערן אוועקשטעלען אין א ווינקעל און זיך נעהמען צו א ספר. צום ספר האט ער שוין גענוצט א בית־מדרש־ליכט, וואס דער אונטער שמש פלעגט איהם אונטערטראגען מיט א סבר פנים יפות... אז דאס דאזיגע שטיקעל ליכט איז געוועזן גרוים, פלעגט דער זיידע נאָכ'ן לערנען דאס רעשטיל צוריקגעבען דעם אונטער־שמש.

אין זעלטענע פעלע, פלעגט דער אונטער־שמש ערלויבען דעם זיידען זיך בענוצען מיט א שטיקעל ליכט פון בית־מדרש פאר זיין לאמטערן. אזא פריווילעגיע האט דער זיידע געהאט אויך צוליעב זיין לאמטערן, וועלכע איז ביי דעם אונטער־שמש שטארק חשוב געווען. ניט איינמאל פלעגט דער דאזיגער פערבמורעטער אונטער־שמש די דאזיגע לאמטערן בעטראכטען, עפענען און פערמאכען דאס טירעל און שמוצערן מיט די ליפען פאר גרוים התפעלות, ווי אזוי די לאמטערן איז קונציג געבויט.

— אן אמת'ע שטוב ! — פלעגט דער אונטער־שמש זי ריהמען פאר'ן זיידען.

און דער זיידע, א צוגעלאזטער איד, פלעגט איהם דערצעהלען די ביאגראפיע פון דער דאזיגער לאמטערן, אז בעשטעלט האט ער זי נאך ביי חנן דעם גלעזער, עליו השלום. און אז דער "פלאן" פון דער לאמטערן איז זיינער, דעם זיידען'ס,

הייסט עס, אן אייגענער... איבערהויפּט האט זיך דער זיידע אפּגעשטעלט אויף דער טהיר.

— די טהיר — האט ער מסביר געווען — איז מיינע אן אייגענע המצאה...

און דער זיידע האט זיין לאַמטערן טייערער געהאַלטען מעהר פון אנדערע חפצים. זי איז ביי איהם געווען אפילו חשובער פאר די שפּאַקולען, וועלכע ער האט געברויכט סיי זומער, סיי ווינטער. אין דער לאַמטערן האט זיך אויסגעדריקט דעם זיידען'ס ליעבע צו שעהנקייט, צו שפּיעלעריי. מיר אייניקלעך, האבען בעשיינפּערלעך געזעהן, אז דער זיידע האט די לאַמטערן מעהר ליעב צוליעב איהר שעהנהייט ,איידער צוליעב די נוצליכקייט...

און מיר האבען ליעב געהאט דעם זיידען מיט זיין לאַמטערן.

---

איינמאל איז דער זיידע שטאַרק קראַנק געוואָרען, עס איז געווען אן אסיענדיגע נאכט. מיר אלע, זיינע דערוואַקסענע זיהן, טעכטער און אייניקלעך, זיינען זיך צוזאמענגעקומען אין זיין שטיבעל, און זיינען אלע מינוט צוגעגאַנגען צום בעטעל, זעהן וואס ער מאַכט. ער איז געלעגען מיט אפענע אויגען און האט מיט זיי געקוקט ערגיץ ווייט. מיר האט זיך געדאַכט, אז דער זיידע זעהט עפּיס איצטער מעהר און ווייטער ווי מיר אלע... דאס קינדערשע האַרץ מיינס, האט זיך געשראַקען און איז אין איין צייט שטאַרק נייגעריג געווען.

ענדליך האט זיך מיין טאַטע אנגערופען :

— לאָז עמיצער געהן רופען א דאָקטאָר...

דער זיידע האט פון דאָקטוירים ניט געהאַלטען און ער האט שוואַך אויסגערעדט :

— גאָט איז א דאָקטאָר !

אבער אז מיין טאַטע און נאָך איהם די איבעריגע קינ־

דער האבען זיך איינגעשפארט, האט דער זיידע מסכים געווען.

מיין עלטערער ברודער האט זיך אויסגערופען צו געהן.

— עס איז אין דרויסען פינסטער... האט דער זיידע שוואך גערעדט — נעהם מיין קינד מיין לאמטערן, נאר פאמעליך, צור־ברעך זי ניט...

אין דעם לאמטערן איז געלעגען א פיצעל ליכטעל... דאס אייניקעל האט זי בעטראכט, ער האט משער געווען, אז זי וועט ניט זיין גענוג צו ברענען דעם גאנצען וועג. ער האט אבער ניט געוואלט מאכען איצט קיין גערייד. ער האט אנגעצונדען דאס פיצעלע ליכט און אין לאמטערן איז ליכטיג געווארען...

דער זיידע האט געווארפען א בליק צו דער אנגעצונדע־נער לאמטערן און האט זיך מיט וועהטיג צעשמייכעלט...

---

דער דאקטאר האט דעם אלטען זיידען ניט געהאלפען. פארטאג איז ער אויסגעגאנגען.

גערעכענט האט מען די לויה מאכען ביי טאג, אבער אזוי ווי די חברה קדישא האט זיך עפעס איינגעשפארט, און דער טאג איז געווען פון די סאמע קורצע ווינטער־טעג, האט עס ארייננגעצויגען ביז אבענד. אויפן גאס איז געווען שטארק פינס־טער און עס האט זיך געדוכט אז דאס האט דער טויט אנגע־טהאן א פעך שווארצען מאנטעל און געהט מיט...

איינער פון דער משפחה האט מיר צוגערופען איידער די לויה האט זיך געריהרט פון ארט און מיר געזאגט:

— געה, נעהם די לאמטערנע...

איך בין מיט פרייד און שרעק געמישט, אריינגעלאפען צוריק אין זיידען'ס שטיבעל... דאס לעדיגע בעט האט מיך גע־שראקען, אבער איך האב מיך געשטארקט, א חאפ געטהון די לאמטערן און געפינענדיג א שטיקעל פערשמאלצען ליכט אויפ'ן קוימען, האב איך עס אנגעצונדען און אריינגעשטעלט אין דער לאמטערן, און האב זי ברענענדיג ארויסגעטראגען צום טאטען

אין דרויסען.

די לויה האט זיך געריהרט... די עדה אידען, וואס איז נאכגעגאנגען, האט נאכגעזאגט די שבחים פון מיין זיידען. די לאמטערן האט שטיל און טרויעריג געברענט און האט בעלויכ־טען די שווארצע מטה, וואו דער זיידע איז געלעגען מיט אויס־געשטארטע פיס און האט ווי פון אונטער'ן שווארצען געוואנט ארויסגעקוקט צו זיין לאמטערן.

און מיר האט זיך געדאכט, אז דעם זיידען טהוט ניט באנג ניט דאס שטיבעל וואס ער פערלאזט, ניט זיינע קינדער און אייניקלעך, און קיין זאך ניט — א שאד איז איהם בלויז די לאמטערן... די שעהנע לאמטערן, וועלכע ער האט אזוי ליעב געהאט און קאן זי איצט ניט מיטנעהמען אין קבר...

און מיין קינדיש הארץ האט אין דעם פייעריל, וואס האט געצאנקט אינווענינ אין דער לאמטערן, געזעהן דעם זיידען'ס נשמה...

# דער בוים

עס איז געוועזן א לאנגע גאס, ווענינסטענס אין דעם אידישען קליין־שטעדטיל האט זי זיך גערעכענט פאר די לענגסטע. זי האט פערמאגט פערציג הייזלעך, אויסער די ״חורבה״, אין וועלכע קיינער האט שוין זייט צעהן יאהר ניט געוואהנט. די איינוואהנער פון דער גאס זיינען געווען דורכאויס אידען, דער איינציגער גוי, וואס איז געווען אין גאס, איז אויך געווען א האלבער איד: גערעדט אידיש, געהאלטען פון א סך אידישע מנהגים, וואס זענען א סגולה צום געזונד, און ער האט געוואהנט אין א אידיש שטיבעל, וואו ביי דער טהיר איז געווען צו געשלאגען א מזוזה. אזוי, אז די אידישע ״ארימע־לייט״, געהענדיג איבער די הייזער, פלעגען זיין שטיבעל אויך ניט דורך לאזען און פלעגען א מאל כאפען ביי איהם — ניט אין א יקרות־יאהר — א צוויי, דריי קארטאפעל...

די דאזיגע גאס האט געהאט צוויי ברונימס, איינער מיט איין ״אצאפ״ און דער צווייטער מיט א ראד, (דער ברונים מיט'ן ראד איז געווען א שטיקעל נייעס אין גאס און די עלטערע אידען האבען די ערשטע צייט אויף איהם ״מתרעם״ געווען, נאכדעם זיינען זיי אבער געוואהנט געווארען), אויך האט די גאס געהאט איין ״ערוב״, צוויי גריבער, וואו די קינדער פלעגען זיך אין זאמד שפיעלען און צוויי גאנץ טיעפליבע רינשטאקען ביי די זייטען פון דער גאס.

עס פערשטעהט זיך, אז די לאנגע נאס, וואס איז געווען בעזעצט מיט אידען, איז ניט געווען איינגעטונקט אין ביימער. די גאסינע אידען, וואס האבען אלע גוט "לערנען" געקענט, האבען געוואוסט, אז אמאל, אין ארץ־ישראל, איז יעדער איד געזעסען אונטער זיין "ווינשטאק" און "פייגענבוים"; אויך האבען זיי געוואוסט פון די צעדער־ביימער אין וואלד לבנון און פון נאך אנדערע ביימער, וואס ווערען אויסגערעכענט אין פסוק... דא אבער, אין חוץ־לארץ, האבען זיי פון ביימער ווייניג געוואוסט; ניט קלאר פערשטאנען, ווי אזוי וואקסט עס אויס א בוים. צווישען די חדר־אינגלעך נאר איז "אומגעגאנגען" א "סוד", אז אויב מען זאל פערזייען די קערענדליך פון אן עפעל אין דער ערד, קען אין א צייט ארום אויסוואקסען א בוים. נאר עס איז מעהר ניט געווען ווי א קלער, קיין אמת'ע אמונה האבען די חדר־אינגלעך דערין ניט געהאט און האבען זיך אפילו נעפוילט צו מאכען א פרוב איינצוזייען אזעלכע קערענדליך.

און די לאנגע גאס האט טאקי נאר איין איינציגען בוים געהאט, און יעדערען איז געווען א וואונדער, ווי אזוי קומט דער בוים אהער!

דער בעל־הבית פון דעם בוים, חיים יאנקעל דער שניידער, האט אויך ניט קלאר געוואוסט ווער האט דעם בוים פערפלאנצט, און ווי אזוי ער איז אויסגעוואקסען. זיין טאטע האט עס געוויס ניט געטהון, ווייל אז חיים יאנקעל איז נאך געווען א אינגעל, איז שוין דער בוים געווען אזוי גרויס און דיק, ווי איצטער. חיים יאנקעל'ס "נחלה" איז איהם איבערגעגאנגען בירושה אודאי פון א זעקסטען דור, אפשר האט די נחלה געהערט אמאל צו א גוי און דער גוי האט איהם פערפלאנצט?

נאר ווי די געשיכטע זאל ניט זיין, אזוי צו אנדערש—די "לאנגע" גאס האט געהאט א בוים און דער בוים איז געווען חיים יאנקעל דעם שניידערס. געוואקסען האט דער בוים נעבען שטיבעל, הארט ביים פענסטער, וואס האט צום גאס ארויס־

געקוקט און חיים יאנקעל פלעגט בשעת דער ארבייט קענען קוק־קען אויף זיין בוים, וועלכען ער האט ליעבער געהאט ווי אלעס אין דער וועלט.

הערבסט־צייט, ווען דער ווינד פלעגט בלאזען, פלעגען דע־מאלט די צווייגען זיך שאקלען און רוישען טרויעריג אין פענס־טער אריין, ווי זיי וואלטען עפּעס איין אומעטיגע לאנגאנגענדי־גע מעשה וועלען חיים יאנקלען פערצעהלען, און דעמאלט פלעגט חיים יאנקעל אומעטיג ווערען, די נאדעל פלעגט ווי וועלען ארויסשפּרינגען פון די פינגער, ביז ער פלעגט זי אין גאנצען פון האנד ארויסלאזען, אנלעהנען זיך צום פענסטער און פער־טראכטערהייד אונטערברומען: מיט א האלב־צובראכענעם קול:

אז בהלך ירמיהו,
על קברי אבות !...

און אין שטיבעל פלעגען זיך דעמאלט הערען, ווי שטילע טריט פון מתים...

זומער אבער פלעגט דער בוים מעהר רושם מאכען אויף חיים יאנקלען: "מלאכה" איז געווען ווייניג, צייט צו פאנטא־זירען — מעהר, און ער פלעגט אין דער לעדיגער צייט ליעגען אונטער'ן בוים. די צווייגען פלעגען שטיל, פארזיכטיג רוישען, א פויגעל פלעגט זיך א מאל פער'גנב'נען אויף זיי און טשי־ריקען, און חיים יאנקעל פלעגט דעמאלט צומאכען די אויגען און קלערען און טראכטען פון עפּיס העכערס, ווי שער און איי־זען...

אין זומערדיגע שבתים, אז עס פלעגט הייס זיין, פלעגען א מאל קומען נאהענטע שכנים אויסרוהען אונטערן בוים נאכ'ן טשאלענט.

דאמאלט פלעגט חיים יאנקעל האבען א גרויסען כבוד. עס פלעגט אויך קומען טוביה דער גמרא־מלמד, א הויבער דא־רער איד מיט איינגעפאלענע באקען, טוביה פלעגט רעדען זעהר שטיל, בנעימות'דיג און חיים יאנקעל האט איהם זעהר געשעצט.

— וועלען מיר אַ ביסעלע אָברוהען אונטער אייער בוים, ר' חיים יעקב! פלעגט טוביה שטיל אַרוים ריידען, אויסציהענ־דיג זיך מיט אַ מידען שמייכעל אונטער'ן בוים און ניט קוקען חיים יאַנקלען אין פּנים בשעת ריידען.

— אהה, מיט'ן גרעסטען כבוד, ר' טוביה! — פלעגט חיים יאַנקעל כמעט, ווי אויסשרייען — מיט'ן גרעסטען כבוד! רוהט אייך אָב, מהיכא־תיתי!

— כי האדם עץ השדה — פלעגט טוביה אַריינקומען אין אַ שטימונג, ליגענדיג אונטער'ן בוים — אַ בוים, ר' חיים יעקב איז געגליכען צו אַ מענשען.

און ר' חיים יאַנקעל פלעגט אויפהויבען די אויגען, בעט־טראַכטען די צווייגען פון בוים, דעם שטאַם, ווי ער וואָלט גע־זוכט איין עהנליכקייט צווישען אַ מענשען מיט אַ בוים. קיין גרויסע עהנליכקייט פלעגט ער ניט געפינען. דאָך פלעגט ער ענטפערען:

— אודאי, וואָס דען ר' טוביה!

— אַ בוים לעבט אָבער לענגער, ווי אַ מענש! פלעגט ר' טוביה באַלד סותר זיין זיינע ווערטער און פלעגט זיך פאַנאַנ־דער הוסטען.

געהוסט האָט ר' טוביה לאַנג און שווער און יעדער הוסט האָט חיים יאַנקלען אָבגעקלונגען, ווי אַ שטימע וואָס רעדט:

— ר' טוביה וועט באַלד שטאַרבען, ער האָט די שווינד־זוכט און דער בוים וועט אונז אַלעמען איבערלעבען... אויך פלעגט איין אַנדער שבת קומען אָברוהען אונטער'ן בוים זרח ברייגעס, דער "נגיד" פון גאַס. נעהען בגדים פלעגט זרח ביי אַ צווייטען שניידער, נאָר חיים יאַנקעל פלעגט זיך ניט נוקם זיין אין איהם, זיך ניט בענוצט מיט זיין שטאַרקייט, וואָס ער קען איהם פון זיין בוים אַוועק טרייבען; אדרבא, ער פלעגט איהם זעהר שעהן אויפנעהמען, ווי ער וואָלט וועלען דעם נגיד בעווייזען, אַז ער בעשטעהט ניט אין זיין מלאכה...

— א וואוילער בוים! פלעגט ר' זרח לויבען, בעטראכטענ־דיג דעם שטאם — אזא בוים, מען זאל צוהאקען קען קלעקען אויף א ווינטער הייצען... מיר איז א חדוש, וואס דו צוהאקסט איהם ניט, חיים יאנקעל ?

חיים יאנקעל פלעגט ווערען אנגעצונדען פון אזא פארלייי־גונג : "א חזיר" וואלט אלץ וועלען אויפעסען ! פלעגט ער אין הארצען טראכטען, נאר ר' זרח'ן פלעגט ער ענטפער'ען איי־דעלער :

— מען טאר נישט האקען, ר' זרח ! מען טאר נישט ! עס איז אפילו א זינד צו זאגען אזוינס. א בוים, זאגט ר' טוביה, איז ווי א מענש...

— כי האדם עץ השדה ! פלעגט טוביה אונטערזאגען ווי פון שלאף.

— עט נארישקייט, עס איז נאר א משל !... פלעגט דער "נגיד" א מאך טהון מיט דער האנד... נו, מען דארף א דריי־מעל טהון, וועסט מיר "א וועק" טהון אזייגער דריי, וועל איך מיר געהן טרינקען א גלעזעל "ווארעמס"...

---

איין חסרון האט אבער דער בוים געהאט: עס האט אויף איהם "פירות" געוואקסען און דאס האט איהם און חיים יאנק־לען געשאדט.

וואלטען האטש די "פירות" געווען גערא‌טענע, וואלט דאס אונגליק אפשר ניט אזוי גרוים געווען. חיים יאנקעל וואלט זיך "מרבה הוצאה" געווען און וואלט געזעהן, אז דער בוים זאל ניט שטעהן אין א "רשות הרבים" ער וואלט איהם ארום גע־צאמט, צו ער וואלט איהם פערדונגען זעליג דעם "סאדאווניק", און יענער וואלט זיך שוין איין עצה געגעבען, ווי אזוי צו פער־היטען איהם פון שלעכטע הענד.

האבען אבער אויף'ן בוים געוואקסען נאר ווילדע עפעלעך. עסען האט מען זיי ערשט געקענט שפעט אין ווינטער, ווען זיי

ווערן, ליגענדיג אויפ'ן בוידעם, שטארק איבערגעפרווירען. דאמאלט איז אויך אויף שונאים געזאגט זייער טעם, וואס זיי האבען, די גאנצע מעלה פון די עפּעלעך, וואס זיי זיינען א רפואה צו "מטשאד" און פריידע, חיים יאנקעל'ס ווייב, פלעגט טאקי מיט די דאזיגע עפּעלעך אבראטעווען דאס גאנצע געזינד, ווען מען פלעגט ווינטער־צייט פון די אנגעברענטע פּרעסלעך די קעפּ פערטשאדען...

די גאס־אינגלעך אבער האבען נישט געקוקט, וואס די עפּעלעך זיינען ווילדע, זייערע געלד זיינען זיי ווערטה געווען... ווארטען ביז די עפּעלעך וועלען איבערפריהרען אויפן בוידעם, זיינען זיי דארויף צו היציג געווען, פאר "מטשאד" האבען זיי קיין מורא ניט געהאט, און דעריבער, ווי עס פלעגט קומען אנ־הויב אלול און די עפּעלעך פלעגען בעקומען א געהעריגע צורה, פלעגען זיי יעדען "נאכמיטאג", יעדען "בין מנחה למעריב" בעי־לעגערען דעם בוים, ווארפען אויף די שפּיצען צווייגען, וואו די עפּעלעך האבען געדיכט געוואקסען, מיט העלצער, שטיינער און מיט געראויש און געפילדער פלעגען זיי אנלעגען פולע קעשענעס מיט "רויב".

דערזעהענדיג די מחנה קינדער ביים בוים פלעגט חיים יאנקלען אנהויבען ציטערן הענד און פיס, ער פלעגט ווי איין אבגעבריהטער ארויסלויפען פון שטוב, אראבווארפענדיג די שטיקעל ארבייט פון דער הענד אויף דער ערד, און פלעגט ברומ־מען:

— שקצים, וואס ווילט איהר פון דעם בוים, איך וועל אייך ממית זיין!

די גאס־אינגלעך פלעגען זיך לכתחילה דערשרעקען און מיט א געפילדעריי און פייפעריי זיך לאזען אנטלויפען, אין א ווילע ארום, און זיי פלעגען בעמערקען, אז חיים יאנקעל איז צוריק אין שטוב אריין, פלעגען זיי זיך ווידער צוזאמען קומען און מיט מעהר פרישקייט זיך נעהמען צום בוים...

און דאמאלט פלעגט זיך אנהויבען א מלחמה אויף לעבען און טויט. חיים יאנקעל פלעגט שוין אנהויבען געברויכען "כלי זין" און מיט א שטעקען פלעגט ער זיך לאזען לויפען ווי א ווילדער טיגער נאך דער מחנה אינגלעך; די אינגלעך פלעגען מיט א געלעכטער און "הורא" זיך לאזען אנטלויפען, און ווי־דער קומען צו לויפען...

אמאל פלעגט חיים יאנקלען די גערולר פלאצען און ער פלעגט זיך לאזען לויפען ווייט, ווייט נאך די אינגלעך. דאמאלט פלעגט ווערען אין גאס א טומעל, אידען מיט בערד, ווייבער און קינדער פלעגען ארויסלויפען פון די הייזעך, און דערשרא־קענדערהייט איינער דעם אנדערען פרעגען:

— וואס איז דאס ? הא ?...

באלד אבער פלעגט זיך דער טומעל ערקלערען און איינער פלעגט דעם אנדערען בערוהיגען:

— גאר נישט, גאר נישט, חיים יאנקעל דער שניידערוק יאגט זיך נאך די אינגלעך... א שניידורע א ביסעל! פרעג, וואס זשאלעוועט ער זיי די עפעלעך ? מעהר ווי בויכוועהטאג האט מען פון זיי נים.

דערזעהענדיג אזא מיאוסע מיינונג וועגען זיינע עפעלעך, פלעגט חיים יאנקעל נאך מעהר צורייצט ווערען און פאר כעס פלעגט ער כאפען א אינגעל און איהם געבען א קלאפ.

— אוי — אוי — ! פלעגט זיך דאס אינגעל הויב צוא־וויינען — פאר וואס שלאגט ער מיך ? איך האב גאר ניט גע־ריסען...

— בתיה ! מען האט אייער אינגעל געהרג'עט: פלעגט א שכנה אנזאגען פאר גוטע פריינדשאפט וועגען דער אינגעלם מו־טער.

— זאל אייך א דונער איינשלאגען ! פלעגט זיך די מו־טער אננעהמען פאר איהר קינד — וואס שלאגט איהר עפעס מיין קינד. איהר גיט איהם עסען ? זאלען אייך ווערים עסען !

העזן־אביסעל ? ער האט א שטיקעל בוים מיט סם־המות׳דיגע עפּעלעך — קאכט די גאס !...

און אויף חיים יאנקלען פלעגט די גאנצע גאס אנפאלען און יעדער פלעגט איהם זידלען און מאכען צו גלייך מיט דער בלאטע. ״געזעצטע״ ״בעלי־בתים״ אבער פלעגען איהם נאר זאגען ווייבען מוסר :

— זאגט אליין, ווי שעמט זיך דאס ניט א איד מיט א בארד, צו האבען אין זינען אזעלכע נארישקייט: בוים, שמוים! דאס פאסט פאר א גוי, ניט פאר א אידען... קינדער — זיי רייסען, זאלען זיי רייסען ! עס האט עפעס א ווערדע די עפּעלעך ? פע, חלשות !

— מיר ארט ניט די עפּעלעך —פלעגט חיים יאנקעל ענטפערען ווי מיט א וויינענדען קול — דעם בוים קאלעטשען זיי מיר, די צווייגען צוברעכען זיי...

— צווייגען — שמייגען ! — פלעגען די געזעטצע בעלי־בתים ווידער אנהויבען מוסר׳ן, — נו, זאגט אליין, זייט איהר ניט ערגער פאר די קינדער ? א געשעפט האט איהר ! אט געהט אהיים און נעהמט זיך צו דער ארבייט ! פע, חלשות! א איד מיט א בארד !...

און חיים יאנקעל פלעגט זיך נאך אזא מוסר פיהלען, ווי א קינד נאך אן אבגעטהאנעגער נארישקייט. ער פלעגט פערשעהמט א קוק טהאן אויף דעם ״מוסר־זאגער״, דערנאך אויף דער אייגענער בארד, נאריש א שמייכעל טהאן און זיך לאזען צוריק אהיים געהן.

צוקומענדיג נאך אזא מעשה צום שטיבעל פלעגט זיך חיים יאנקעל שטעלען ביין בוים. אויף דער ערד נעבען בוים פלעגען זיך וואלגערען שטיקלעך אפּגעבראכענע צווייגלעך, אין דער הויך, אויפ׳ן שפּיץ בוים, זיינען א פּאר צווייגען געהאנגען איבערגעבראכענע און האבען אויסגעזעהן ווי הרוגים. חיים יאנקעל פלעגט קוקען אויף די צובראכענע־צווייגעלך אויף דער

ערד, אויפן בוים; קוקען, זיפצען און מיט א געקלעמטען האר־צען אריין געהן אין שטוב...

אזוי פלעגט יעדער אלול ביז א שטיק אין הערבסט רוי־שען די גאס און דער איינציגער בוים האט אין גאס א סך לע־בען געבראכט...

* * *

עס זיינען אזוי איבערגעלאפען א צעהנדליג יאהרען.

און די צעהן יאהר האבען א פאר סמנים געלאזען אין דער גאס: די "חורבה" איז צולעגט געווארען, לויט דעם בעפעהל פון א נייעם פריסטאוו, וואס האט געזאגט, אז אזוינע חרבות טאר־רען "פא זאקאנו" ניט שטעהן; טוביה דער גמרא־מלמד האט זיך איינמאל שטארק פונאנדער געהוסט, ניט געקענט חאפען דעם אטהעם און איז אוועקגעשטארבען; זרח דער נגיד האט גע־וואלט ווערען א גביר, האט געקויפט דריי הונדערט פוד טרוקע־נע יאגדעס און האט עם געהאלטען אויף "ספעקולאציע", האט צוגעלעגט זיין אייגענס און האט נאך פערנומען א 25־גער פרעמדע געלד און איז אן ארימאן געווארען.

און דער בוים אין גאס איז נאך אלץ געשטאנען און אין הערבסט, ווען דער ווינד פלעגט בלאזען און די צווייגען פלע־גען טרויעריג רוישען, פלעגט חיים יאנקעל אלץ אונטערברומען דעם זעלטען ניגון מיט די זעלביגע ווערטער פון "קינות":

אז בהלך ירמיהו
על קברי אבות

זומער אין א לעדיגער צייט פלעט ער נאך אלץ ליעגען אונטער'ן בוים און טראכטען וועגען עפעס העכערס פון שער און אייזען... אלול־צייט פלעגט ער אלץ האבען צו טהון מיט די חדר־אינגלעך, וואס פלעגען קומען בעלעגערען דעם בוים און די גאס פלעגט אלץ רוישען און קאכען: עפעלעך, בוים, חיים יאנ־קעל!...

* * *

עס זיינען אוועק נאך עטליכע יאהר.

אויף טוביה דעם מלמד'ס מצבה זיינען שוין א פאר ווער־טער אבגעמעקט געווארען; זרח דער גביר איז שוין אין גאנצען אן אביון געווארען. פריידע, חיים יאנקעל'ס ווייב, איז גע־שטארבען, חיים יאנקעל איז שוין ווייס געווארען און דער בוים איז נאך אלץ געשטאנען...

דער בוים איז שוין אבער אויך ניט דער זעלבער געווען.

— עפעס ווייס איך ניט וואס מיט'ן בוים איז געווארען ?
— פלעגט זיך חיים יאנקעל וועלען אמאל אויסרעדען דאס הארץ פאר אימעצען. — עפעס איז ער ווי איינגעבויגענער גע־ווארען, שיטערער די צווייגען און איז גאר ניט דער, וואס א מאל.

נאר קיינער פלעגט איהם ניט ענטפערען: — א נארישער שניידער ! — האט אלץ איין עסק מיט'ן בוים, ער שמעקט ראכט זיך שוין מיט "קברות־בלעטלעך", ער וואלט בעסער תהלים זאגען, עפיס אנגרייטען פאר "דארטען" !...

און חיים יאנקעל האט מיט זיינע מאטע אויגען, מיט א געקלעמט הארץ געקוקט, ווי דער איינציגער בוים אין גאס שטארבט אב צוזאמען מיט איהם...

— די קינדער האבען איהם אוועקגעהרג'עט ! פלעגט ער וויינען אין דער שטיל — דער בוים דארט, ער שטארבט אב...

און חיים יאנקעל האט זיך דערמאהנט אן טוביה עליו־השלום'ס ווערטער: כי האדם עץ השדה...

— א למדן א איד געווען; א שאד, וואס ער איז געשטאר־בען... פלעגט חיים יאנקעל זיפצען אין אזוינע מינוטען, פלעגט זיך אנלעהנען אן פענסטער- צוהערען זיך, ווי דער בוים רוישט קוים מיט זיינע עטליכע איבערגעבליעבענע צווייגען, און חיים יאנקעל פלעגט אריינפאלען אין א שווערער מרה־שחורה...

# יאזעף אין דער אידישער גאס

דער אידישער גוי אין אונזער גאס איז געווען יאזעף. איך הער, ווי איהר ווילט מיר פערריכטען א פעהלער און לייענען „יאזעף", נאר האלט זיך איין, ליעבע אידען, חאטש דאס מאל און ווייזט ניט ארוים אין אלץ אייער חריפות — איך ווייס איהם און געדענק איהם נאר מיט דעם נאמען „יאזעף" און נאר דער נאמען איז מיר טהייער און אז איך דערמאן זיך איצט אן איהם ווילט זיך מיר זאגען: זכרונו לברכה אדער ווענינגסטענס עליו השלום... זייט עס מיר מוחל, ליעבע אידען..

ווען דער דאזיגער יאזעף וואלט געבוירען געווארען ביי רייכע עלטערן, וואלט ענדיגען אן אוניווערזיטעט און א געלעהרענטער געווארען, וואלט ער זיך זיכער ביי אונז גערעכענט „מחסידי אומות העולם" און ניט וועניג אידישע שרייבער וואלטען פאהרען צו איהם, האבען איין „אינטערוויו" מיט איהם, אויסהערען זיינע הומאנע דעות וועגען אידען און אידענטהום און ניט וועניג פובליציסטען וואלטען ניט וועניג ארטיקלען איבער איהם געשריעבען: יאזעף און זיינע בעציהונגען צו אידען, און ווער ווייסט ווי ווייט זיין נאמען וואלט געקלונגען ביי אונז...

אז ער איז אבער נאר א אידישער גוי געווען, א חוטב עצים ושואב מים און איין ארבייטער פון אנדערע ארבייט ביי אי־דען, ווי עס ניעט זיך ווייטער דערצעהלען, איז ער נאר געווען בעקאנט אין אונזער אידישער גאס און נאר דארט האבען זיי־נע דעות וועגען אידען געקלונגען, קיינער אבער האט ביי אונז ניט געהאט די העזה צו צולעגען יאזעפ'ן עפעס א טיטול, וואס זאל אבשפיעגלען זיינע געדאנקען וועגען אידען. בלויז מיין טע־טער, ר' בער, א איד א גרויסער למדן און א גרויסער פחדון, וואס דערזעהענדיג, אז א גוי געהט אין איין זייט גאס פלעגט ער איבערגעהן אויף דער צווייטער זייט, — בלויז דער פע־טער פלעגט האבען א כח צו זאגען אויף יאזעפ'ן, אז ער איז איין אוהב ישראל און אז דער פעטער איז געווען בעזונדערס אויפ־געלעגט און יאזעפ'ס גוטע פריינדשאפט צו אידען פלעגט איהם בעזונדערס ריהרען, פלעגט ער נאך צולעגען:

— ווער ווייסט ? עס קאן זיין, אז יאזעפ וועט האבען עולם הבא...

און מיינט ניט, אז מיין פעטער ר' בער איז געווען אזא ותרן, איין אויסברענגער, וואס זאל טהיילען א ליאריען גוי עולם הבא. מיין פעטער האט גאר ניט געהאט אזא ברייטע הארץ, וואס איז געווען אפילו נוגע אין עולם הזה, בפרט אין עולם הבא, וואס ער האט עס געהאלטען פאר אמת'ע צדיקים.

דערפון קאן מען זיך שוין פארשטעלען, ווי ווייט יאזעפ האט ליעב געהאט אידען און עס וועט שוין קיין וואונדער ניט זיין, וואס נאך זיין טויט וויל איך איהם שענקען א בלעטעל אין דער געשיכטע פון דעם אידישען פאלק. קנייטשט זיך ניט, ליעבע אידען; גלויבט מיר, יאזעפ איז עס ווערט. אויסער זיי־נע גוטע פריינדשאפט צו אידען, וואס דאס האט ער מיט געע־נוג ווארימע ווערטער ארויסגעוויזען, האט ער אונזער גאס פיעל געדיענט, פיעל נוצען געבראכט, ער האט אונז זיינע בעסטע כחות אוועקגעגעבען...

אמת טאקי, אונזער גאס האט איהם געצאהלט פאר זיין "דיענען" אונז. יאזעפ האט געפיהרט זיין גאנצע הוצאה פון אונז און האט געלעבט גאנץ בעלי־בתיש. ער איז קיין מאל ניט זשעדנע געווען אין א שטיקעל ווייצענס, אפילו אין דער וואכען און האט געהאט א מזומנע קאפיקע אויך, אבער זיין גוטע פריינדשאפט צו אידען האט ניט דערפון, חלילה, גע־שטאמט און מיר וואלטען שטארק געזינדיגט, ווען מען וואלט איהם דערין חושד געווען... יאזעפ איז ניט געווען קיין מאטער־יאליסט, ווארום אז ער וואלט וועלען גליקען זוכען, וואלט ער געפינען ניט ביי אונז אין גאס... ער איז געווען א געזונדער גוי, געהאט צוויי גרויסע גראבע הענד, וואס קיין ארבייט איז פאר זיי ניט שווער געווען, האט ניט "געטרונקען", אויסער אמאל פסח צייט אביסעל ווייו, וואס די גאס פלעגט איהם גע־בען אויף מארגען נאכ'ן סדר... אזא גוי קריגט אויף זיך אלע מאל א בעלן, און די ארומיגע פריצים האבען טאקי אויף איהם אויגען געווארפען און ניט איינמאל געוואלט איהם אבריידען פון אונז און צונעהמען איהם צו זיך פאר א פאראבעק. נאר יאזעפ האט געשפיים דערויף. ער האט אונזער גאס ניט גע־וואלט און ניט געקענט פערלאזען און פלעגט ענטפערען, אז ער האט זיין אויסקומעניש ביי די אידען, ניט צו פערזינדי־גען....

---

**אין וואס איז בעשטאנען יאזעפ'ס ארבייט פאר דער גאס?**

יאזעפ איז געווען א מושלם אין אלץ: ער האט האלץ גע־האקט, וואסער געטראגען, קיה און ציעגען אום שבת געמאל־קען, די אויבענס געהייצט, די לייכטער אראבגענומען און פאר בעני'ן דער איינציגער "ריסטאקראט" אין גאס, וואס האט געהאט א פאר טויזענד רובעל אייגענס און א גרויס שטעדטיש ווייב, האט ער אויך שבת דעם סאמאוואר אנגעשטעלט און

פלעגט די ערשטע גלאז טהעע אויסטרינקען. לכתחלה פלעגט ער זיך בעריהמען מיט דעם כבוד, וואס ער האט ביי בעני.

— אן עדעלער איד! — פלעגט ער איהם לויבען נאכדעם אין גאס — ער לאזט מיך ניט אוועקגעהן, ביז איך זאל ניט אויסטרינקען א גלאז טהעע. זאל פריהער ר' בעני טרינקען, זאג איך, — ניין! ניין! זאגט ער, טרינק דו פריהער, ניט אנדערש, יאזעפ!... אן עדעלער איד...

שפעטער איז אבער יאזעפ געוואהר געווארען, אז ניט פון עדעלקייט גיט מען איהם ביי בענין די ערשטע גלאז, נאר צו־ליעב א דין (מיין פעטער בער דער למדן, דאכט זיך, האט דאס איהם דערקלערט) און ער איז אביסעל ברוגז'ליך געווארען. מיינט ניט, חלילה, אז געשאלטען, גערופען זשיד, מאשעניק. ווי מען זידעלט א אידען אין אזעלכע פעלע. ניין, דערויף איז יאזעפ ניט געוועזן פעהיג, ער האט נאר געמאכט א הערה, אז דער דין געפעלט איהם ניט, נאך זיין מיינונג קומט עס אויס: אבגענארט גאט... עס פערשטעהט זיך, אז זיין הערה האט קיין ווערט ניט געהאט און האט קיין שום שלעכטע ווירקונג ניט געקאנט מאכען אויפ'ן שלחן ערוך'ס אויטאריטעט, דען זיין הערה האט געשמעקט אביסעל מיט עהרגייץ! דאס דארף אבער ניט ווארפען קיין שאטען אויף יאזעפ'ס בעציהונ־גע צו אידען. ער איז דאך פארט נאר א אידישער גוי געוועזן, די טיפקייט פון א אידישען דין האט זיין נשמה פארט ניט געקאנט בעגעהמען...

און אלע ארבייט פאר דער גאס האט ער ערפילט עהרליך און יושר'דיג, און האט קיינמאל אונזער גאס ניט בעריסען, ווייל קיין מאטעריאליסט, ווי מיר האבען שוין געזאגט, איז ער ניט געוועזן, ער האט ליעב געהאט די ארבייט אליין און דערהויפט די, פאר וועמען ער האט געארבייט.

פאר א וואגען האלץ צוהאקען אויף דינע שייטלעך פלעגט ער נעהמען א פעקעלע מאחארקע פאר צוויי קאפיקעס, דאכט

זיך ניט טהייער ?... נאר קיין עקספלאטאציאן קאן עס אויך ניט הייסען, ווײלע דערין האט מען זיך אין אונזער גאס ניט אזוי שטארק גענייטהיגט אדער ווי די עקאנאמיקער דריקען זיך אוים אויף זייער לשון: "דאס איז ניט געווען קיין אונ־מיטעלבארע בעדערפעניש... יעדער בעל־הבית אין אונזער גאס האט געהאט א האק, צו בירושה, צו אליין געקויפט, און יעדערער וואלט ווי עס איז אליין שפאלטען די האלץ. אבער אז יאזעפ פלעגט פערביי געהן און דערזעהן, ווי א בעל־הבית שטעהט אויפ'ן הויף און שפאלט האלץ און דאס שייטעל טאנצט און שפרינגט אונטער זיינע הענד און וויל זיך בשום אויפן ניט אונטערגעבען, פלעגט ער זיך אבשטעלען, גוטהערציג צולאכען זיך און אין ריין אידישען לשון, וואס ער האט גערעדט ווי זיין מוטערשפראך, פלעגט ער זאגען :

— עי, ר' חיים, ר' חיים ! געה בעסער אין בית־המדרש אריין און זעץ זיך ביין משניות און שפאלטען לאז מיך. צו אזוי שפאלט מען האלץ ? גיעב אהער די האק.

— אבער ניט טהייער, יאזעפ.

— א קליין פעקעלע מאחארקע...

— נו, נו...

און יאזעפ פלעגט נעהמען די האק, בעשפייען די הענד, וואס ער האט עס געהאלטען פאר א גרויסע סגולה און דער וואגען האלץ פלעגט זיך פערוואנדלען כהרף עין אין דינע שיי־טעלעך און די בעל־הבית'טעס פלעגען הייצענדיג יאזעפ'ן בענשען און בענשען...

נאר דאס וואס ער פלעגט פאר א וואגען האלץ צוהאַ־קען ניט בעריסען, קאן מען טאקי זאגען, עס איז ניט געווען קיין נויט: מילא האבען די גאסיגע בעלי־בתים ניט געקאנט, ווי ער, קונציג האקען, אבער דאך קען מען זיך מיט האלץ ווי עס איז איין עצה געבען: העלפט אונטער דאס ווייב, איין על־טער בחור'ל — איינער האלט די האק מיט דער שארפער זייט

אויפ׳ן שייט האלץ, דער צווייטער קלאפּט מיט נאך א שייט האלץ אויף דער טעמפּער זייט האק און פריהער, צו שפּעטער, די שייט האלץ האט דאך אויך איהר ערלקייט, אז צוויי איד־דישע נפשות מאטערן זיך איבער איהר א האלבע שעה, מוז זי זיך צושפּאלטען.

וואס וואלטען אבער די גאסיגע אידען געטהאָן, ווען יאָ־זעף וואלט אום שבת געהעכערט די פּרייזען, וואלט ניט וועלען אויסהייצען שבת די אויבען אונטער א צעהנערל, פאר לייכ־טער אראבנעהמען — א זעקסער און פאר יעדע קליינע ארבייט אום שבת געריסען די הויט ? שבת איז דאך שוין אלץ א נויט, אליין קאן מען עס ניט טהאָן און ער איז איינער אין גאס, די איבעריגע פאר גוים אין גאס זיינען געוועזן רייכע בעלי־גופים, האבען געהאט אייגענע ערד און האטש א שטיקעל ווייסע חלה האבען זיי אויך ליעב געהאט, וואלט זיי דאך אבער דער הא־נאר און די שנאה צו אידען ניט ערלויבט צו ארבייטען פאר אידען, ווער רעדט נאך מעלקען א קוה, צי א ציעג און הייר־צען אין אויוועז.

אט אין וואס יאזעפ׳ס ״פּערדיענסט״ בעשטעהט. יאזעפ האט אפילו פאר שבת׳דיגע ארבייט ניט געשטעלט קיין הויכע פּרייזען, זיך קיינמאל ניט געבונטעוועט, ניט געמאכט קיין חלוק, צו האט איינער אכט לייכטער צי צוויי—אלץ איינס: פאר לייכטער אראבנעהמען א קאפּיקע מזומן מיט א שטיקעל חלה. מעגסט האבען טויזענד לייכטער און מעגסט האבען איינעם, דאס איז ניט מיין זאך, דאס איז א גאטס־זאך. פערקעהרט ביי נחום דעם שוסטער, וואס האט געהאט א קראנקע ווייב און פיער הונגעריגע קינדער, פלעגט יאזעפ קיין בארע געלד גאר ניט נעהמען, ער פלעגט ביי איהם אבנעהמען זיינע שכירות אסיען־צייט מיט צוויי גרויסע לאטעס אויף די שטיוועל און פלעגט נאך נחום׳ן דאנקען און דאנקען, ווי ער וואלט איהם א נדבה געשענקט, האטש ער האט די פאר לאטעס כשר פער־

דיענט ביי איהם.

און אז די קראנקע שוסטערקע פלעגט איהם אמאל שבת ווע‌לען אבשניידען א שטיקעל חלה פון דער ארימער קליין־חלה, וואס איז געלעגען אויפ'ן טיש, פלעגט יאזעפ אויך דעם נסיון ביישטעהן. ער פלעגט קוקען אויף דער חלה און קוקען, דרעהען די וואנסען, ווי ער וואלט זיך געהאלטען מיט זיי איין עצה און פלעגט צום סוף א מאך טהאן מיט דער האנד:

— ניין, חיענע, בעהאלט דאס פאר די קינדער...

* * *

כדי דער כאראקטער פון אונזער יאזעפ'ן זאל נאך ליכ־טיגער ארוים, כדי זיינע טהאטען, וואס ער האט געצייגט דער אידישער גאס זאל א היסטארישען ווערט בעקומען מוזען מיר זיך בעקענען מיט זיין פלונית'טע מרת יאזעפיכע...

ניט קוקענדיג, וואס יאזעפ איז געווען א פראסטער, ניט קיין געלעהרענטער און האט דעריבער ניט פערדיענט דעם טי־טעל "מחסידי אומות העולם", האט ער דאך אבער איין עהנ־ליכקייט צו איינעם מחסידי אומות העולם יא געהאט, נעמליך צו סאקראטען. זיין ווייב איז געווען א מין גלגול פון סקראט'ס ארורה, וואס האט נעבעך זיין לעבען פערביטערט, ווי די היס־טאריע דערצעהלט אונז.

די יאזעפיכע איז געווען דער היפוך פון איהם. זי איז גע־ווען איין אמת'ע אנטיסעמיטיכע, מיט אלע אנטיסעמיטישע איבערצייגונגען און פאראורטהיילען... זי האט שטענדיג גע־שריען אין איין קול, אז די אידען פון דער גאס האבען ארייג־גענומען איהר מאן צו זיך, ארבייט פאר זיי, ווי איין אקס, קענען זיך אהן איהם נישט בעגעהן אין זייער שבת און פון אלע ארבייטען האט ער אפילו קיין "וואלקע" ערד נישט גע־קאנט קויפען, ווי די איבעריגע פויערן פערמאגען... און זי, יאזעפיכע מוז קויפען קארטאפעל אויפ'ן מארק, גלייך מיט אלע זשידאווקעס.

אט האט איהר אייך דע סזעלבען געשריי פון די אמת'ע אנטיסעמיטען וועגען דער אידישער עקספלאאטאציאן און דוקא פון א פראסטער, ניט געלעהרענטער גויה, וואס האט קיין גאזעט אפילו אין די אויגען ניט אנגעזעהן.

„ערקלעהרען פון וואנען האט געשטאמט יאזעפיכעס אנטי־סעמיטיזמוס איז שווער. מיר מוזען עס ערקלעהרען מיט דער הילף פון דער וויסענשאפט ,אז עס איז א ירושה... ווארשיינ־ליך זיינען איהרע עלטערן שונאי־ישראל געוועזן און אין איהר האט געפלאסען זייער בלוט... אנדערש שיקט זיך עס נישט. ווייל יאזעפ, דער אמת'ער אוהב ישראל, מיט וועלכען זי האט אבגעלעבט א לעבען, האט אויף איהר בשום אופ'ן ניט געקאנט ווירקען, זי זאל איבערבייטען איהרע "מיינונגען"... ער פלעגט נישט זשאלעווען קיין ווערטער, ריידען גוטס פאר איהר וועגען אידען, און אז ווערטער פלעגען צו איהר ניט צושטעהן, פלעגט ער אונטערהאלטען זיין פערטהיידיגונג מיט פאקטען. דהיינו, ער פלעגט איהר אנווייזען אויף די המוציא'ס חלה, וואס פלעגט זיך שטענדיג געפינען ביי זיי אויפ'ן טיש און פלעגט זאגען, האלטענדיג איין המוציא אין האנד:

— זעהסט! חלה הייסט דאס, דאס באקען נאר אידען און דאס האבען מיר זיי צו פערדאנקען, ווען ניט זיי וואלטען מיר קיינמאל א שטיקעל חלה ניט פערזוכט, וואלסט שטענ־דיג געקייט דאס ברויט מיט די מעקענע, וואס דו קאנסט עד היום ניט באקען. היינט וואס ווילסטו פון די אידען? הלואי זאל מיר גאט געבען געזונד און איך זאל שטענדיג פאר זיי קע־נען ארבייטען, נישקשה, זיי האבען עס פערדיענט ביי מיר...

נאר ניט קיין ווערטער און ניט קיין פאקטען האבען גע־האלפען. יאזעפיכע איז געבליעבען ביי איהרע איבערצייגונ־גען, אז די זשידעס זיינען א מיאוס פאלק, זי האט זיי פיינד, זיי נארען אויס איהר יאזעפ'ן און פלעגט זיך שטענדיג קריי־גען מיט איהם, אז ער זאל זיי, די זשידעס הייסט עס, די

צייהנער אויסרייסען: פאר יעדער לייכטער אראבנעהמען — א רובעל... נישקשה זיי האבען גענוג געלד, די זשידעס...

— אוי נאר, פלעגט יאזעפ לאכען, אז די אידען וואלטען האבען אזוי פיעל געלד, ווי דו מיינסט, וואלטען זיי מיך גאר נים בעדארפען, רייכע זיינען נים אזוי פרום, ווי ארימע...

ווי איהר זעהט איז יאזעפ קיין נאר אויך נים געווען.. נאר נים זיין חכמה וויל איך איך בעשרייבען, דערום קעהר איך זיך אום צוריק צו זיין פלונית'טע.

די אידען פון דער גאס האבען געוואוסט יאזעפיכעס בע־ציהונגען צו זיי און מען האט איהר דערפאר געגעבען א שע־נעם טיטול: "מכשפה". יאזעפ האט פון דעם טיטול געוואוסט און פלעגט גוט־הערציג שמייכלען.

נאר מיט דעם טיטול אליין האבען זיך נאך די אידען נים בענוגענט: צו טיעף איז געווען זייער שנאה צו יאזעפיכען, און זיי פלעגען זיך בעמיהען אנמאכען א בייז־לעבען צווישען יאזעפ'ן מיט איהר:

— גט זי אב! האבען איהם די גאסיגע ווייבער אמאל איין עצה געגעבען.

נאר יאזעפ האט זיי ערקלעהרט, אז ביי "זיי" גט'ן זיך איז נים ווי ביי אידען "להבדיל" (דער להבדיל געהערט טאקי צו איהם)...

— ביי איך, למשל, האט ער ערקלערט, אז יאסקע ביי־נושעם האט נים געוואלט לעבען מיט דער ווייב, זיינען זיי זיך אוועק צום היעגען רב, א טייבעל האט איהר אין שטעד־טעל און פאר צעהן גילדען האט זיי דער רב גט געגעבען... אייער רב איז א טהייערער איד... איך ווייס. איצטער האט יאסקע גענומען א נייע ווייב — ציפה'ן, א טהייער ווייבעל, זי גיט מיר שבת א האלבע חלה אוועק און לעגט מיר אן א טע־לער צימעס, אז איך קאן נים אויפעסען. איך מיין נים דעם צימעס, איך מיין נאר איהר טבע... ביי אונז אבער, להבדיל,

דארף מען מיט א גט פאהרען אזש צום פאבסט, ער וואוינט ערגעץ ווייט, איך האב פערגעסען, ווי די שטאדט הייסט און דער פאבסט איז א גרויסער יקרן, ניט ווי אייער רב... היינט די הוצאות! — עס איז שווער צו גט'ן זיך!

און די אידען פון אונזער גאס, וואס האבען געהאט א טבע צו צוזאמענלעגען זיך און אויסהעלפען א מענשען אין אן אונגליק, האבען לכתחלה געמאכט א שמועס, מען זאל אויפ־מאכען געלד פאר יאזעפ'ן ער זאל זיך קענען פאהרען גט'ן. עס איז אבער דערפון גאר נישט געווארען. חיים־יוסף, דער איינציגער אין גאס, וואס האט געלייענט דעם "המליץ" האט געזאגט, אז דער פאבסט וואוינט אין רוים און אין רוים פאהרען דארף קאסטען איבער 300 רובעל באהן־געלד.. פאר אזא סומע האט זיך דער עולם דערשראקען. זאל זיין אפילו אז חיים יוסף, איז ווי דער שטייגער פון א גאזעטניק, מגזם אויף א העלפט, נאר 150 רובעל אפילו, איז דאך אויך ניט נאך די כחות. און דער עולם האט אויפגעהערט זוכען מיטלען און צו חלום'ן ווענען אבגט'ען יאזעפ'ן מיט יאזעפיכען.

— האב קיין מורא נישט! — האט יאזעפ, געריהרט פון אידישע גוטע פריינדשאפט, געזאגט, — זי וועט אייך קיין בייז ניט טהאן און איך וועל זיך ניט לאזען איבעררעדען פון איהר, איך בין אייערער. עס איז ניט נייטהיג קיין גט!...

אז יאזעפיכע האט זיך דערוואוסט, וואס די אידען האבען איהר געוואלט אנמאכען, איז זי געווארען אויפגערייצט ווי א ווילדע חיה, זי איז ארוים מיט א זידלעריי און געשריי אויפ'ן גאס און האט זיך געבאפט שלאגען מיט יעדען אידען:

— זשידעס, איהר וועט מיר מיין מאן אברייידען פון מיר! ניט "קיין־געצלמ'טע"! הינט! ווארט, ווארט! א קרענק וועל איך אייך איהם שוין לאזען געהן צו אייך שבת בע־דיענען.

און דעם קומענדען שבת נאך דער מעשה איז טאקי יא־

זעפּ געקומען מיט צוויי שעה שפּעטער. ער האט דערצעהלט אז זי איז ארויס, האט פערשפּארט די טהיר פון דרויסען און האט איהם געשריען דורך דער פענסטער:

— חאטש איך וועל ניט אריין, אבער דיר וועל איך ניט עפענען די טהיר, וועסט א גאנצען טאג אין שטוב זיצען —

— איך אבער — האט יאזעפּ ווייטער מיט שטראהלענדע אויגען דערצעהלט — האב ארויסגענומען א האלבע פענסטער און האב זיך צו איין ארויסגע'גנב'עט...

און דעם שבת האט יאזעפּ מיט מעהר ענערגיע געארבייט, ווי אלע מאהל: די לייכטער האט ער א כאפּ געטהאן פון יעדען טיש, ווי ער וואלט זיך געשפּיעלט מיט א זאך וואס איז איהם זעהר טהייער. עס איז געווען קענטיג, אז ער האט די צוויי שעה, וואס ער איז געווען פערשפּארט, שטארק געליטען פון דעם געדאנק, אז ער וועט דעם שבת ניט קענען טהאן זיינע ליעבע ארבייט...

איך האב דעם פאקט דאָ געבראכט כדי יאזעפּ'ס אנדענקען זאל אויף לענגער ביי אונז בלייבען, וויסענדיג ווי שווער עס איז איהם אויסצוקומען צו קעמפּפען, כדי צו בלייבען טריי זיין הומאנער אידעע, צו בעהילפיג זיין דער אידישער גאס און צו פערטהיידיגען זי פון זיין ווייבס שלעכטע אנטיסעמיטישע מיינונגען...

## ספרים

נאטע שייקעס, א שעהנער בעל־הבית אין שטעדטיל, וואס ציהט די חיונה אביסעל פון פראצענט און א ביסעל פון שניט־קראם, וואס זיין ווייב האלט, איז געקומען פון בית־המדרש א צופריעדענער און א פרעהליכער.

ער האט מיט'ן רב געהאט א שטיקעל פלפול נאכ'ן דאוור־נען: דער רב האט זיך געהאלטען שטאל און אייזען ביי זיינס, נאר ער, נאטע שייקעס, איז אויך ניט פון די וואס לאזען זיך איבערעדען און אויסגעפיהרט האט טאקע ער, נאטע שייקעס — ער האט איהם געוויזען א בפירוש'ן דין אין דער גמרא...

דערצעהלען עס פאר'ן ווייב, פאר זלאטען, קאן ער נישט; וואס וויס, ערשטענס א אידענע אין אזעלעכ זאכען, און צוויי־טענס, איז זי איצט פארטהאָן מיט שבת מאכען, עס איז היינט פרייטאג, דער פדיון פון שניט איז ניט איבעריגס — דאס גע־דונגענע מיידעל וועט אויך קענען לייזען.

— אזוי שפעט ? ווענדעט זיך צו איהם זלאטע.

— עט... גיט ער א מאך מיט דער האנד.

— נו, גרייט צום טיש, גאלדע, ווענדעט זיך די מוטער צו דער עלטערער טאכטער, וואס שטעהט אביסעל אנגעבויגען און שיילט קארטאפעל אויף טשאלענט. זינט זלאטע איז בעל־טע "רוקט" זי אויף טשאלענט קארטאפעל.

גאָלדע גרייט צום טיש, לעגט אוועק א ווייסליכע בולקע און נאָכדעם גייט ער זיך וואַשן.

ער מאַכט א המוציא און גייט צו צום גרויסן אַלמער ספרים, נעמט אַרויס א ספר'ל "ידיו אמונה", זעצט זיך צוריק אוועק, קייט די בולקע און קוקט אַריין אין ספר.

אַזאַ טבע האָט נאָטע: ער מוז, קייענדיג, אין עפּעס א ספר אַריינקוקן, ווען ניט האָט ער קיין הנאה ניט פון עסן.

איבערבלעטענדיג א פּאָר בלעטער, באַמערקט ער, אַז ער־טערוועיז זיינען די גרויסע אותיות באַדעקט מיט שטויב און עס הערט זיך א טוכלער ריח.

— שוין לאַנג ניט געלופטערט די ספרים! — מאַכט ער זיך פאָרוואורף — היינט איז א שענער טאָג — טראַכט ער ווייטער — א ווינטעל איז אויך דאָ מען דאַרף זיי טאַקי באַלד אַרויסטראָגן לופטערן.

נאָכ'ן פריהשטיק מעלדעט ער זיין בעשלוס אין שטוב:

— קינדער! — שרייט ער אויס פרעהליך — העלפט מיר לופטערן די ספרים!

— לופטערן די ספרים! לופטערן די ספרים! קלינגט עס איבערן שטוב, און עס ווערט א גערודער ווי אין א קאַזאַרמע, ווען מען דערגייט פּלוצלונג, אַז דער דיוויזיאָנער־דאָקטאָר וועט גיין בעקוקן די קאַזאַרמעס, נאָר א מעהר פרעהליכער, א מעהר אינטעסיווער...

— טאַטע! — שרייט פאַר נחת דאָס אינגסטער אינגעל, אהרן, — מען דאַרף דאָך אַרויסטראָגן אויפ'ן הויף א באַנק, וואו די ספרים אוועקצולעגען, האַ?

— אודאי, אודאי! שטימט איין דער טאַטע און גלעט די שפּיצן פון באָרד.

— הייענע! ווענדעט זיך אַרעלע מיט קאָמאַנדירענדן טאָן צו זיין קליין שוועסטעריל, —העלף מיר נעהמען די באַנק, דער טאַטע דאַרף לופטערן די ספרים.

און די צוויי קינדער שלעפּען מיט אימפּעט די באנק. שלעפּענדיג, פאַרטשעפּען זיי די הויכע קרומע קאַטשערע, און עס פאַלט זלאַטען גלייך אין פּוס. נאָר זלאַטע איז ניט אין כעס. איהר האַרץ איז אנגעפילט מיט כבוד און עהרפורכט צו דער הייליגער פּראָצעסיאָן... זי האָט קיין העזה אויסצורעדען א וואָרט...

דער טאַטע געהט זיי נאָך, ווייזט זיי וואו אוועקצושטעלען און שיקט זיי אין שטוב אריין צוריק, טראָגען ספרים.

די קינדער הייבען אן טראָגען מיטביידע הענד דעם גרויסען ש"ס געבונדען אין לייווענד.

— צו ביסלעך טראָגט — עצה'ט זיי דער טאַטע — איהר וועט זיך דאָך פּערמאַטערען.

— נישקשה! — שרייט לוסטיג אויס אהרן — קום, חייענע נאָך.

נאַטע לעגט די ספרים אויס אויף דער לאַנגער באנק אזוי, אז דער ווינד זאָל זיי קענען לופטערען. דער ווינד כאַפּט זיך צו צו דער מצוה מיט קוראַזש, עס קעהרט די גרויסע בלעטער הין און צוריק, עס דאַכט זיך, אז דער ווינד איז א גרויסער למדן, אט האַלט ער ביים אנהויב "המביא את הכד" און באַלד איז ער שוין ביים פּרק "המוכר את הספינה" און פּלוצלונג פאַרגלוסט זיך איהם גאָר דעם גאַנצען ש"ס אויסלערנען מיט אמאָל און ער קעהרט אלע בלעטער נאָכאַנאַנד הין און צוריק, אַרויף און אַראָב...

און אהרן מיט חייענעלען טראָגען אלץ צו נייערע ספרים, דעם שלחן־ערוך, דעם טור, דעם אלשיך, דעם "יערות דבש", און דער ווינד לערנט זיי מיט התמדה, קעהרט איין בלאַט נאָך דעם אנדערען, און נאַטע שטעהט און קוקט צו און איז שטאָלץ...

— נאָך, נאָך! וועגדעט ער זיך צו די קינדער.

— איך וויים! צוקאַכט זיך אהרן, וועלכער סאַפּעט שוין פון גרויס ארבייט — פאַרהאַן נאָך א סך, נאָך דריי פּאָליצעס...

קום, חייענע ברענגען נאך א באנק.

און די קינדער ברענגען נאך א באנק און די באנק ווערט ווידער פול מיט קלענערע ספרים, וואס נאטע קויפט זיי ביי דורכפאהרער מוכרי ספרים פאר גילדענס, גריוועס און אמאל פאר צעהנערלעך...

און דער ווינד בראקירט ניט מיט די קליינע אויך. ער נעהמט זיך אויך צו זיי און בלעטערט זיי געשווינד צוזאמען מיט די גרויסע ספרים, פונקט ווי פאר איהם וואלט אלץ איינס געווען: אלץ איז תורה !...

— לורולל, לורולל ! לורול ! בלעטערט ער זיי מיט גערויש.

נאטע שטעהט און בעטראכט עס און אז די קינדער קומען מיט א פאר גאר אלטע פערשטויבטע ספרים אהן טאוולען, פרעגט ער :

— שוין, קינדער ?

— מעהר ניטא ! ציהט אויס אהרן ברייט די הענטעלעך.

— מעהר ניטא ! פארטאקעוועט שעמענדיג חייענעלע.

— נו, געהט אין שטוב אריין ! זאגט נאטע גוטמוטהיג.

— אי, טאטע, כ'וועל שטעהן און קוקען, בעט זיך אהרן.

— איך אויך קוקען ! בעט זיך חייענעלע.

— נו שטעהט אייך, ערלויבט זיי דער טאטע.

די קינדער שטעהן מיט שטראהלענדע אויגען. נאטע דער־הערט, ווי זלאטע רופט עמיצען.

—אהרעלע, די מאמע רופט דיך, דאכט זיך.

— אהרן ! אהרן ! דערהערט זיך הויך זלאטעס קול.

—וואס איז ? איז אהרן נישט צופרידען פון דער מאמעס רופען. עס ווילט זיך איהם נישט אוועקגעהן פון דעם שענעם שפיעל, ווי אזוי די בלעטער רוישען, לופטערען זיך, קעהרען זיך געשווינד אהער און אהין.

— געה, מיין זוהן, זי דארף דיך עפעס האבען, ווענסט

באלד קומען — שיקט איהם דער טאטע.

א ניט־צופרידענער געהט ארעלע אריין אין שטוב.

— וואס דארפסטו מיך, מאמע ?

זלאטע גרייט זיך צו זאגען עפעס א שווערע זאך.

— נו, זאג שוין ! טרייבט ארעלע.

— געה, מיין זוהן, אין דער פינסטערער קאמער אויפ'ן טישעל ליגט מיין טייטש־חומש... נעהם איהם אויך אביסעל אויסלופטערען.

— א טייטש־חומש דארף מען ניט ! — שיסט ארעלע אויס מיט איין אויטאריטעטען־קול.

זלאטע ווערט רויט און שמייכעלט מיט וועהטאג :

— נארעלע, א טייטש־חומש איז אויך א ספר.

זי גלויבט אבער ניט אין איהרע אייגענע ווערטער, איהר קול האקט זיך איבער און קוים וואס זי ענדיגט :

— געה, נעהם און טראג איהם ארויס !...

אהרן פאלגט דער מאמען, געהט אריין אין פינסטערען חדר ,נעהמט דעם טייטש־חומש און וויל שוין ארויסגעהן, זלא־מען בעטראכט זיך דאך און פערהאלט איהם :

— מען דארף טאקי ניט...

ארעלע גיט א קוק אויף דער מאמען און ער דערפיהלט, אז די מאמע איז עפעס אומעטיג געווארען, ער קריעגט או ף איהר רחמנות און זאגט געריהרט :

— ניין ! איך וועל איהם אויסלופטערען.

— נו, טראג ארויס, אז דו ווילסט... ענטפערט זי מיט א ישוב־הדעת'דיגען טאן.

זלאטע געהט צו צום פענסטער און קוקט ארויס אין הויף. זי הערט זיך צו מיט הארץ־קלאפעניש.

— וואס האסטו ווידער געבראכט ? — פרעגט נאטע.

— דער מאמעס טייטש־חומש ! שרייט אהרן אויס מיט א געלעכטער...

— אזוי ! — לאכט אויך נאטע גוטמוטהיג — איהרע "ספרים" וויל זי אויך לופטערען — נו, ניט קיין עולה — מ'היכא־תיתי...

און זלאטע זעהט, ווי נאטע האלט דעם טייטש־חומש, גיט איהם א בלעטער און לעגט איהם מיט א שמייכעל אוועק צווי־שען די גרויסע, דיקע ספרים...

— פרעג וואס האב איך עס געדארפט? האט שוין זלאטע חרטה, קוקענדיג, ווי דער ווינד קעהרט די בלעטער פון טייטש־חומש און עס פליהען דורך אלע ווייבע די "צאצקעס", ווי "רחל פאשעט איהרע שאף" ווי "מרים געהט ארוים מיט'ן פויק" און נאך אזעלכע...

— א מאוס'ע זאך פאר איהם !... טראכט זי — און האט אמת'דיג חרטה, וואס זי האט געטהאָן אזא נארישקייט: לופטערען דעם ווייבערשען טייטש־חומש צווישען אזוי פיעל מאנסבילשע ספרים...

# דער מאדערנער אליהו הנביא

עס איז געווען א צוויי וואכען פאר פסח. זימעל העניך'ס, א איד פון א יאהר פופציג, א מטופל מיט קינדער, סיי אויסגע־געבענע און סיי ניט אויסגעגעבענע, וועלכע זיינען אלע אויף זיין האלז געהאנגען — דער דאזיגער זימעל העניך'ס איז אומ־געגאנגען אויפ'ן מארק און האט געזוכט.

וואס האט זימעל העניך'ס געזוכט האט ער אליין נישט געוואוסט. פרנסה געפינען אויפ'ן מארק איז אין דער דאזי־גער צייט געווען שווער. דער שנעע האט שוין געשמאלצען און אלע וועגען, וואס האבען געפיהרט פון די ארומיגע דער־פער אין שטעדטיל, זיינען קאליע געווארען, די פויערים הא־בען נישט געהאט קיין שום מעגליכקייט צו קומען מיט זיי־ערע תבואות, היהנער, אייער און אנדערע סחורות. און אפילו ווען זיי וואלטען יא געקענט קומען, וואלט זימעל העניך'ס ניט געהאט קיין שום מעגליכקייט צו קויפען ביי זיי, ווייל אין מארק האט ער זיך אומגעדרעהט אהן א גראשען, קיין קרעדיט האט ער שוין זינט א פאר יאהר ביי קיינעם נישט גע־האט — איז דאס איינציגע, וואס ער האט געזוכט, איז אדער א מציאה, דאס הייסט עפעס געפינען אויף דער ערד, אדער בעגעגענען אליהו הנביא.

דאס צווייטע האט זיך איהם מעהר געגלויבט ווי דאס ערשטע. געפינען עפּעס אויפ'ן מארק איז אן אונמעגליכקייט, יעדער אין שטעדטיל, וואס האט א פּאר גראשען, האלט עס אזוי בעהאלטען, אז פערליערען וועט ער גיכער דעם קאפּ איי־דער א פּאר גראשען. דערפאר אבער האט זימעל העניך'ס נאר געגלויבט אין אליהו הנביא. פון אליהו הנביא ווייס ער פון מעשיות, און ניט דוקא יענע מעשיות פון "המבדילס", "איש חסיד היה" און אנדערע תפלות, נאר אויך מעשיות פון זיין איי־גענער פאנטאזיע. שבת־צו־נאכט, אז קיין ליכט אנצינדען אין קלויז האט מען נאך נישט געטארט, איז זימעל העניך'ס גע־ווען איינער פון די מספרים. פון זיינע מעשיות וועגען אליהו הנביא פלעגט יעדען צוהערער זיך צוגעהן א חיות איבערן גאנ־צען קערפּער. די הערצער פלעגען דערווארעמט ווערען, די קעפּ פלעגען אנהויבען טראגען ערגיץ ווייט און זימעל העניך'ס אליין האט דאן אויסגעזעהן ווי א מענש, וואס קען שאפען אליין וואונדער.

אבער ווי נאר מען פלעגט אין קלויז אנצינדען דאס ער־שטע האלבע ליכטעל ביים עמוד, זיינען אלע געשטאלטען, וואס זימעל העניך'ס מעשיות האבען ארויסגערופען, גלייך פערשוואונדען. דער אומעטיגער וואכענדיגער ניגון פון והוא רחום האט זיי אלע ווי ארויסגעטריבען פון די אלע לענדער, אונבעוואוסטע, אונבעקאנטע, אבער אזעלכע וואס געפייען זיך דאך ערגיץ יא.

און זימעל העניך'ס אליין פלעגט אפילו ביי דעם וואכענדיגען מעריב נאך אלץ טראכטען פון אליהו הנביא און קו־מענדיג אהיים פלעגט ער זינגען די "אליהו'ס" מיט דער גרעס־טער בעגייסטערונג. אליהו הנביא איז דערפאר געווען ביי זי־מעל העניך'ס אין שטוב ווי אן אייגענער מענש; פון גרעסטען ביז'ן קלענסטען קינד האט געוואוסט, אז אזוינער ווי אליהו הנביא איז זיכער דא, און דאס האט זיי אלעמען געלינדערט

דאס שווערע לעבען און געגעבען מוט און כח צו לעבען און האפען און ווארטען אויף אליהו'ן.

און אט אין יענער צייט ווען זימעל העניך'ס איז ארומגע־גאנגען איבער'ן מארק און האט פון איין זייט געצופט די בארד, וואו נעהמט מען אויף פסח, וועלכער שטעהט שוין הינ־טער'ן טיר, האט ער פון דער אנדערער זייט געצופט די בארד און געטראכט:

— אט, ווען איך גיעב איצט א "בעגעגען אן" אליהו'ן!...

און שפאצירענדיג אזוי איבער'ן מארק האט ער זיך איינ־גע'עקשנ'ט, געוועגדעט די אויגען אין אלע פיער זייטען פון גרויסען בלאטיגען מארק און כמעט ווי מיט כעס אויסגע־שריען:

— אליהו, וואו ביזטו!

איז ווי ער האט אזוי אויסגעשריען איז צו איהם צוגע־גאנגען דער לעהרער פון שטעדטיל מיט אן עלטערן מענשען אין א געשוירען בערדעל, אבער מיט גוטע אידישע אויגען, און דער לעהרער האט זיך צו איהם געוועגדעט:

— ר' זימעל, אייך טאקי זוך איך...

איז ר' זימעל אין כעס געווארען, וואס אנשטאדט דעם וואס ער האט געוואלט אליהו'ן זעהן, האט זיך גאר געוויזען דער לעהרער, דער אפיקורס, מיט א ווילד־פרעמדען עלטערען אידען מיט א געשוירען בערדעל, וואס זעהט אויס צו זיין פונקט אזא אפיקורס ווי דער לעהרער. איז ער בייז געווארען אויפ'ן לעהרער, אויף אליהו'ן און אויף דער גאנצער וועלט און געמורמעלט, נישט קוקענדיג זיי אין די אויגען:

—אויף וואס דארפט איהר מיך?... איך האב ניט קיין צייט... עס איז ערב פסח!..

און האט שוין געוואלט אוועקגעהן.

האט איהם דער לעהרער אנגענומען בא'ר'ן האנד און מיט א שמייכעל געזאגט:

—אויב איהר זוכט אויף פסח, טא קומט מיט מיר און מיט דעם אידען, וועט איהר שוין זיין פערזארגט מיט פסח...

זימעל העניך'ס האט אויפגעהויבען פערדעכטיג זיינע אויגען אויפ'ן פרעמדען, בעטראכט זיין געשוירענעם בערדעל, און איז שוין געווען זיכער, אז אזא ווי דער קען ניט זיין אליהו הנביא.

באטש די אויגען פון'ם פרעמדען זיינען עפעס ניט ווי ביי אלע, וועלכע ער קען: אזוינע גרויסע און שיפגעלדיגעם.

איז זימעל שוין געווארען אביסעל מבולבל: צו איז דאס אמאל ניט טאקי אליהו הנביא ?

ער האט דאך אלע מאל א טבע צו פערשטעלען זיך; ער, זימעל אליין, וויים דערפון צעהנדליגע מעשיות.

האט ער אין שרעק געמישט מיט פרייד זיך אנגערופען :

— וואוהין־זשע זאלען מיר געהן ?

רופט זיך אן דער לעהרער :

אט טאקי צו דעם אידען אויף דער אכסניא.

— און וואס וועל איך דארטען טהאָן ? — האט זימעל חוקר ודורש געווען און נישט אראבגענומען די אויגען פון דעם פרעמדען אידען מיט דעם געשארענעם בערדעל...

האט זיך שוין דער פרעמדער אליין אבגערופען :

— איהר וועט מיר דערצעהלען מעשיות, אידישע מעשיות... פון קדושים, פון גוטע אידען און אליהו הנביא....

— פון אליהו הנביא ? — האט זימעל שיער ניט א שפרונג געטהאָן פאר שרעק.

— יא, מיין ליעבער איד... — האט דער פרעמדער גוטמוטיג געשמייכעלט, — איך בין אהער עקסטרא געקומען אזש פון פעטערבורג... מיר דאַרפען די דאזיגע מעשיות האבען... האב איך זיך געלאזען אין אידישע שטעדטלעך זוכען עלטערע מענשען, וואס וויסען און געדענקען נאך די דאזיגע אלע וואונדערליכע מעשיות. האט מיר דא ביי אייך אייער לעהרער אנ־

געוויזען אויף אייך. איהר, הייסט עס, קענט דערצעהלען שעה־נע מעשיות... קומט זשע, ר׳ איד, און דערצעהלט זיי מיר און איך וועל אייך בעפרידיגען.

זימעל העניך׳ס האט געשלונגען יעדעס ווארט, וואס איז ארויס פון דעם פרעמדענס מויל, און נאכדעם ווי יענער האט געענדיגט צו רעדען, האט זימעל ניט געקענט ריהרען מיט קיין אבר...

ער האט זיך בלויז תמע׳וואטע געקראצט אין דער לינקער פאה און נישט געוואוסט וואס ער זאל דא טהאָן.

אבער אז דער פרעמדער האט איהם אנגענומען פאר׳ן האנד און האט מיט זיין פריינדליכער שטים איהם נאכאמאל געבעטען, איז זימעל ווי פער׳כשופט געווארען און איז אוועק מיט איהם אויף דער אכסניא.

און נאך א לאנגען בעטען האט זימעל העניך׳ס גענומען אויסלעגען פאר׳ן פרעמדען א מעשה נאך א מעשה...

דער פרעמדער האט עס אלע פערשריבען אין פשוט׳ען אידיש, און בשעת ער האט געשריבען האט זיין פנים געלויכ־טען...

״אמאל איז אליהו הנביא געגאנגען״ — האט זימעל דערצעהלט...

און דער פרעמדער האט געפיקט מיט דער פעדער די שעהנע קיילעכדיגע אידישע אותיות און נאכ׳ן אנשרייבען אנ־געשטעלט די אויגען און געצויגען ווידער ווערטער פון זימעל העניך׳ס.

ביז זימעל האט זיך פערגעסען אן דער גאנצער וועלט און זיך צולאזט אויף זיין שטייגער. די פאנטאזיע האט בעקומען פליגעל און ער האט זיך געלאזט אויפ׳ן הימעל און פון דאר־טען ערשט האט ער אראבגעבראכט א מעשה פון אליהו׳ן, אז ד׳ער פרעמדער האט געגאפט...

ביז וואנען אלע מעשיות האבען זיך געענדיגט.

עס איז שוין געווארען פינסטערליך. דעמאלט האט דער פרעמדער איד זיך אנגערופען:

— איצט ר' זימעל, בעדאנק איך אייך פאר אייער טרחה, אט האט איהר פינף און צוואנציג רובעל.

האט ר' זימעל בעטראכט די אסיגנאציע און זיינע אויגען נישט געגלויבט. און ער האט ענדליך נישט אויסגעהאלטען און געפרעגט דעם לעהרער:

— זאג מיר, דו שקאַץ, איז דאס טאקע אמת־געלד?....

דער לעהרער האט זיך, ווי דער שטייגער איז פון אן אויפ־געקלערטען, שטארק צולאכט. אבער דער פרעמדער איד האט זיך גוטמוטהיג אנגערופען:

— זייט רוהיג, ר' זימעל, אמת געלד, ווי עס איז אמת אייערע שעהנע מעשיות....

און אז זימעל העניך'ס איז געקומען אהיים האט זיין פנים מאדנע געלויכטען.

זיין אידענע האט איהם געפרעגט:

— וואס ביזטו אזוי פערשנאשקעט... שוין ווידער א יאהרצייט געהאט אין קלייזעל?

איז שוין זימעל כמעט ווי בייז געווארען און זיך אנגע־רופען:

— נארישע אידענע, איך האב פינף און צוואנציג רובעל..

און ער האט ארויסגענומען פון קעשענע די אסיגנאציע און א פאך געטהאָן מיט איהר אין דער לופטען.

—וואו האסטו עס געקראגען ... — האט זיך די אידע־נע דערשראקען.

— וואו.... וואו?... האט זימעל העניך'ס געשטאמעלט און נים געוואוסט ווי אזוי צו ערקלעהרען — עס איז שווער צו דערצעהלען... עפעס אן אורח איז אהער עקומען און פער־שרייבט מעשה'לעך, האב איך איהם דערצעהלט א פאר צעהנד־ליג מעשה'לעך וועגען גוטע אידען און אליהו הנביא, האט ער

מיר דערפאר געגעבען פינף און צוואנציג רובעל...

— ווער־זשע איז ער, דער דאזיגער אורח ? — האט זיך דאס ווייב גע'חדושט און נישט געקענט בעגרייפען.

— איך זאג דאך דיר, א איד פון פעטערבורג, אבער ווער וויים — האט ענדליך זיך פערטראכט — ווער וויים, אפשר איז דאס טאקי געוועז אליהו הנביא א פערשטעלטער...

— ביזט א נאר, — האט די אידענע איהם אבגעשלאגען, אליהו הנביא וואלט דיר שוין געגעבען א גרעסערע מטבעה...

— אט דאס טראכט איך אויך... — האט זימעל מיט ספיקות זיך אנגערופען, — און אפשר... ווער וויים, ווער קען וויסען ?...

# די נייע קנעלונג

ווען ניט די קינדער זיינע, וואלט אהרן דער דרדקי־מלמד ניט געהאט די לעצטע צייט מיט וואס א טאג איבערצוקומען. ער זעהט בעשיינפערלעך, אז דאס מלמדות געהט אוים ביי אי־דען. וואס א זמן ווערען תלמידים ווענינער און אפילו די, וואס ער בעקומט שוין יא, זיינען פסולת, די סאמע ארעמע און צולאזענע — ער האט שוין גאר קיין כח ניט צו האבען צו טהאן מיט זיי.

א גליק, וואס זיינע צוויי זיהן און איין טאכטער זיינען שוין עטליכע יאהר אין אמעריקא.

מען זעהט טאקי בעשיינפערלעך, אז גאט פיהרט די וועלט. לכתחילה האט ער מרעיש עולם געווען. סטייטש, זיינע קינדער זאלען צוגלייך מיט אלע בעלי־מלאכי׳ישע קינדער פאהרען ערגיץ העט איבער׳ן ים. אבער, אז די קנעלונגען זיינען וואס א זמן שווערער געווארען און די קינדער שיקען טאקי אויף יעדען יום־טוב אריין צו עטליכע רובעל, איז ער צופרי־דען געווען און בענשענדיג די קינדער פון דער ווייט, האט ער געבענשט פאר איין וועג אמעריקא.

— א וואוילע מדינה טאקע!

א קלייניגקייט! די קינדער שיקען איהם אויף יום־טוב א רובעל פופציג.

ער לאכט פאר זיין ווייב :

— הערסט אביסעל, אויף יום־טוב שיקען זיי אזא מטבע! זיי האבען אפנים פערגעסען, אז יום־טוב, אפילו דער טייערס־טער יום טוב, ווי פסח, קען מען פאר א צעהנ־רובעלדיגע מא־כען כיד המלך !

און ער קומט טאקי אוים מיט דעם מותר די וואכענדי־גע טעג.

ער האט שוין אפילו פאר די געלד, וואס ער בעקומט אויף יום־טוב, א נייעם טלית געקויפט !

אבער קיין תכלית איז דאס נישט. שוין אזוי פריה אנ־ווארפען זיך אויף די קינדער ! אינגאנצען איז ער א בן־חמישים. ווען ניט די היינטיגע צייט וואלט ער נאך געקענט קנעלען און קנעלען.

אמאליגע יאהרען פלעגען מלמדים ביז'ן קבר אריין אב־קנעלען.

אמת, די פרנסה איז אלעמאל א שווערע געווען. בפרט היינט, ווען דאס ביסעל תלמידים, וואס ער בעקומט שוין יא, זיינען פשוט מזיקים ! פאלגען נישט פון דאנען אהין און דאך טאר מען היינט ניט "שלאגען".

ער געדענקט שוין ניט די צייט, ווען ער זאל א קינד אב־שמייסען...

דאס גאנצע קנעלען האט בכלל ביי איהם פערלארען דעם חן.

עס איז ניט דאס וואס אמאל !

איידער אזוינע קנעלונגען, איידער האבען צו טהאן מיט די היינטיגע תלמידים, שוין בעסער...

וואס בעסער ?...

און אהרן דרדקי מלמד פערטראכט זיך.

און פאר וואס טאקי ניט ? — זינגט ער אונטער מיט א גמרא־נגון... וואס איז דען אמעריקא ? א לאנד, ווי אלע לענ־

דער... דריי קינדער האט ער שוין דארטען און אייניקלעך אויך, גאט צו דאנקען.

און שוין א פּאר מאל, אז זיי האבען איהם געגעבען אין די בריעף אנצוהערעניש, אז אויב ער וואלט געוואלט, וואלטען זיי פאר איהם מיט דער מאמען געשיקט שיפסקארטען מיט הוצאות...

— בע־בע־בע... לאכט ער אונטער פאר גדולה, — ניש־קשה, זיי האבען ניט פערגעסען דעם טאטען מיט דער מאמען...

און דערפון דרינגט ער, אז אמעריקא איז א אידיש לאנד, די מצוה פון כבוד אב ואם איז דארטען אבגעהיט מעהר ווי דא...

בלייבט איהם נאר די קשיא:

— וואס וועט ער דארטען טהאָן?

— קנעלען מיט קינדער?... ניין, דאס ניט! קנעלען וויל ער מעהר ניט...

אבער ער טרייסט זיך, אז די קינדער וועלען איהם שוין געפינען א פארטיגען געשעפט...

— אפשר טאקי א פּעדלער?...

ער האט געהערט, אז א פּעדלער זיין איז א זעהר גרינגע פרנסה, און מען מאכט דארטען געלד... ביי אן אמעריקאנער איז רעכט פאר איין גראשענער שפּילקע צו געבען א האלבען דאלאר...

אז געלד איז דארטען בלאטע, וואס איז שייך...

און — ניט אזוי גיך, ווי עס בעשרייבט זיך, טהוט זיך עס.

אין א ליכטיגען פריהמארגען — עס רעדט זיך בלויז אזוי — עס איז גראד געווען א כמארנער טאג — איז אהרן דרדקי מלמד מיט זיין ווייב גרונע ארויסגעפאהרען אין דעם ווייטען, ווייטען לאנד.

---

אַראָפּגענעהמען זיי פון שיף זיינען געקומען אַלע דריי קינ־דער: די צוויי זיהן, אברהמ׳ל, וואס דא האט ער שוין געהייסען אייב, און יענקעל, וואס דא איז שוין זיין נאמען געווען דזשייק, אויף די טאכטער באשקע, וואס דא הייסט זי שוין בעקי.

די שמחה איז פשוט ניט געווען צו בעשרייבען. צוקושט האט זיך אהרן מיט אברהמ׳לען, ווייל ער איז געווען דער בכור. נאכדעם מיט יענקלען, און ערשט שפּעטער האט ער זיך גע־לאזט קושען פון בעקין, און בשעת מעשה האט ער פּאטערליך געטראכט: א חוצפּה אביסעל, קושט זיך מיט א טאטען.

נאכדעם האט זיך ערשט אנגעהויבען א קושעריי פון גרונע׳ן מיט די קינדער. אבער די דאזיגע קושעריי איז שוין צוגעגאנגען מיט מוזיק און געזאנג. גרונע האט ליעב געהאט צו וויינען סיי ביי טרויער און סיי ביי שמחות. און ביי אזא מין שמחה, ווי צו טרעפען זיך מיט די קינדער, האט דאס גע־וויין דערגרייכט ביז׳ן זיבעטען הימעל.

נאכדעם האט מען זיך ארייגעזעצט אין א קליין שיפעל און מען איז צוגעפאהרען צום עלעוויישטער, און אהרן דרדקי מלמד איז דערפון שטארק איבערראשט געווארען און ער האט זיך אבגערופען צום בכור:

— הייסט עס, געהט עס גאר אין דער הויך, די דאזיגע באהן...

האט דער בכור א שמייכעל געטהאָן און געענטפערט:

— אויב דו ווילסט, טאטע, געהט אויף א באהן אונטער דער ערדה, און הייסען הייסט זי — די סאבוויי.

האט זיך דער אינגערער זוהן ארייגעמישט און צוגעגע־בען פון זיין זייט:

און עס איז דא א באהן, וואס געהט קיין נוארק, געהט עס גאר אונטער׳ן וואסער...

דערהערט, אז אונטער׳ן וואסער, האט גרונע פערבראכען

מיט די הענד און גענומען שמוצערען מיט די ליפּען, ווי זי וואלט דערמיט ארויסגעוויזען איהר איבערראשונג און אויך איהר אנערקענונג; אהרן אליין אבער האט שוין דאס רוהיגער אויפגענומען און האט נאר געשאקעלט מיט'ן קאפּ און זיך אנגערופען.

— א פּנים, זיי האבען גרויסע קעפּ...

"זיי" — האט ער געמיינט די אמעריקאנער...

און ער איז גלייך געווארען אן אמעריקאנער פּאטריאט.

---

אבגערוהט פון וועג א חודש צייט, א צוויי וואכען ביים בכור, איבי'ן, און א צוויי וואכען ביי דזשייקי'ן (בעקי איז נאך געווען א בתולה און געוואוינט טאקי ביי אייבי'ן) — האבען די קינדער אין אבענד, צונויפקומענדיג זיך אלע פון דער ארבייט, אנגעהויבען צו שמועסען פון תכלית־זאכען.

פערזארגען טאטע־מאמען...

מילא די מאמע — איז דאך ניט שייך — זי וועט שוין זיין אין שטוב, וועט העלפען וואשען, קאכען, מען וועט אויף דעם סמך ארייננעהמען נאך א בארדער — זי וועט שוין איהר ברויט פערדיענען.

אבער וואס טהוט מען מיט'ן טאטען?

האט מען איבערגעווארפען אלע מיני אידישע פּרנסות, פון מלמדות ביז שמשות — און אהרן האט אלע פערבראקירט.

— קנעלען וויל ער ניט... גענוג געהאט צו טהאָן מיט "קינדער"...

— נו, א חזן... — לעגט פאר דזשייק, — פלעגסט דאך אין דער היים אמאל דאווענען פאר'ן עמוד...

האט אהרן איהם דערקלערט, אז דאס פלעגט ער בלויז דאווענען, ווען ער פלעגט האבען יאהר־צייט...

— נו, און פארוואס טאקי ניט א שמש? א לייכטער און שעהנער "טרייד"...

האט אויך קיין שמש אהרן ניט געוואלט זיין. ער קען ניט חנפ'ענען די בעלי־בתים. ער האט ליעב — זאגט ער — צו זאגען דעם אמת אין די אויגען.

האט מען זיך גענומען צו וועלטליכע בעשעפטיגונגען:

— אפשר טאקי א פעדלער...

האט זיך לכתחלה אהרן אנגעכאפט. צו פעדלעריי האט ער נאך געהאט א נטיה אין דער היים.

ווייזט זיך אבער ארויס, אז פעדלען היינטיגע צייטען מיט א בארד איז סכנות. אלא וואס דען? ער קען פעדלען צווישען אידען מיט ווין אויף שבת, איז שוין דער דאזיגער טרייד איבערפילט, וועט ער ניט קענען מאכען א לעבען...

מען האט זיך שיער ניט צובראכען די קעפ קלערענדיג...

ביז וואנען בעקי איז ניט אויפגעשטאנען און א פאטש טהאנדיג זיך אין שטערען האט זי אויסגעשריען:

— איך האב!

— וואס האסטו?

— איך וויים!

— וואס ווייסטו?

— איך האב געפונען!

— וואס האסטו געפונען?

אהרן האט פערשטאנען, אז זיין באשקעלע, וואס דא האט זי געהייסען בעקי, האט געפונען ווירקליך דאס ריכטיגע און ער האט זי שוין געריהמט:

— זי האט שוין איינמאל א קעפעלע!

גרונע אבער, וועלכע האט פון איהר דוקא וועניגער גע־האלטען, האט מיט בטול זיך אנגערופען:

— וויים איך וואס זי האט געקענט געפינען!

— נו, זאג שוין! — האבען די צוויי ברידער, דזשייק און אייבי, מיט אונגעדולד געטריבען זי.

און בעקי האט מיט גדולה אויסגעשאסען:

— א קענדי־סטארקע !...

פאר אהרן'ען האט דאס ווארט געקלונגען, ווי א ווארט פון אקדמות... ער האט זיך שוין געוואלט אבשעמען און א פרעג טהאָן פשוט, ס'הייסט, מ'זאל איהם דאס ווארט פערטייטשען אויף אידיש. האט זיך אבער גרונע מקדים געווען, ווי דער שטייגער פון א אידענע, און האט פאר איהם געפרעגט:

— וואס איז דאס פאר א מין געשעפט ?

און בעקי, גליקליך פון איהר ערפינדונג, האט דעם ענין מסביר געווען.

— א קענדי־סטארקע איז א מין קרעמעל, וואו מען פערקויפט צוקערקעס, סאדא־וואסער און אייז־קרים.

איז דאס אהרן'ען ניט געפעלען געווארען.

— וואס הייסט, ער וועט זיך מאכען נאריש מיט צוקערקעס, וואס איז ער, א אינגעל, צו וואס ?

ער איז שוין באלד ברוגז געווארען. האבען אבער די זיהן איינגעפונען, אז דאס איז דוקא א גוטע זאך. א קענדי־סטארקע דארף ניט האבען קיין סך קאפיטאל. פאר א הונדערט דאלאר קען מען עס מאכען. און פאר'ן טאטען איז עס ווי אנגעמאסטען. ווארום קיין גרויסע קויפען דאס ניט, די "קאסטימער", די קונדען, הייסט עס ,זיינען נאר קינדער.

— מילא, פערפאלען ! — טראכט אהרן, — וויבאלד אז די קינדער זאגען אז יא, זאל זיין יא !

וואס דען זאל ער טהאָן ? — א קנעלונג מאכען אין אמעריקא ?...

---

אין א פאר וואכען ארום איז שוין אהרן דער דרדקי מלמד געזעסען אין דער קליינער סטארקע מיט פערשיעדענע מינים קענדי און האט געשמאקט געלייזט.

צופריעדען אבער איז ער ניט געווען.

אלע קונדען זיינען קינדער, קליינע קינדער.

און אהרן טראכט:

א ניי מין קנעלונג!

ער דארף מיט יעדען אינגעלע אדער מיידעלע איינקנע־, אז די לאנגע שטיקלעך טשאקאלאד, ווי זיי רופען עס אויף זייער לשון, גיט מען פאר א סענט ניט מעהר ווי פינף שטיק־לעך, און אט די קירצערע גיט מען שוין אכט שטיקלעך. — ווילען זיי דוקא אי די לענגערע אי די אכט...

ווידער ערקלערט ער יעדען קינד בעזונדער, אז די "אייז־קרים" זיינען דא צוויי סארטען. איין סארט הייסט סתם אייז־קרים און א שטיקעל קאסט א סענט, דער צווייטער סארט הייסט "טוטי־פרוטי" און דאס איז שוין א טהייערער סארט — אזא שטיקעל קאסט שוין צוויי סענט. בעטען זיי אלע דוקא טוטי־פרוטי און פאר איין סענט...

— קינדערלעך! — בעט ער זיך ביי זיי רחמים — איך קען נישט!

לאכען זיי און פליהען מיט א זינגעריי און הורא ארויס פון קענדי סטארקע.

איז איהם א שאד דער פדיון, שניידט ער די טוטי־פרוטי אויף צוויי חלקים, און דאס געשעפט געהט.

אבער עס איז ווידער א קנעלונג. און אז ער בלייבט אליין פילאזאפירט ער:

— אפנים, אז עס איז בעשערט צו קנעלען מיט קינדער, העלפט ניט קיין חכמות. דארטען האב איך געקנעלט מיט זיי סדור און חומש, און דא — טשאקאלאד און "טוטי־פרוטי".

אבער אז ער צעהלט איבער פאר'ן שלאפען געהן דעם פדיון, ווערט ער בעסער געשטימט און ער מורמעלט:

— עס איז טאקי שווער, אבער עס איז דאך פארט כדאי.

און פאר גרויס צופרידענהייט פערזוכט ער אליין א שטי־קעל "קענדי".

ער שפייט עס אבער גלייך אויס:

— אמת'ער סם, זאל מיר גאט ניט שטראפען...

# די פערשפעטיגטע מלוכה

ישראל אברהם'ס איז א הויכער, שטארק געבויטער איד, מיט א ברייטער, שטרענגער בארד און וואנסען. וועלכע ער טראגט אין דער זעלבער גרויס זייט מען קען איהם און מען געדענקט איהם, און עס דאכט זיך, אז ישראל אברהם'ס איז אין דער דאזיגער בארד און וואנסען געבוירען געווארען. אויך זיינע גרויע אויגען זיינען גרויסע און ברייטע און קוקען שטרענג אונטער די בעוואקסענע ברעמען, און אפילו אז ער שמייכעלט, זיינען די אויגען זיינע די זעלבע, בלויז די רויט־ליכע פולע ליפען עפענען זיך עטוואס אויף און ברענגען אין בעוועגונג די וואנסעס.

אין הויז פיהרט ער זיך ווי א שטרענגער הערשער. עס איז אפט פאר א זייטיגען מענשען שווער צו גלויבען ,אז דער דאזיגער איד איז דער מאן פון דער קליינוואקסענדער דארער אידענע און דער טאטע פון די עטליכע דערשראקענע קינדער, וואס זיצען אין די ווינקעלעך און האבען מורא צו שטארק צו בעוועגען זיך, אז דער דאזיגער איד זאל חלילה זיי ניט בעשטראפען. עס דאכט זיך, אז ער איז דא א פרעמדער. וועלכער איז אריינגעפאלען אהער אונגעריכטערהייד און די הויזיגע טראכטען אן עצה ווי אזוי פטור ווערען פון איהם.

דאס ווייב, וועלכע טראגט דוקא א נאמען פון א שטאל־צער קעניגין — אסתר, פיהלט זיך שטענדיג אונטער די בליקען פון איהר מאן ווי אן אר־מע דיענסטמיידעל אין א רייכען הויז. אז ער קומט פון דאוונען גרייט זי צום טיש מיט אמת'ען פחד און ציטער'ט אלץ זי זאל ניט פערגעסען עפּיס אוועקצו־לייגען אדער אוועקצושטעלען, אז ישראל זאל עס חלילה ניט דארפען אליין דערמאנען. פאר אסתר'ן איז נימא קיין ערגערס ווי צו הערען ווי ישראל גיט א ברום אויף לשון־קודש: מלח, סכין! צנצנת.. די דאזיגע דריי ווערטער וועלכע ישראל ברויכט נאך'ן וואשען זיך, איידער ער מאכט די המוציא, פערשטעהט אסתר זעהר גוט, מלח הייסט זאלץ, סכין איז א מעסער און צנצנת איז א גלאז וואסער—אבער זי ווערט אזוי צוטומעלט, אז אנשטאט א מעסער ברייננט זי א גאפעל, אנשטאט זאלץ—פעפער און אנשטאט א גלאז מיט וואסער שטעלט זי אוועק א טעלער... א גליק וואס די אלע זאכען זיינען אייגענטליך אויפ'ן טיש געווען אנגעגרייט און ישראל האט זיי גלייך ניט דער־זעהן, ווען ניט וואלט אסתר געהאט א פערשטערטען טאג, אבער אפילו דאס וואס ער דערזעהט ניט גלייך די דריי נויטיגע זאכען ביי זיין עסען איז פאר אסתר'ן אויך אן אונגליק. זיין כעס איז נאך אלץ ניט געשטילט. ער ברומט שוין נאך דעם ווי ער האט גענומען דעם ערשטען ביסען אויף פּראָסט אידיש:

— מען זאל אלץ פערדרוקען, אז מען זאל ניט דערזעהן!...

אסתר איז שוין אבער אין קיך און סטארעט זיך צו ברעננען דאס עסען אזוי, אז ער זאל ניט האבען קיין פּתחון פּה...

עסען עסט ישראל אליין, ביחידות. אין שטוב איז דאָ־מאלט שטילער ווי געוועהנליך. איז עס אין א ווארעמען טאג רוקען זיך די קינדער ארויס אויפ'ן גאס, אין א קאלטער טאג פערדרוקען זיי זיך אין א ווינקעל און שושקען זיך עפּיס. א קליין מיידעלע, מיט קליינע שווארצע אויגעלעך, וועלכע האט נאך

א ביסעלע לעבענסלוסט, צולאכט זיך און דערשרעקט זיך אליין פאר איהר קלינגענדיגען געלעכטער. זי האט געוואלט לאכען אין זיך, האט עס איהר ניט געלונגען און זי ערווארט דעם טא־מען'ס שטראף.

— ווער לאכט עס דארטען, הא ? — קייקעלט זיך פון טיש אראב א פראגע ביז'ן ווינקעל צו די קינדער.

די קינדער זיינען אבער סאלידאר, מען גיט איינע די אנ־דערע ניט ארויס און מען שווייגט אין שרעק.

די פראגע קייקעלט זיך שטארקער, אויף אן אנדער נוסח:

—ווער האט דאס געלאכט ווי א שיקסע ? הא ?

ענטפערט ווידער קיינער ניט... מען טוליעט זיך בלויז ווי בלימעליך אין א שטורם, איינע צו די אנדערע און מען גיט ניט ארויס: אחדות !

ערשט דאמאלט פערלאזט ישראל דעם טיש. געהט אליין צו צום ווינקעל און הויבט אן צו פיהרען א שטרענגע אויס־פארשונג.

דאס קליינע מיידעלע קלאפט פאר שרעק א ציינדעל אן א ציינדעל, איהרע אויגעלעך בעדעקען זיך מיט טרעהרען און זי ברעכט אויס מיט א געוויין.

דאס הייסט זי האט זיך מודה געווען מיט'ן געוויין, אז זי האט געלאכט...

אבער וויינען איז לויט די געזעצען פון ישראל'ן אויך א פערברעכען. אין ישראל'ס הויז הערשט א שטרענגער געזעץ: מען טאר נישט לאכען און מען טאר ניט וויינען. שטיל זאל מען זיין...

און דאס אינגסטע מיידעלע בעקומט איהר פערדינטען שטראף. דערפאר האבען די קינדער דעם טאטען ניט ליעב און זייער בעסטע צייט איז ווען ער איז ביים דאוונען און נאכ'ן עסען אין מארק וועגען געשעפט.

די ערגסטע טעג איז שבת און יום־טוב. ווען מען דארף שוין עסען צוזאמען מיט'ן טאטען ביים טיש. גליקליך איז דאס קינד, וואס איהר ארט איז ווייט פון טאטען און פערשטעלט פון זיין שטרענגען קוק. אבער גליקליכער איז דאס ווייב און די מאמע, אסתר, וועלכע איז פטור אפילו שבת פון צו זיצען ביים טיש. זי קומט בלויז אב מיט'ן דערלאנגען א געריכט נאך א געריכט און מיט'ן עסען איז זי יוצא דערמיט, וואס זי פער־זוכט ביים אויוועק פון יעדע שפייז און ווערט שוין זאט. אן אונגליק נאר, וואס בענשען מוז מען שבת ביים טיש צוזאמען. מאכט זי עס בקצור און נעהמט זיך צום וואשען דאס געפעס...

און אפילו פסח איז אסתר אויך די זעלבע דיענסט ווי אי־מער. זי איז יוצא מיט'ן קידוש הערען און אפטונקען פון כוס די מכות... דאס איבעריגע פראוועט זי האלב אין קיך, האלב־שטעהענדיג ארום טיש און דערלאנגענדיג די נויטיגע זאכען צום סדר און צום עסען.

ישראל אבער היט אב דעם סדר לויט אלע דינים פון שולחן ארוך און לויט זיינע אייגענע געזעצען. פסח איז ער אן אמת'ער הערשער על פי דין.. דאס זיינען שוין גאר אנדערע ווערטער !... זיין טראן, די הסב־בעט איז פון דריי גרויסע קי־שענס און ער עסט אליין אנגעלעהנטערהייט, ווי א מלך.

ישראל איז א פרומער איד. ער ווייס, אז פסח צו די סדרים איז דאס ווייב א מלכה און ער האט א מאל שטארק מורא פאר גאט, וואס ער לאזט אסתר'ן ניט קעניגין... אסתר אליין איז אזוי דערשלאגען, אז זי ווייס אפילו ניט פון איהר הויכען ראנג. ישראל פיהלט עס און עס פערדריסט איהם. וואס ער פערלייקענט פון איהר אזא גרויסען כבוד, אבער ענט־דעקען איהר דעם סוד האט ער מורא. די קינדער די אונטערטא־נען זיינע קענען פערליערען צו איהם דעם רעספעקט, ווען די מאמע וועט טיילען מיט איהם די מלוכה... און כאטש זי אליין וועט שטענדיג בלייבען איהם אונטערטעניג, פון דעסטוועגען

האט ער פארט מורא, זי זאל נים אויפהויבען דעם קאפ...

און אזוי האט ער איהר לאנגע יאהרען נישט דערמאנט פון איהר מלכה'שאפט.

---

עס זיינען אזוי פערלאפען א סך יאהרען. אין ישראל'ס באָרד און וואנסעס האבען זיך שוין בעוויזען גראהע האר. זייגע אייגען זיינען קלענער געווארען און האבען בעקומען א ווייכען אויסדריק. ביים סדר איז ער געזעסען מיט די צוויי אינגסטע קינדער, א מיידעל פון א יאהר צוועלף און א איינגעל פון א יאהר צעהן. די איבעריגע קינדער זענען זיך צופאהרען אין דער גרויסער וועלט. נאך דעם ערשטען כוס האט ער זיך דערפיהלט ווי בערוישט, ער האט זיך דערמאנט אן די קינדער אין דער פרעמד און זיין הארץ איז פול געווארען מיט ליעבע צו די איבריגע צוויי און האט דאס מיידעל געגעבען א גלעט איבער'ן קעפעלע, פון וואס זי האט זיך אנפאנגם דערשראקען און נאכדעם א פערשעמטע א שמייכעל געטהאָן: דער טאטע האט זי געגלעט.

אסתר, וועלכע איז שוין געוועזן אין גאנצען געבויגען פון די משא פון עטליכע צעהנדליג יאהר, וואס זי האט געטראגען אויף איהר שמאלער פלייצע, האט זיך ארומגעדרעהט פון קיך צום טיש, פון טיש צום קיך און האט געהאוועט ארום סדר ווי אלע יאהר.

פלוצום האט זי דערהערט ווי עמיצער רופט איהר:

— אסתר...

ישראל רופט עס איהר... זי האט זיך פערשעהמט און איז צו צום טיש...

— וואס דרעהסטו זיך ארום? האט ער ווייך, אבער נאך אליץ מיט דער אלטער שטרענגקייט געפרעגט... עס איז דאך היינט פסח... דער סדר, איך בין א מלך און... דו ביסט...

ער האט איהר געוואלט מגלה זיין דעם סוד, אז זי איז

א מלכה, אבער ער האט נאך אלץ ניט געוואלט און האט זיך אבגעהאקט און ווידער אנגעהויבען

— היינט איז פסח... צום סדר איז דער מאן א מלך און די ווייב איז... א...

— די ווייב איז אן אלטע אידענע... — אסתר האט שוין פאר א לאנגע צייט ניט אויסגערעדט אזא לאנגע פראזע מיט ישראל'ן און האט זיך דערפיהלט אונבעקוועהם און זיך גע־לאזט ווידער צום קיך, דערלאנגען די פיש...

ישראל האט זיך פערטראכט, א זיפץ געטהאן און זי גע־רופען.

— אסתר, קום אהער...

זי איז צוגעגאנגען מיט וואקלענדע טריט...

— דו ביסט היינט א מלכה!

— אז אך און וועה איז צו מיר! — האט אסתר תחינה־דיג אויסגעברומט און זיך געגומען ביים פארטוך...

— יא, אסתר ביזט היינט אבענד א מלכה און מארגען צום צווייטען סדר אויך...

אסתר איז אבער געווען צופיעל דערשלאגען, אז זי זאל וועלען אננעהמען די מלוכה און זי האט זיך אבגעווארפען:

— ניין, ישראל, צו וואס א מלכה... איך בין ניט קיין מלכה...

און האט זיך א ווייגענדיגע געלאזען צום קיך ברענגען די פיש...

ישראל האט אידישלעך אפגעזיפצט, ווי עס וואלט איהם אראב א שטיין פון הארץ.

— זי נעהמט עס אן, צו ניט — האט ער געטראכט, אבער איך האב מיין חוב יוצא געווען... איך האב איהר אויס־געזאגט... א אידענע האט ניט געוואוסט דאס גאנצע לעבען פון א מלוכה..

און אז אסתר האט געבראכט די פיש און דערלאנגט

ישראל'ן דעם שעהנעם חלק, האט ער ווידער זיך גענומען איינרעדען איהר:

— זאלסט וויסען, אסתר, אז היינט ביינאכט ביזטו א מלכה...

אסתר, וועלכע האט זיך שוין אין קיך אויסגעוויינט, האט זיך דערפיהלט לייכטער. זי האט גוטמוטהיג א שמייכעל גע־טהאָן און געענטפערט:

— א מלכה ווי א מלכה. מען זאל קיין דיענסט ניט דאר־פען זיין אויף דער עלטער...

האט ישראל זיך אויפגעהויבען פון זיין טראָן, אויסגע־צויגען זיין האנד אסתר'ן און מיט קייזערליכער גרויסמוטי־היגקייט איהר געגעבען דאס ווארט:

— ניין, אסתר... מעהר וועסטו קיין דיענסט ניט זיין...

און ביים צווייטען כוס האט אסתר זיך אוועקגעזעצט ביים טיש, נעבען ישראל'ן, נאכגעזאגט "הריני מוכן" און גע־נומען צו די ליפען דעם כוס..

און א בערוישטע פון דעם ביסעל וויין און פון דער מלוכה וואס זי האט בעקומען אויף דער עלטער האט זי זיך צואוויינט אויפ'ן קול...

ישראל'ן האט אויך דאס הארטע מאנסבילשע און איצט קעניגליכע הארץ פערדריקט. ער האט זיך קוים איינגעהאלטען ניט צו צואוויינען זיך. ער האט גוטמוטיג ארויסגעמורמעלט:

— א אידענע בלייבט א אידענע...

# דער עיבור

— באלד דארף מען שוין, דאכט זיך, ארויסנעמען דאס ברויט — האט לאה גערעדט פאר זיך, אויפמאכענדיג די בלעך פון אויווען און בעטראכטענדיג די זעקס לעבליך ברויט, וואס זיינען געווען אויסגעזעצט אין צוויי צייַלען.

זי האט געווארפען עטליכע ליעבע בליקען אויף די לעב־ליך, אין וועלכע זי האט האט קנעטענדיג, איהר נשמה ארייַנ־געלעגט, זי האט א פרייען זיפץ געטהאָן און פערמאכט צוריק דעם אויווען מיט דער בלעך.

— נאך א האלב שעה דארף זיצען — האט זי משער געווען, קוקענדיג אויפ'ן אלטען זייגער מיט'ן צובראכענעם ציי־פערבלאט, וואס איז געהאנגען צווישען קאָמאד און טיש.

— מאמע ! ביזט אייַנגעשמוצט אין סאזשע, האט איהר בעמערקט איהר עלטערע טאכטער, חאשקע, וואס האט געוואַ־שען דאס געפעס.

— אויך א זארג ! האט די מוטער דערויף א מאַך גע־טהאָן מיט דער האנד — מען ווערט גענוג פערשווארצט ביז וואנען מען באקט אב א געבעק ברויט... דעם טאטען'ס פרנסות, אז אך און וועה...

און לאה האט זיך דערמאנט, ווי שווער דאס געבעק ברויט איז איהר אנגעקומען. שמעון, דער מאַן איהרער, האט שוין פון א חודש קיין קאפיקע ניט פערדיענט, דער מסחור פון

תבואה איז אזוי געפאלען, אז איין גאט זאל נור רחמנות האָבען; אויף איין אכטעל האבער, וואס דער פויער פיהרט ארוים, פאלען אן, ווי היישעריקען טויזענדער הענדלער און יעדערער באט אן מעהר ווי פיעל עס איז ווערטה, ביז דער פויער ווערט פון גרוים גליק צוטומעלט און ווייס גאר ניט וואס פאר א גרויסען פרייז צו פערלאנגען. אט איז ער פון א פאר וואכען "אויף די דערפער", טאמער וועט גאט איהם דארטען עפעס צושיקען...

זי וואלט נאך לאנג אזוי געטראכט האט זי זיך אבער דערמאנט, אז די לאפעטע האט זיך צובראכען, בשעת זי האט דאס ברויט אין אויווען געזעצט...

— שוין קיין לאפעטע, ברוך־השם, אויך ניט דא — האט זי אויף דאס ניי אנגעהויבען מאכען א חשבון אויף דער לאפעטע, וועלכע זי האט שוין געוווינט אין דער פריה בעקלאגט — מען דארף שוין געהן ווידער לייהען.

און מיט א זיפץ איז לאה ארויסגעגאנגען קעגען איבער צו א גוטער שכנה, דוואשע, לייהען א לאפעטע.

לאה'ס אויפפיהרונג, ווען זי קומט ערגעץ עפעס לייהען, איז ניט ארויסצוזאגען גלייך איהר בקשה, נאר מאכען זיך, ווי זי איז כלומרשט אריין מיט א "וויזיט", אביסעל פערברייינגען און נאכדעם ערשט ווענדען זיך פערביי־געהענדיג: "איך האב געוואלט ביי אייך לייהען דאס און דאס".

אויך יעצט איז זי צוגעגאנגען און אוים עדעלקייט גענומען איין אנטהייל אין שמועס.

דאס מאל איז אבער דער שמועס אליין אין שטאנד געווען צו פערהאלטען לאה'ן און זי האט זיך אזוי שטארק פעראינטערעסירט, אז זי האט זיך פערגעסען וועגען וואס זי איז געקומען.

דער שמועס איז געגאנגען וועגען עיבור־יאהר.

— נאך א סך האבען מיר צו "ואדר" ? פרעגט איין שכנה.

— היינטיגען שבת, אז גאט וועט געבען געזונד בענשט מען שוין ואדר — ענטפערט דוואשע מיט לומדישע גדלות.

— ווען האבען מיר ראש־חדש ? פרעגט די צווייטע שכנה.

— ראש־חדש האבען מיר אזוי גרוים ווי...

און דוואשע פערקנייטשט, ווי א געלערנטע, דעם שטערן און זאגט מיט שטאלץ ארוים: אט וועל איך אייך באלד אויס־רעכענען: ראש־חדש אדר איז געוועזען מיטוואך און דאנער־שטאג, וועט זיין איצטער פרייטאג און שבת..

— ווען ניט דער "עיבור", וואלט שוין געוועזען נאך פורים

— האט די ערשטע שכנה בעמערקט.

—אקוראט א וואך נאך פורים — ווייזט אוים דוואשע ווידער איהר לומדות.

און לאה שטעהט און הערט מיט אינטערעס: דער "עיבור" לאזט איהר שוין לאנג ניט שלאפען און זי זאגט ארוים מיט א זיפץ איהרע געדאנקען וועגען איהם :

— זאל מיר דער אויבערשטער ניט שטראפען פאר די רייד —הויבט זי אן מיט א תחינה־ניגון — דער עיבור ליגט אויף מיר אזוי ווי א בארג — פאר א יאהרען אין דער צייט איז שוין ווארים געוועזן, היינטיגעס יאהר, ווען ניט דער עיבור, וואלט שוין אויך מסתמא ווארעם געוועזן. איך האב שוין א ברעקיל האלץ ניט.

— וואס רעדט איהר, גאט איז מיט אייך ! האט דוואשע מיט א ליבען שמייכעל זיך געווענדעט צו לאה'ן. דער אוי־בערשטער מיט זיין גרוים גענאד שענקט אונז אומזיסט א חדש לעבען און איהר זייט נאך ניט צופריעדען און זינדיגט...

— וואס איז שייך — ער שענקט — אוודאי שענקט ער

— האט לאה געענטפערט, ווי דערשראקען — אלץ שענקט ער, דאס גאנצע לעבען שענקט ער.

— אי זאלט איהר געזונד זיין ! האט דוואשע גוט־ הער־

ציג געשמייכעלט אויף לאה'ס "ניט געלהרענטקייט" — ווע־גען דעם שמועסט מען דאך ניט — אלץ טאקי שענקט ער, וואס דען? פון דעסטוועגען פיהרט זיך ביי "איהם" ביכער, פונקט, ווי דעם זינדיגען מענשען וואלט אלץ געקומען... יע־דער טאג, יעדער חדש, יעדעס יאהר געהט דארט אין חשבון, פערשרייבט זיך אין בוך; וואדר אבער רעכענט ער ניט אריין אין חשבון, וואדר שענקט ער דעם זינדיגען מענשען במתנה, אזוי ווי למשל, א צולאג.... אויף אלע דריי יאהר — א צולאג א חודש!

פאר לאה'ן איז דאס געווען איין אונערווארטעטע ענט־דעקונג. ביז אהער האט זי וועגען עיבור געהאט נור א בע־גריעף, ווי א צוגעטשעפעטער חודש צום לאנגען שווערען ווינ־טער. ווי אזוי דער חודש געהט דארט אין רעכנונג האט זי נאר ניט געקלערט — איצט האט זי וועגען עיבור געקריעגען א ליטערע פארשטעלונג: דאס שענקט גאט דעם מענשען איין אומזיסטען חודש לעבען.

און גאט האט זיך איהר אצינד פארגעשטעלט פאר א מיל־דען, ווייכהערציגען.... ער שטעהט מיט א גוטען שמייכעל ביי א וואג־שאל... לעגט אהין יאהרען, חדשים טעג און ער רעדט ליעבליך ארוים:

— א חדש איבריג... א צולאג! לאה'ן א צולאג... א רחמנות אויף איהר, איהרע יאהרען זיינען אזוי אויך נעביך נעצעהלט, אזוי ווייניג... זי איז שוין אזוי שוואך און קראנק...

און לאה'ס פנים שטראהלט פון דאנקבארקייט, פאר ליעבשאפט צום גוטען גאט און אזוי ווי פערשעמט ווענדעט זי זיך צו דוואשען:

—איך וועל אייך זאגען דעם אמת — איך האב דערפון נאר ניט געוואוסט — עס איז גאר א חרפה צו זאגען.

— וואס איז די חרפה? האט דוואשע גוטהערציג גע־שמייכעלט — איך האב דאס אין א ספר אויף עברי טייטש

געלייענט, מיין "אַלטער" זאָגט, אַז אין די לשון־קדש'דיגע ספרים שטעהט דאָס אויך.

און די אַנדערע צוויי שכנות זיינען אויף דערויף בעד־שטאַנען, זיי האָבען דאָס שוין לאַנג געוואוסט.

—וואָס דען—אַ מענשען'ס גאָב איז דען אַ גאָב? האָט דוואָשע אַנגעהויבען אַריינצולאָזען זיך אין חקירה — אַז ער שענקט איז געשענקט, וואָס קען אומשטיינס געזאָגט אַ מענש דעם אַנדערען מענשען שענקען — אַ מענש האָט גאָר ניט — אַלץ איז זיינע!

און די ווייבער האָבען זיך געלאָזען טיעף אַרומרעדען גאָטס מעשים, זיינע חסדים וואָס ער טהוט מיט די זינדיגע מענשען און לאה האָט גערעדט מעהר פאַר אַלעמען: דער צו־געקומענער אומזיסטער חדש, וועלכער וועט איהר אין חשבון ניט אַריינגערעכענט ווערען, האָט זי רעדענדיג געמאַכט און גערעדט האָט זי מיט פייער, מיט אויפלעבונג; עפּיס האָט זיך איהר געדאַכט, אַז פון היינט אָן איז איהר קורצעס לעבען לענ־גער געוואָרען...

— אַ שאָד, וואָס דער עבור קומט אויס אַלע מאָל ווינ־טער — האָט זי ענדליך געפונען אויסצוזעצען אַ שטיקעל חסרון אין גאָט'ס מתנה — דער עבור, האָט גאָט געדאַרפט מאַכען זאָל אויסקומען זומער — זומער איז עפּיס פרעהליכער אויפ'ן האַרצען, וואַרים — מען דאַרף קיין האָלץ ניט.

זי האָט זיך אָבער באַלד געכאַפּט, אַז מיט אַזוינע רייד זינדיגט זי און זי האָט זיך צוריק פערכאַפּט:

— סאַ'דאַגה, זאָל זיין ווינטער — אַ חדש לעבען ווילט זיך ווינטער אויך..

— לעבען ווילט זיך אַלע מאָהל... האָט אַ שכנה מיט אַ זיפץ מיטגעזאָגט.

— יאָ, יאָ! האָט לאה ווידער גערעדט — לעבען איז

א גוטע זאך.... א טהייערע זאך, עס איז טהייערער פאר פרנסה. ..

און פלוצום האט איהר עפעס אין קאפ א קלאפ געטהאָן. דאס ווארט פרנסה האט איהר דערמאנט אן דאס געבעק ברויט אין אויוועז. זי האט באלד א שפרונג געגעבען און, פערברע־כענדיג די הענד האט זי ווי צומישט אויסגעשריען:

— דוואשינקע... דאס ברויט אין אויוועז... גיכער לייהט מיר אייער לאפעטע... אוי וועה איז מיר... פערדעדט זיך, פער־ברענט געווארען...

---

אריינלויפענדיג מיט דער לאפעטע ווי א ווילדע חיה אין שטוב צו זיך האט לאה מיט אימפעט א כאפ געטהאָן דאס בלעך פון אויוועז ,אווארף געטהאָן אויף דער ערד און ארויס־נעהמענדיג די לעבליך ברויט און דערזעהענדיג דעם אויבער־שטען שווארצליכען גלאנץ פון זיי, האט זי פון אנפאנג ניט געוואוסט וואס צו טהאָן און האט פערצווייפעלט די הענד גע־בראכען. אז די ערשטע שרעקליכע סעקונדען זיינען אריבער און דאס אונגליק איז איהר דייטליכער געווארען, האט זי זיך צויאמערט: — וועה איז מיר וויינד איז מיר: א געבעקס ברויט געפטרט... אויף קויהל... ביז וואנען איך האב עס צו־נויפגעשלאגען... וואס טהוט מען איצטער, וואס טהוט מען?...

די קליינע קינדער האבען זיך פאר שרעק בעהאלטען אין די ווינקלען, נאר די עלטערע טאכטער האט זי אנגעהויבען צו בערוהיגען:

— שא נישקשה, מען וועט אויפעסען...

— ווערים זאלען דיך עסען, רבונו של עולם, האט לאה פערביטערט געשאלטען — דו האסט מיך ניט געקענט א רוף טהאָן?... פערדעדט זיך דארטען, פרעג וואס?... עיבור — שמיבער — מיין דאגה...

און בעטראכטענדיג די װעקס לעבליך ברויט מיט זייער אויבערשטען שווארציכען גלאנץ האט זי זיך צוכליפעט מיט א וויינענדיגען תחינה־ניגון:

— אוי, רבונו של עולם — גוטער גאט, האסט דאך רחמנות אויף אלע דיינע בעשעפעניש, האב שוין רחמנות אויף מיר אויך און נעהם מיך שוין צו פון דער פינסטערער וועלט...

# פלאַכס

אַראָבגעגאַנגען פון קעסט, האָט זלמן אַרויסגענומען די צוויי הונדערט רובעל נדן, וואָס זיינען געווען איינגעלייגט ביין גביר פון שטעדטיל און האָט זיך גענומען צו מסחור.

זלמן איז געווען אַ יונגער מאַן אַ משכיל, האָט געהאַלטען מיט אַכט שותפים דעם "המליץ", געלעזען איבער דעם המליץ האָט ער אַליין, יענע שותפים, בעלי־בתישע יונגע לייט, זיינען געווען שותפים בלויז פון גדלות וועגען. וואָס אין "המליץ" טהוט זיך האָט געוואוסט בלויז זלמן. זיצענדיג אויף קעסט האָט ער געלעזען דאָס "בלאַט" פון אָנהויב ביז'ן סוף און ניט נאָר די פּאָליטיק, וואָס איז איבריגענס געווען גע־שריעבען אין אַ שווערען סטיל, האָט ער געלייענט — ער האָט אפילו געשטודירט די פּרייזען פון די תבואות, וואָס איז געווען געדרוקט מיט קליינע אותיות'לעך גאָר צום סוף פון בלאַט.

אַז ער האָט אָנגעהויבען צו האַנדלען האָט ער זיך מיט דער דאָזיגער אַבטהיילונג שטאַרק גערעכענט. אַרויסגעהענדיג זונטאָג פריה אין מאַרק, האָט ער פריהער גוט דורכגעקוקט די פּרייזען, ווי זיי זיינען געדרוקט אין בלאַט און כאָטש ער האָט געוואוסט, אַז די גרויסע סוחרים זיינען אידען עם הארצים און הויבען ניט אָן צו וויסען פון אַ בלאַט, האָט ער דאָך דער־רויף ניט געקוקט. ער האָט געצאָהלט פּרייזען לויט'ן "המליץ".

פערקויפענדיג ענדע וואָך דאָס ביסעל תבואה דעם גרוי־

סען סוחר פלעגט נים איין מאל אויסקומען א מחלוקת :

— סטייטש ! פלעגט זלמן טענה'ן — דער המליץ שרייבט שווארץ אויף ווייס, אז שעורים, גערשטען, הייסט עס איז חזק, פעסט, הייסט עס, און איהר קומט און גיט מיר ווע־ניגער ווי פאר אכטאגען, ווען דער המליץ האט געשריעבען דוקא פערקעהרט, אז שיעורים איז רפה...

פלעגט דער סוחר רוהיג שמייכלען און ענטפערען :

— ווער הייסט דיר, זלמן, זיין א געלערענטער, דו האנ־דעל ווי מיר, אהן דקדוק, וועסטו מעהר פערדיענען.

אבער זלמן האט זיך געהאלטען פעסט, אז וויבאלד דער המליץ שרייבט, איז ראיעל ווי גאלד און ער האט דאס פעקעל תבואה געהאלטען נאך א פאר וואכען, אבי דעם סוחר ניט צו פערגנארען. ביז ער האט זיך דערוואוסט, אז דער המליץ אליין האט געשריעבען—רפה, געפאלען, הייסט עס.. דעמאלט פלעגט ער ווידער רופען דעם גרויסען סוחר, בעווייזען איהם די אנגעקויפטע סחורה און זיך אנרופען :

— וואס וועט איהר אויף טשיקאוועס איצט געבען ?

און ווי אויף צו להכעים פלעגט דער סוחר ענטפערען:

—זעהסטו, זלמן, היינט בעקומסטו מיט צוויי קאפיקעס מהייערער אויפ'ן פוד... עס האט זיך אביסעל געהויבען...

זלמן האט שיער ניט אויסגעשריען: געפאלען ! ער האט אבער ניט געוואלט פערלירען די צוויי קאפיקעס אויפ'ן פוד און האט אין הארצען געטראכט :

— געהט ער צום טייוועל — א איד א גראבער יונג און הויבט ניט אן צו וויסען פון עכטע פרייזען, לויט'ן קורס.

ענדליך האט זלמן אנגעהויבען צו האנדלען אהן דער פער־מיטלונג פון דער ציטונג. ער האט איינגעזעהן, אז אויב ער וועט צאהלען פרייזען נאכ'ן המליץ, וועט ער דעם לעצטען הונדערטער, וואס איז איהם געבליבען, אין גיכען פערליערען.

און יעדען שבת צו־נאכט, פלעגט ער אריינגעהן צום

גרויסען סוחר, וואו עס זיינען געווען פערזאמעלט פיעלע קליי־
נע הענדלער און פלעגט פרעגען ווי שטעהט דער פרייז.

— אט אזוי ! אט אזוי — פלעגט דער סוחר, חיים אי־
טשעס, א גוטמוטיגער איד, אבער א גרויסער עקשן אין מסחור
— זלמן'ען קלאפען איבער'ן פלייצע — הויבסט אן ווערען א
מענש ! קוקסט שוין ניט וואס די בלעטער שרייבען דארט...
פרעג זיי בחרם, די בלעטער — פלעגט חיים איטשעס חוזק
מאכען, און קלאפענדיג מיט'ן פינגער אין ברוסט, פלעגט
ער מיט גדלות ענדיגען :

— איך בין דאס בלאט !

און פלעגט זיך צולאכען מיט א ברייטען געלעכטער און
צופריעדען אויסרופען :

— אמת, זלמן !...

אז זלמן פלעגט פון סוחר ארויס פלעגט ער זיך פיהלען
ווי א קינד, וואס אן עלטערער איד האט איהם נאר וואס אב־
נעשמיסען. ער פלעגט דעמאלט טרויעריג טראכטען, אז השכלה
מיט מסחור זיינען ניט קיין פאר קליידער און אויב מען וויל
באמת ווערען א סוחר, מוז מען זיך די בלעטער ארויסשלאגען
פון קאפ.

קומענדיג אהיים פלעגט ער דאך זיך נעהמען צו דער
צייטונג, איינקוקען זיך אין דער אבטהיילונג פון די פרייזען
אויף די תבואות און געפינענדיג, אז עס איז פונקט קאפויר
ווי דער סוחר האט איהם ערשט געזאגט, האט ער די צייטונג
פערשטעקט ערגעץ אין א ווינקעל און געמורמעלט

— היינט געה זיי אן אויפגעקלערטער, אז דו האסט צו
טהאן מיט אזוינע גראבע יונגען !..

---

אבער האנדלען גלייך מיט אלע קליינע הענדלער פון
מארק האט זלמן ביי זיך ניט געקענט פועל'ן, אויב ניט האנד־
לען נאב'ן קורס פון "המליץ". וואס דאס וואלט איהם חעבער

געמאכט אין די אויגען פון זיינע "קאלעגען", מוז ער האנד־לען מיט אזא מין סחורה, וואס שטעהט העכער ווי די איבע־ריגע סחורות און איבערהויפט צו וועלכע עס פאדערט זיך מבינות.

אמת, אויף תבואות דארף מען אויך זיין א מבין. דער ווייץ, דארף זיין א ביסעל רויטליך, דער האבער לאנגליך און טרוקען. דער גערשטען פול און רונד, דער "זוימען" דארף זיין ריין פון פסולת און נאך אזעלכע כללים. אבער דאס וויים יע־דער הענדלעריל, קיין חכמות איז דערביי ניטא.

א מבין דארף מען שוין זיין צו "חזיר־האר" ! דאס איז אבער א סחורה וואס קאסט געלד. אמת'ע חזיר האר איז זיך ניט אויסצוצאהלען. מען דארף האבען דערצו גרויסע קאפיטא־לען. און די סחורה אליין דארף מען זוכען ! אז עס מאכט זיך איהם אמאל קויפען א בינטעלע חזיר האר פאר א האלב קערביל קויפט ער. עס איז אבער ניט מעשה סוחר. עס שמעקט מעהר מיט קבצנות! און די עצם סחורה געפעהלט איהם אויך ניט. חזיר האר איז זלמן'ען ניט צום הארצען. עס איז פארט סחורה פון א חזיר! אמת, דער גרויסער סוחר פון די "חזיר־האר", האט אן אייגענע פאבריק און ארבייט עס אוים אין די וואגאנעס. אזוינס לוינט זיך שוין! אבער כאפען פון א בינטע־לע א פאר צעהנערלעך לוינט זיך ניט מיאוס מאכען.. און דער־צו ציהט איהם ניט דערצו. צו חזיר־האר האט ער ניט קיין כשרון, קיין טאלאנט הייסט עס...

זייט זלמן איז געווארען א הענדלער ציהט איהם צו פלאקס.. ער פיהלט, אז זיין מזל ליעגט אין פלאקס. די סחורה איז א שעהנע, א מהודר'דיגע און עס פאדערט זיך דערצו שאר־פע מבינות. און זלמן האלט, אז אן אמת'ער מבין איז ער בלויז אויף פלאקס...

פלאקס איז אבער א ריזיקאלע סחורה. מעהר ווי איין גרויסער סוחר אין שטעטיל ווע בען צו פערקויפען איז עס

ניטא. און דער ראזינער סוחר, מאטע שפינער איז א איד א גזלן! ער צאהלט פרייזען לויט'ן קאפריז. זלמן האט שוין א מאל געקויפט א צוויי פוד פלאקס פאר וועלכע ער האט אליין בעצאהלט זעקס רובעל, ער האט עס אוועקגעפיהרט צו מאטע שפינער אין גרויסען שפייכלער און מיט א קלאפענדיגען הארצען געווארט אויף יענעמס אורטהייל.

מאטע שפינער איז ביי א פיערטעל שעה צייט געשטאנען און געקוקט, ווי די מענשען זיינע לעגען איבער פלאקס פון איין ווינקעל אין צווייטען, בינדען איבער אין שטריק און ווע־גען עס, און אין זלמן'ס זייט האט ער אפילו קיין קוק ניט גע־געבען. אבער אז זלמן'ען האט ענדליך געפלאצט דאס געדולד און ער האט שוואך געזאגט:

— ר' מרדכי, איך האב איך געבראכט אביסעל סחורה, איהר זאלט עס אנקוקען.... האט מאטע שפינער אויפגעהויבען זיינע אויגען אויף זלמן'ען, ווי ער וואלט איהם גאר ניט גע־קענט, נאכדעם האט ער א בליק געווארפען אויפ'ן פעקעלע פלאקס און זיך מיט א שמייכעלע אנגערופען:

— דו האסט זיך שוין גענומען צו פלאקס?...

און א טאפ טהאנדיג איין בינטעל פון די צוויי וואס זיי־נען געלעגען ווי דערשראקענע אויפ'ן שוועל פון גרויסען שפייכלער, האט ער א גענעץ טהאנדיג געפרעגט:

— וואס ס'טו בעצאהלט?

— זעקס רובעל! — האט זלמן אבגעענטפערט דער־שראקען ווי ביי'ן עקזאמען...

— ביזט א שוטה! האט מאטע שפינער זיך גוטמוטהיג אנגערופען...

און אנקוקענדיג זלמן'ען מיט א מאדנעם אויסדריק אין די אויגען האט ער צו געגעבען:

—ביזט א מלמד...

און ניט ערווארטענדיג זיך פון דעם דערשראקענעם

זלמן'ען קיין וויעדער־שטאנד, האט ער ווידער א טאפ געטהאָן א בינטעל, זיך צולאכט און גלייך צוריק ערנסט געווארען:

— נעהם דאס צוריק!

זלמן איז געשטאנען ווי ניט טוידט, ניט לעבעדיג און האט זיך ניט בעוועגט.

מאטע שפינער האט די צוויי בינטלעך וויעדער א טאפ געטהאָן און אנקוקענדיג זלמן'ען ווי מיט רחמנות האט ער ארויסגעמורמעלט:

— פינף רובעל קריגסטו... א רובעל איז דיר ווערט רבי געלד...

— נעהמט, ר' מרדכי! — האט זיך זלמן ווי דערפרעהט. וואס דאס ערשטע מאל האט ער אבגעשניטען בלויז מיט איין רובל היזק און האט זיך שוין געטרייסט, אז ער איז יא א מבין — נעהמט צו, נאר איך האב צו אייך א בקשה...

— א בקשה? האט שוין מאטע שפינער ווי א שטרענגער טאטע געפרעגט — לאמיר הערען...

— וואס פאר א חסרון געפינט איהר אין די פלאקס?

— א חסרון? הם.. א חסרון... צו קורץ, ניט גלאנציג... שוואך.. זעהסט.. עס רייסט זיך.. און מאטע שפינער האט גע־נומען א לאק פון בינטעל און איבערגעריסען, ווי שמשון הגבור די שטריק פון די פלשתים...

— חי — חי — חי! האט זלמן אנגעקוואלען... הייסט עס, אז עס דארף זיין לאנג, שטארק און גלאנציג...

— ביזט א מלמד... האט איהם מאטע שפינער גוטמוט־היג געמוסר'ט — ווילסטו ווערען גלייך א מבין... וועסט אבי־סעל פערליערען וועסטו זיך אויסלעהרנען...

בעקומענדיג די פינף רובעל האט זלמן מיט א שיינענדי־גען פנים, ווי דאס וואלט געווען כלו ריוח, ארייגעשטעקט זיי אין קעשענע און איז ארויס מיט דער האפנונג אוועקצו־ווארפען אלע מסחרים און זיך נעהמען צו פלאקס...

מיט גרינשעצונג און מיט פעראכטונג האט זלמן אנגע־הויבען קוקען אויף די אלע סוחרים'לעך, וואס האבען זיך ארומדרעהט אין די מארקס־טעג אויפ'ן גרויסען זומפיגען מארק און געהאנדעלט וואס עס האט זיך געמאכט...

מעהר פאר אלע האט איהם אבגעשטויסען חיים דאַ־מעצקעס, א איד אין א וואטאווען קאפטען, ארומגעגארטעלט מיט א שטריק, ארום איהם זיינע דריי בנים שלמה, יאשקע און פיישע, וועלכע האבען געוואלט איינגעהמען דעם גאנצען מארק. געהאנדעלט האבען זיי וואס עס האט זיך נאר גע־לאזט און אין וואס ס'האט ניט געשטעקט קיין ריזיקע: מיט אייער, קרענץ ציבעלע, היהנער און טאמער האט זיך געמאכט ביליג א קאלב איז א קאלב אויך געווען א סחורה און ניט זעל־טען פלעגט דער טאטע מיט דער קאלב אויפ'ן פלייצע, ניט האבענדיג קיין צייט אוועקטראגען זי אין שפייכלער, ארומגעהן איבער'ן מארק צווישען די וועגענער, בעגלייט פון זיינע דריי בנים און האט געמאכט געשעפט. דאס קאלב האט דערביי אויסגעצויגען איהר האלז און וויינענדיג געבלעקט.

— איהר קויפט אלץ! — פלעגט אמאל זלמן מיט א חוזק־טאן זיי אבשטעלען..

— יא, זלמן, מיר קויפען אלץ... נאר ניט קיין פלאקס... דאס לאזען מיר פאר אייך!...

און די בנים האבען אויסגעשאסען מיט א געלעכטער, אז דאס קאלב און די היהנער וואס זיי האבען מיט זיך געטראגען האבען זיך דערשראקען און זיך צושריען יעדער אויף זיינע קולות...

— גראבע יונגען! פלעגט זלמן טראכטען — מאכען פון אלץ געלד! אלץ איז ביי זיי סחורה..

און ער פלעגט צוגעהן צו א וואגען פלאקס, בעטראכט איהם לכתחילה צו גלאנצט ער ווי גאלד... נאכדעם פלעגט ער

מעסטען די לענג, נאכדעם פלעגט ער פרואוווען א פאר לאַ־קענס איבערררייטען אויף די פינגער...

— טשאהא טי "זשיד", רוויעש... דאס הייסט: — איד, וואס רייסט דו ?

פלעגט זלמן זיך אנרופען מעשה־סוחר :

—יא ניע רוואו — יא פראבויו... ס'הייסט איך רייס ניט, איך פרוביר...

— און אז דו וועסט ניט קויפען, ווער וועט מיר בע־צאהלען פאר די פעדעם וואס דו האסט צוריסען — פלעגט דער גוי בייזער ווערען.

דא פלעגט זלמן ענטפערען :

— אויב דו וועסט ניט זיין קיין "הארטער" מענש וועל איך אודאי קויפען....

און זעלטען פלעגט זלמן ניט מושוה ווערען, סיידען דער פלאקס פלעגט איהם ניט געפעהלען. קוים אבער איז דער פלאקס געוועזן לויט די כללים פון מרדכי שפינער: לאנג, גלאנ־ציג און שטארק איז קיין פרייז ניט געוועזן צו פיעל...

זלמן האט א שעהנעם פעקעל פלאקס ליעב געהאט און וואלט ער נור געלד געהאט וואלט ער דעם גאנצען פלאקס פון אלע גוים אבגעקויפט.

די ערשטע צייט פלעגט ער לאנג ביי זיך ניט האלטען דאס אנגעקויפטע. זיין קליינער קאפיטאל האט איהם ניט ערלויבט לאנג די סחורה צו האלטען. אויף מארגען נאכ'ן מארקס־טאג פלעג ער ארויפלעגען די געקויפטע בינטלעך פלאקס אויף א וועגעלע און אוועקפיהרען עס צו מאטע שפינער.

מאטע שפינער האט זיך נאך אלץ בעצויגען צו איהם, ווי צו אן אנפאנגער, האט איהם אלץ גערופען מיט א שמייי־כעלע "שוטה", "מלמד" און נאך אנדערע נעמען, וואס זלמן פלעגט עס אננעהמען פאר ליעב. אבי נאר דער גרויסער סוחר

זאל איהם ניט באטען א מקח, וואס זאל שמעקען מיט סך אנוועהר...

ענדליך האט מאטע שפינער גענומען אנערקענען זלמן׳ען אלס א מבין אויף פלאקס און איינמאל אין דער אנוועזענהייט פון א פאר קליינע סוחרים׳לעך, וואס האבען זיך אין שפייכ־לער געפונען, האט מאטע שפינער, קלאפענדיג זלמן׳ען אין פלייצע, מיט גרוים ערנסט געזאגט:

— אט זעהט איהר, דער יונגערמאן פערשטעהט שוין יא אביסעל וואס פלאקס איז...

— עס קאסט רבי־געלד, ר׳ מרדכי! — האט זלמן דע־מאלט מיט א שמייכלע זיך אבגערופען און האט צופרידען גע־גלעט דאס בערדעל.

---

דער אייגענער קאפיטאל האט זיך ביי זלמן׳ען ענדליך אויסגעלאזט, אבער אזוי ווי ער איז שוין געווען א טאטע פון דערוואקסענע קינדער און אין זיין בערדעל האבען זיך שוין בע־וויזען גרויע פאסען, איז ער געווען א בטוח און האט געהאנ־דעלט מיט פרעמד געלד...

געהאנדעלט האט ער נאך אלץ מיט פלאקס און דער מסחור איז פון יאהר צו יאהר איהם טהייערער געווארען. גאנ־צע טעג פלעגט ער אבליגען אין שפייכלער, וואו עס איז געלע־גען אנגעווארפען בינטלעך פלאקס און ער אליין צווישען זיי אויסגעשמירט אין א בלאנדע פלאקס־לאקענס האט אויסגע־זעהן, ווי א שטיק פלאקס.

ארויסגעהענדיג פון דעם שפייכלער און קומענדיג אהיים, פלעגט איהם דאס ווייב, וועלכע איז מיט זיין מסחור ניט צו־פריעדען געווען, אנהויבען יאדען:

— זעה וואס דו האסט געמאכט פון א בגד. ער איז דאך דורכאוים אין פלאקס...

— איז וואס, נארעלע, פלעגט ער מיט א שמייכעל ענט־

פערען — פלאקס איז א ריינע זאך...

און אנטהוענדיג צוריק דאס בגד צו געהן דאוונען, פלעגט דאס ווייב זיך בעטען:

— ווארט! איך וועל דיר אברייניגען דאס בגד!

זלמן אבער פלעגט זיך ניט לאזען:

— וואס שאדט עס?... פערקעהרט...

און געהענדיג אין גאס פלעגט ער מיט שטאלץ קוקען אראב אויפ'ן בגד און טראכטען:

— וואס הייסט... פלאקס איז ניט מאוס... עס איז דאך ניט קיין פעדערען...

---

וואלט אלץ גוט געווען ווען ניט דאס פרעמדע געלד.

זלמן האט ענדליך איינגעזעהן, אז צו פלאקס מוז מען האבען א סך כחות... מאטע שפינער איז א איד אן אדיר, ער קען האלטען, שפעקולירען, ער האט געלד, אייגען געלד, ער ברויך ניט צו צאהלען פראצענט און דערצו איז ער איינער אין סביבה. ער קויפט אויף אלע פלאקסען און וואס פאר א פרייז ער גיט מוז מען נעהמען.

זלמן האט זיך געכאפט, אז ער איז אויף פלאקס מעהר מבין ווי מאטע שפינער אליין. אבער וואס העלפט זיין מבינות, אז ער האט ניט דעם כח! אט האט ער איצט א הונ־דערט פוד פלאקס... א בעל חוב איז ער וויפיעל האר אויפ'ן קאפ.... וואס וועט ער טהאן, אז מאטע שפינער וועט איהם "באטען" א מקח, וואס ער וועט שטעהן אנצואווערען...

און זלמן פלעגט אלע טאג געהן אין זיין שפייכלער, בעד קוקט דאס פלאקס, געווען זיכער, אז ער האט בלויז "קרוין", ווי עס הייסט אויפ'ן סוחר'שען לשון און זיך דאך געשראקען, אז מאטע שפינער וועט איהם דאס מאהל בעגראבען....

ענדליך האט ער בעשלאסען, א טייל פון'ם פעקעל פלאקס אוועקפיהרען צום סוחר, ער זאל איהם אנקוקען.

וואס עס וועט זיין וועט זיין!

געדונגען האצקעל בעל עגלה מיט דעם פערד און וואגען האט ער גענומען ארויסטראגן דאס פלאקס אויפ'ן וואגען, יעדעס בינטעל איבערגעטאפט, געגלעט, געפוצט און געמור־מעלט:

— פיינע סחורה!

און זיך ניט געקענט איינהאלטען און זיך געווענדעט צום בעל־העגלה:

— וואס זאגט איהר ר' האצקעל אויף די סחורה? קרוין!

האצקעל בעל העגלה, א שטיל־דערשלאגען אידעל האט געקוקט אויף דאס פלאקס און ניט דרייסט געענטפערט:

— ווי קום איך דערצו?... איך וויים, איך בין אמאל געווען א אינגעל... אבגעריכט פורים שפיעל, פלעג איך אנ־טהאן א פלאקסענע בארד... וויטער פרעגט מיך בחרם..

פון דאזיגען בעל העגלה'ס ענטפער איז זלמן געפאלענער געווארען און זיך אנגערופען:

—עט, ר' האצקעל... פון דעם פלאקס מאכט מען ניט קיין בערד... דער פלאקס וועט געהן אזש קיין קעניגסבערג...

— טע־טע־טע! האט זיך דער בעל־העגלה גע'חדוש'ט

— אזש קיין קעניגסבערג, מיט דעם באהן הייסט עס... טע־טע־טע.

און אז דער וואגען איז שוין געווען פול מיט פלאקס אנ־געלעגט, האט זלמן זיך אנגערופען:

— מיר פאהרען, ר' האצקעל! צו מאטע שפינער.

און האט א זיפץ געטהאן.

---

מאטע שפינער איז געשטאנען אין זיין גרויסען שפייכ־לער און געשמועסט מיט א סוחר'ל.

זלמן האט א הוסט געטהאן!

— א, זלמן ! — האט זיך מאטע שפינער אומגעקוקט צו איהם, — וואס ווערטו זאגען ?

— איך האב געבראכט סחורה ! עס איז בלויז א טייל...

— נו, טראג ארויף, וועלען מיר אנקוקען ! — האט דער סוחר קאלט געזאגט.

זלמן מיט'ן בעל העגלה האבען גענומען אויספאקען די סחורה פון וואגען און ארויפטראגען אין שפייכלער אריין.

דער סוחר האט יעדעס פעקעל בעקוקט און ווי געדרעהט מיט'ן קאפ אויף ניין...

זלמן האט זיך געמאכט ווי ער זעהט עס ניט, דאס הארץ אבער האט איהם געקלאפט און געהענדיג מיט די פעק אויף די טרעפלעך צום שפייכלער האט ער געפיהלט, ווי ער פאלט באלד אום :

— ער וועט דיך בעגראבען! האט איהם ווי עמיצער אין די אויערען געקלונגען.

— וואו האסטו עס געקויפט אזוינע מציאות ? — האט דער סוחר זיך לוסטיג געמאכט.

זלמן האט פאר שרעק אויסגעגלאצט די אויגען און אויס־געשריען :

— ר' מרדכי ,וואס רעדט איהר ? עס איז דאך קרוין !

— קרוין ? האט מאטע שפינער געשמייכעלט, טא טהו דאס אן אויפ'ן קאפ ווערטו ווערען א קייסער...

— וואס הייסט, איך בין שוין גאר קיין מבין ניט ? הא? גאר ניט ? ! האט זלמן ווי געסטראשעט און געבעטען זיך צוזאמען...

—ביזט דער גרעסטער מבין אויף דער וועלט... האט מא־טע שפינער גערעדט האלב אין ערנסט און האלב אין שפאס— אבער מיר געפעהלט ניט דאס היינטיגע ביסעל פלאקס...

און א גלעט טהוענדיג עטליכע פעקלעך האט ער קאלט געפרעגט :

— וואס וועסטו זיך הייסען געבען פאר א פוד, למשל ?

— איך מיין, וואס איז שייך ?... האט זלמן גענר־מען שטאמלען, מורא האבענדיג צו זאגען א פרייז... מיר אליין קאסט עס, אויסער פראצענט־געלד, ביי א פיער רובעל א פוד... דא איז נאר א פראבע, א דרייסיג פוד...

מאטע שפינער איז קיין גרויסער מנגן ניט געווען, נאר ביי אזוינע פעלע פלעגט ער ליעב האבען אונטערצוזינגען.

זלמן האט דאס ניגון'דעל פערשטאנען און עס האט איהם געריהרט ביז טרעהרען :

— הייסט עס ? — האט זלמן קורץ, סוחר'יש געפרעגט...

— הייסט עס, אז דו וועסט די סחורה צוריק פיהרען...

— ווייל איהר זיינט איין איינציגער סוחר, ווילט איהר קוילען ?... איז זלמן ניט לויט זיין שטייגער העזה'דיג גע־ווארען.

— ביזט א שוטה ! האט מאטע שפינער קורץ אבגע־האקט.

— ר' האצקעל נעהמט די סחורה אויפ'ן וואגען ! האט זלמן זיך געהאלטען פעסט.

אין א פיערטעל שעה ארום איז שוין דאס פלאקס צו־ריק אין זלמנ'ס שפייכלערעל געלעגען אנגעווארפען אין אונ־ארדנונג.

ער איז געשטאנען צווישען די בינטלעך איינגעוויקעלט אין פעדים פון קאפ ביז די פיס און האט אויסגעזעהן ווי א לעבעדיגער שטיק פלאקס.

אינוועניג אין קאפ אבער איז איהם לויטער געווארען.

פאר זיינע אויגען האבען זיך געטראגען די געזיכטער פון די עטליכע פראצענטניקעס, וועמען ער האט פערשפראכען די וואך אבצוצאהלען. בולט'ער פאר אלע פנים'ער האט זיך איהם געמאלט דאס פנים פון לייבע דעם וואכערניק, וועלכער האט אויף איהם א וועקסעל אויף פיער הונדערט רובעל פאר 50 רו־

בעל...

דאס פלאקס וועט דער דאזיגער ליבע אבנעהמען ! האט זלמן'ען אימיצער איינגעשושקעט.

אז ער איז געקומען א היים, האט ער געטראפען דארט צוויי אידען, ביי וועמען ער האט לעצטע וואך געבאפט צו "גמילות חסדים" אויף צוויי טעג.

זיי זיינען געזעסען ווי פערשעהמטע און האבען געווארט ביז זלמן וועט עפיס זאגען.

— נאך נישט פערקויפט... האט ער געמורמעלט.

האבען זיי בעקומען לשון און איינער האט זיך אויפגעשטעלט און שטרענג געזאגט :

— וואס־זשע? איהר מוזט דוקא האנדלען מיט פלאקס?

און דער צווייטער, א הויכער מאגערער איד, טאקי זלמן'ס א שטיקעל קרוב, האט זיך אויפגעשטעלט, געגעבען א זעץ מיט'ן פויסט איבער'ן טיש און אויסגעשריען, אז דאס שיסעלע וואס איז אויפ'ן טיש געשטאנען האט זיך אנגעהויבען, ווי א לעבעדיגע, צו בעוועגען:

— און מיט עייער ביזטו א חולה צו האנדלען ?... ער וויל זיין א סוחר מיט פרעמדע געלד... פלאקס גאר ווילט זיך איהם !...

און די צוויי אידען האבען איהם מתרה געווען, יעדער אויף זיין נוסח, אז באם ער וועט זיי ביז איבערמארגען נית אריינטראגען דאס געלד וועט ער מיאוס אבשניידען.

זלמן האט גוטמוטהיג געשמייכעלט, דערביי געצופט די גראהע האר וואס זיין שווארץ בערדעל האט פערמאגט און געמורמעלט :

— מיט גאט'ס הילף, אידען ! מיט גאט'ס הילף !

---

זלמן האט דאך מיט די בעלי־חובות זיך איין עצה געגעבען. ער האט זיך אבגעבעטען אויף נאך א פאר וואכען. ער

האט אזוי גע'טענה'ט :

— מאטע שפינער, איז א איד א גזלן ! עס איז אבער פאראן א סוחר אין גאראדייע איז יענער דוקא אן עהרליכער מענש. ער האט שוין יענעם געשריעבען א בריעף, האט ער נאך נים געהאט קיין ענטפער. אויב ער וועט ביז מארגען פריה נים האבען קיין ענטפער וועט ער קלאפען א דעפעש... עס וועט קאסטען נים טהייער: בלויז 5 ווערטער: דער אדרעס איז: גאראדיי, א. מרגליות... אזוי הייסט דער סוחר. פריעזשאיטע, טאוואר... און מיין נאמען. איהר פערשטעהט ? ער וועט זיכער קומען !

די עטליכע פראצענטניקעס און די פאאר אידען פון די גמלת חסדים האבען איינגעזעהן, אז עס קען טאקי זיין, אז זלמן האט רעכט. אן עהרליכער מאן איז ער דאך.. מעגליך, אז דער גאראדיי'ער סוחר איז נים אזא גזלן, ווי דער היעגער... און זיי האבען וויעדער געווארט...

אבער די דעפעשע וואס זלמן האט געשיקט האט אויך נים געהאלפען. דער סוחר איז זיך רוהיג געזעסען אין "גאראדייע", און נים געוואלט וויסען פון די הונדערט פוד פלאקס, וואס איינער א זלמן ערגיץ וויל פערקויפען, ווייל עס שפארט איהם די אויגען פון קאפ..

די פראצענטניקעס מיט די צוויי בעלי־טובות, וואס האבען געבארגט די גמלת חסדים, זיינען ווידער געקומען.

זיי האבען זיך נאך אלץ געהאלטען ווי אידען :

— הייסט עס, זלמן, וואס וועט איהר איצטען טהאן ?.. אפשר א סברא טאקי מאטע שפינער'ן פערקויפען.

— אודאי מאטע שפינער'ן... — האט לייבע פראצענטניק געהייסען — וואס דען ? דער פראצענט וועט דאך אויפעסען דעם קרן, וואס וועט איהר אויסשפעקולירען, אז איהר וועט לענגער האלטען ? א קלייניגקייט !...

— און גלאט, וואס איז דאס פאר א האלטען סחורה ?..

דערצו נאך פלאקס! — האט דער בעל גמלת־חסד, וואס איז געווען א שיטקעל קרוב — געטענה'ט.

— אודאי, פלאקס טהאר מען דען לאנג האלטען?... — האט נאך א מלוה געווארענט — איין פונק, חלילה, און עס ברענט.

— הא... וואס זאגט איהר? — האט זיך זלמן ווי פון א חלום איפגעכאפט — איין פונק און עס ברענט... רעדט ניט קיין נארישקייטען. פאר וואס זאל עס ברענען?

און די מלוה'ס זיינען וויעדער אוועק, אנזאגענדיג איהם מיט'ן הארבען ווארט, אז באם ער וועט ניט זעהן זיי צו בע־צאהלען וועט זיך טהאן מעשים.

— מיט גאט'ס הילף! מיט גאט'ס הילף! — האט זלמן געמורמעלט און האט זיס געשמייכעלט.

עס איז געווען קענטיג, אז ער האט שוין א פארטיגען פלאן...

---

יענעם טאג איז ער פרעהליכער געווארען און האט זיס געשמייכעלט צו יעדערן, וואס האט איהם בעגעגנט...

ער איז אריין אין שפייכלער, ווי יעדען מאל, מיט דער כונה צו סארטירען דעם פלאקס. דאס מאל אבער האט ער סאר־טירט מיט מעהר ליעבע, ווי אלע מאל... די שעהנערע בינטלעך, וועלכע זיינען לכל הדעות געוועזען קרוין, האט ער אין די הענד גענומען, געשפיעלט זיך מיט זייערע לאנגע, בלאנדע לאקען און געגלעט זיי איבער די פערבונדענע קעפ.

נאכדעם האט ער גענומען וויקלען א פאפיראס...

— וואס הייסט? האט ער געטראכט — מען טאר דען ניט רויכערען א פאפיראס?...

מען דארף בלויז פארזיכטיג זיין מיט דער שוועבעלע...

ער וועט זיכער זיין פארזיכטיג... דער פלאקס איז ניט פערסטראכירט... ער וועט חלילה, אונגליקליך ווערען, אז עס

ברענט אב...

און פאר זיינע אויגען האבען זיך געטראגען די פנים'ער פון די בעלי־חובות, און מעהר פון אלע, דער פנים פון מאטע שפינער, וועלכער האט געוואלט אזא פעקעל "קרוין" אויסנא־רען ביי איהם!

אי וועט ער פלאצען, אז ער וועט דערהערען, אז דאס דא־זינע פלאקס איז פערברענט געווארען...

זיי וועלען אלע פלאצען!

און מיט א רוהיגקייט פון א מענשען, וואס געהט טהאן א זאך, וואס וועט איהם זיכער געלינגען, האט ער אנגעריבען א שוועבעלע, צוגעטראגען צום מויל, פערדרויכערט דעם פאפיראס און דאס שוועבעלע א ווארף געטהאן אויף'ן פלאקס.

אין שפייכלער איז באלד ליכטיג געווארען...

זלמן איז רוהיג ארויס, פערמאכט די טהיר, פערשלאסען מיט'ן שלאס און איז אוועק אין גאס...

ער האט בעגעגענט א פאאר בעקאנטע הענדלער. ער האט יעדען בעגריסט, געפרעגט עפיס און איז זיך אזוי געגאנגען רו־היג זיין וועג.

באלד אבער האט ער בעמערקט א געלאף פון מענשען און א געשריי: "עס ברענט!"

— וואו ברענט? — האט ער דערשראקען געפרעגט...

— מען ווייס נאך ניט... — האט א שטימע געיאמערט, מען זאגט, אז עס ברענט ערגיץ פלאקס...

— פלאקס! ? וועה איז מיר! פלאקס! — האט זלמן גענומען ברעכען מיט די הענד און האט זיך געלאזען צוריק, מורא האבענדיג, אז מען זאל ניט איינלעשען דעם פייער.

צוקומענדיג צום שפייכלער אבער איז ער רוהיג געווארען.

פון פלאקס איז שוין קיין זכר ניט געוועזען, אויסער א בארג אש, וואס האט ארויסגעקוקט פון די פייער־אויפגעפרעסענע ווענט...

צווישען דעם אנגעזאמעלטען עולם און די עטליכע בעלי־בית'שע פייער־לעשער האט זלמן בעמערקט קלמן דעם מאגע־רען און לייבע דעם וואכערניק... זיי האבען ביידע געגאסען וואסער אויפ'ן העלישען פייער.

זלמן האט זיך מיט גרויס מיה איינגעהאלטען ניט צו שמייכלען..

# די קליאטשע

### 1.

דער ראקאווער דרדקי־מלמד האט געהאט אין זיין חדר ניט ווייניג תלמידים, ווייל ער האט געהאט א נאמען פאר א בעל־מדקדק און איז געווען דער איינציגער מלמד אין שטעדטיל, וואס האט געטראגען א געפרעסטע העמד מיט א קראגען, באטש אהן א שניפס. און אזוי ווי דאס שטעדטיל האט זיך אין יענער צייט אנגעהויבען רעפארמירען, האט דער הארטער קראגען א סך מיטגעווירקט, אז בעלי־בתים, וואס זיינען מעהר גענייגט צו "בילדונג", זאלען איהם אבגעבען זייערע קינדער צו לערנען עברי און אנפאנג חומש.

און דאך איז איהם דאס קנעלען אליין ווענינ געווען צום לעבען. ווייל דער ראקאווער מלמד, אויסער די ביסעל דקדוק זיינע און אויסער דעם געפרעסטען העמד מיט'ן קראגען, האט זיך געפיהרט ווי א מענש אויך אין הויז. ער איז געווען דער איינציגער מלמד, וואס האט פערמעגט א סאמאוואר און געטרונקען פאפאוו'ס טיי — אזוינס, וואס ניט יעדער בעל־הבית, אפילו פון העכערען גראד, האט זיך עס ערלויבט. צו קענען לעבען ווי א מענש איז קנעלען אליין ווייניג געווען און דער ראקאווער מלמד האט זיך נאך פערנומען מיט ארויסגעבען מעשה־ביכלעך אויף פראקאט: ער האט אין אויבערשטען שופלאד פון זיין קאמאד געהאט א זעכציג, זיבעציג אזוינע ביכלעך אויף עברי־טייטש פאר די שטעדטישע מיידלעך, וואס האבען ביי איהם גענומען יעדען פרייטאג א ביכעל אויף שבת.

צווישען די פיעל לעזערינס־מיידלעך איז געווען דער איינציגער לעזער־איינגעל — איך אליין. איך ווייס ניט פון וואנען

עס האט זיך ביי מיר געוומען די דאזיגע תשוקה, נאר א לע־זער בין איך געווען א מתמיד. ווען איך וואלט אזוי פיעל גע־וואלט לערנען, ווי לעזען די מעשה־ביכלעך וואלט איך געווים אויסגעוואקסען דער גרעסטער רב און ווער ווייסט, צו וואלט טאקי פאר מיר בעסער ניט געווען... ניט דאס בין איך אוי־סען...

כאטש איך האב געהאט צייט א גאנצע וואך און ניט דוקא ווי די אידישע טעכטער — נור שבת אליין, דאך פלעג איך פרייטאג נאך האלבען טאג אויך קומען נאך א ביכעל אויף שבת און פלעג שיער ניט בטל בשישים ווערען צווישען די מיידלעך, וואס האבען אנגעפילט דאס חדר פון ראקאווער מלמד.

די דאזיגע מיידלעך האבען מיר שוין גוט געקענט און כאטש איך בין דעמאלט געווען א בחור'ל פון א יאהר 13־12 האב איך שוין געוואוסט וואס איז אזוינס ליעבע — ער־שטענס טאקי די ראמאנען, וואס איך האב געלעזען פון עלפ־טען יאהר אן און, צווייטענס, מיין אייגענער כח הדמיון... אט צווישען די מיידלעך־לעזערינס האב איך געהאט א צוויי־דריי, אין וועלכע איך בין געווען שטארק פערליעבט. אין וועלכער שטארקער — האב איך אליין ניט געקאנט אונטערשיידען.

ביי די דאזיגע מיידלעך בין איך געווען דער וועג־ווייזער, כאטש זיי זיינען אליין אויך געווען געגנוג בעהאוועוונט אין דער דאמאלסדיגער ליטעראטור, אבער צו מיר האבען זיי זיך ניט געקאנט גלייכען. עס זיינען געווען אזוינע מעשה־ביכלעך, וואס איך האב דורכגעלעזען צו עטליכע מאל, אזוי אז איך האב די גאנצע געשיכטע געקאנט איבערדערצעהלען.

דערפאר פלעגען זיך אייניגע פון די דאזיגע מיידלעך ווענ־דען צו מיר מיט עצות.

— וואס זאגסטו, זאל איך נעהמען דעם "בלינדען בעט־לער" ?

איך פלעג נעהמען דאס ביכעל אין דער האנד, בעטראכ־טען און, מורא האבענדיג פאר'ן ראקאווער מלמד, פלעג איך איהר אנטרעטען בגנבה אויפ'ן פוס, דאס האט געהייסען: נעהם און אנדערס.

און מיט א פריינדליכען שטומען שמייכעלע האט מיר דאס מיידעל אבגעדאנקט און דער דאזיגער שמייכעל האט מיך געוואריעמט דעם גאנצען שבת.

---

.2

אויב איך האב געהאט פערגעניגען פרייטאג, האבענדיג עסקים מיט די מיידלעך ביי די ביכלעך נעהמען, פלעג איך דערפאר געווג אויסשטעהן צרות פאר די זעלבע ביכלעך אין דער היים.

מיין טאטע, א איד, וואס האט געזוכט א תכלית, האט ניט געלאזט מיר די ביכלעך לעזען און כאפענדיג מיך ביי א מעשה־ביכעל, פלעגט ער זיך ווארפען צו מיר:

— דו לייענסט וויעדער די נארישקייטען! איך וועל דיר זיי צורייסען אויף פיצלעך.

און די מאמע פלעגט אונטערהעלפען:

— עס קאסט דאך איהם יעדעס ביכעל דריי קאפיקעס פראקאט.

—איך בין איהם מוחל די דריי קאפיקעס... פלעגט דער טא־טע ווערען ברייט — דער עיקר, ער טהוט גארנישט... אריינ־געטהאן זיך אין די נארישקייטען, און גאר! וואלט ער כאטש געלייענט אויף לשון־קודש, איז עפעס אנדערש. קומט איהם צו כאטש טייטש ווערטער, קען ער דעם לשון.. קאן ער עפעס האבען א נוץ דערפון, אבער דאס — גאר נישט, — מעשה־ביכלעך אויף עברי־טייטש...

און אריינקומענדיג אין צארן, פלעגט ער א כאפ טהאן דאס ביכעל און בעהאלטען עס.

— אוים מעשה־ביכלעך...

דאס ביכעל פלעגט ער מיר אין א פאר טעג ארום אבגע־בען, ביין אבגעבען — אליין א בלעטער טהין דאס ביכעל, א לעז טהאָן פאר זיך דוקא דאס סאמע געדיכטע, וואו ראזע קושט זיך מיט אדאלפ'ן, רויט ווערען און ווי א פערשעמטער מיר אבגעבען דאס ביכעל מיט די דאזיגע ווערטער:

—געה שוין טראג אוועק אט די נבול־פה און מהיום והלאה זאלסטו ניט וואגען די אשפה צו ברייגנען אין שטוב.

3.

מאכט זיך אין א האלב יאהר ארום א מעשה, אז דער ראַ־קאווער מלמד ווערט עפעס ברוסט־ליידענד און פאהרט אוועק אין דער גובערני אריין צו א מומחה א דאקטאר און כדי אויס־שלאגען די הוצאות האט ער דארט געקויפט א ניי פעקעל בי־כער פאר א רובעל צוואנציג.

קומענדיג צוריק פון דער גובערניע, זאגט ער מיך גלייך אן די שמחה. איך, וואס האב שוין ניט געהאט ביי איהם וואס צו לייענען באמת און וואס פלעג אריינגעהן נור פרייטאג צו־ליעב מיינע דריי געליעבטע, ראטהען זיי וואס צו נעהמען, — איך בין מלא שמחה און בעט איהם, ער זאל אזוי גוט זיין מיר ווייזען די נייע.

— דאס זיינען אבער גאר אנדערע מינים ביכלעך. פאר דריי קאפיקעס פראקאט קאן איך זיי ניט געבען, — זאגט דער ראקאווער מיט א מינע פון א סוחר, וואס האלט, אז זיין סחורה איז אויסער קאנקורענץ און דער קונד וועט מוזען צו איהם אנ־קומען.

— מילא, מיר וועלען זיך ניט דינגען — פערזיכער איך איהם און ביי מיר ווערט שוין געבוירען א פלאן, ווי אזוי צו קריעגען א מטבעה אין שטוב..

דער ראקאווער מלמד האט אבער צוזאמען מיט די ביכ־

לעך געבראכט א גזרה:

— פאר די ביכלעך מוז מען געבען זאלאָג... און איז גלייך מוסיף:

— איך האב געבראכט איין ביכעל, וואס זאלאָג אליין פאר איהם דארף מען לאזען פינף קערבלאך!

— פינף קערבלאך! שפּרינג איך אונטער.

— דאס איז א ביכעל, וואס מען זוכט, פערשטעהסטו מיך, — קוקט מיך אן דער ראקאווער מלמד מיט א זיעגער־שמייכעל... דאס איז א ביכעל, וואס מען צאהלט פאר איהם א האלב קערביל פאר איבערלייענען אליין... דאס איז, פער־שטעהסטו מיך, די "קליאטשע" פון אבראמאוויטש...

— די "קליאטשע", וואס איז דאס אזוינס? אויך א ראָ־מאן? — פרעג איך תמ'עוואטע...

— ביזט נאך א אינגעל —לאכט פון מיר דער ראקאָ־ווער מלמד... אבראמאוויטש מאכט ניט קיין ראמאנען... דו גיעב א פרעג טאקי דיין טאטען, וועט ער דיר זאגען.

— דער טאטע? פערוואונדער איך זיך... דער טאטע לאזט מיך אפילו ניט לעזען — בין איך מודה פאר פערווירונג און האב גלייך חרטה...

— א מעשה־ביכעל ניט און די "קליאטשע" יא... פון דער "קליאטשע" ווייסט דיין טאטע... דיין טאטע האט געלערנט אמאל אין וואלאזשין? — גיט ער מיך פלוצלונג א פרעג.

כאטש איך פערשטעה ניט צו וואס ער פרעגט מיר, נאר אזוי ווי איך ווייס, אז מיין טאטע האט יא געלערנט אין וואָ־לאזשין ענטפער איך: יא!

—אויב יא, ווייס ער פון דער "קליאטשע", און זאג איהם טאקי, אז די "קליאטשע" האב איך געבראכט פאר אזוינע מענ־שען ווי דיין טאטע... זאל ער אריינגעהן, וועלען מיר מושוה ווערען..

איך קען ניט פערשטעהן, פון וואנען איז ער אזוי זיכער

מיט מיין טאטען, וואס איז אזוי אנגעשטויסען אויף ביכלאך, נאר דער זיכערער טאן פון ראקאווער מלמד ווירקט אזוי אויף מיר,אז איך קום אהיים און שים גלייך אויס :

— טאטע, דער ראקאווער מלמד האט געזאגט, אז ער האט פאר דיר געבראכט די ״קליאטשע״....

אין שטוב לאכען זיך אלע פארנאנדער אויסערן טאטען.

די מאמע רופט אויס :

— דער בחור איז משוגע געווארען פון די מעשה־ביכלאך.

נאר דער טאטע פערשטעהט עפעס יא און ניט און ווענ־דעט זיך צו מיר געלאסען :

— קום אהער, דערצעהל פאוואלי...

איך בלייב דערשראקען צוליעב דער פערקאכטער קאשע און פון שרעק פרעג איך איבער דעם ראקאווער׳ס שאלה :

— דו האסט דאך געלערנט אין וואלאזשין ?...

— ביזט משוגע, צו חסר דעה — לאכט דער טאטע און שטעהט צו, איך זאל ריידען קלארע דבורים.

איך בערוהיג זיך אביסעל און דערצעהל די מעשה שוין פינקטליכער.

— דער ראקאווער מלמד האט געבראכט א נייע ביכעל די ״קליאטשע״... ער זאגט, אז דו ביזט א מבין אויף אזוינע זא־כען...

— אהא... פערטיעפט זיך דער טאטע, ווערט ערנסט, אבער גוטמוטהיג און רופט זיך אן :

— די ״קליאטשע״ האט ער געבראכט.. ווי אזוי האט ער זי געקראגען, אז שוין א יאהר צעהן ווי מען זעהט זי ניט... זעה אקארשט — ווענדעט ער זיך צו מיר ניט מעשה טאטע נאר מעשה חבר.

— ער האט געזאגט ״די קליאטשע״ פון אבראמאוויטש... ענטפער איך, געריהרט פון טאטען׳ס ווייכקייט...

— דאס איז אן ענין —רופט זיך אן דער טאטע און איך זעה, ווי זיינע אויגען לייכטען איהם — איך האב זי אפילו גע־לייענט, רעדט ער ווי פאר זיך, אבער איך וואלט געוועז א בעלן זי נאך אמאל זעהן..

—ער וועט זי דיר געבען פאר א האלבען רובעל... דער־דערקלער איך.

— מעהר פעהלט ניט, פטר'ן א האלבען רובעל אויף נא־רישקייטען, מישט זיך אריין די מאמע, פארענדיג זיך ארום א טעפעל.

- קיין נארישקייטען איז דאס דוקא ניט — רופט זיך אן דער טאטע... די "קליאטשע" איז שוין דוקא ניט קיין נא־רישקייט, נאר א האלבער רובעל איז א סך... א פערטעלע, זאג איהם... נור אויף איבער שבת.

איך פליה ארויס הענדום-פענדום צום ראקאווער מלמד און גיב איהם איבער בסוד, אז מיין טאטע אליין בעט די "קליאטשע", נאר ער גיט ניט מעהר ווי א פערטעלע... נור ביז זונטאג.

דער ראקאווער מלמד קווייטשעלט זיך אביסעל, זאגט אבער, אז צוליעב דעם טאטען טהוט ער דאס און גיט אפילו אהן זאלאג.

— נור היטען דאס ווי דאס אויג אין קאפ.

איך זאג איהם צו, אז איך וועל אב־ברייגגען נאך נייער ווי זי איז...

און כאפ זיך ארויס אויף דער גיך, ווייל מיר דאכט זיך, אז דער ראקאווער קען נאך חרטה האבען.

אריינקומענדיג מיט'ן ביכעל אין שטוב אריין, זעה איך, ווי דער טאטע וויל זיין גלייכגילטיג, אבער ער קען ניט. ער נעהמט מיר אנטקעגען צו דער טהיר, כאפט כמעט ארויס דאס ביכעל, עפענט אויף און לעזט דעם שער:

"די קליאטשע".

און א שמייכעל צוגיסט זיך אויף זיין פנים און באלד הער איך ווי ער מורמעלט ווייטער:

"געדרוקט בהשתדלות מענדעלי מוכר ספרים".

און דער שמייכעל ווערט נאך ברייטער און פרייער. קיינמאל האב איך דעם טאטען נים געזעהן שמייכלענדיג.

— עס איז טאקי א גוט ביכעל? — ווער איך מוטהיג און פרעג דעם טאטען.

— א גוט ביכעל פרעגסטו? — פערגעסט זיך דער טאטע, אז ער רעדט דאס מיט זיין אייגענעם איינגעל און דערקלעהרט מיר, אז דאס איז נים קיין מעשה־ביכעל, "נאר א משל, פערשטעהסט, א משל"...

ער עפענט אויף ווידער און לעזט די קליינע ווערטערלעך פון דער מאטא:

"לסוסתי ברכבי פרעה דמתיך, רעיתי".

און גיט שמייכלענדיג צו:

"די קליאטשע האב איך געלייענט אין וואלאזשין טאקע...

איך קריעג פאר דאס ביכעל גרוים דרך־ארץ און בעשלים, אז ווי נאר דער טאטע לעגט זיך שלאפען, וועל איך דאס אליין איבערלעזען ביז אין דער פריה. ווייזט זיך ארוים אז איך האב מיך טועה געווען. ווי עס האט געהאלטען ביי ליכט־צינדען און די מאמע האט זיך שוין אנגעטהאן לכבוד שבת און דאס שמייכעל פון ליכט־בענשען איז שוין געווען אויסגעגאסען אויף איהר פנים, רופט זיך אן דער טאטע, אנבויגענדיג זיך צו דער לאמפ, וואס איז געשטאנען אויפ׳ן טיש צווישען די לייכטער:

— גיס אריין נאך אביסעל "גאזע" אין לאמפ.

דאס האט בעדייט, אז דער טאטע וועט היינט זיצען שפעט און לייענען די "קליאטשע".

און אזוי איז טאקי געווען.

אז דער קנויט אין לאמפּ האָט שוין ניט געהאַט קיין יניקה און דאָס פייערל האָט קוים, קוים בעלויכטען דאָס טישעל, איז דער טאַטע נאָך אַלץ געזעסען געבויגען און געלייענט די ״קליאַטשע״.

# דאס טייכעל

די סאמע פאטריאטען פון שטעדטיל האבען געמוזט מיט א וועהטאג אין הארצען מודה זיין, אז קיין טייך האט טאקי דאס שטעדטיל נישט ! און אז דאס טייכעל וואס זי פערמאגט בלומרשט יא איז קיין טייך נישט ! מיט א גרויסען בדוחק האט מען מתיר געווען צו נוצען איהם צו א גט. ווייל דאס ביסעל וואסער, וואס עס האט פון צייט צו צייט יא פערמאגט איז גע־ווען א געהענדיגעס. א טייל שטעדטיל־שע פאטריאטען האבען געוואלט אויפווייזען על פי הגעאגראפיע, אז דאס טייכעל זאל דוקא שטאמען פון א גוואלדיגען מקור, ס'איז מעגליך אז דאס טייכעל איז אן "אדער" אזש פון "ניעמאן". ווער דער ניעמען איז האט מען שוין געוואוסט. דער ניעמען האט ביי אונז גע־שם'ט פאר א וועלט־טייך. א קלייניגקייט — דער ניעמען ! עס איז א סברא אז דער ניעמען איז אן אדער אזש פון ים הגדול אליין.

אבער קיינער האט ניט געגלויבט אין דעם יחוס פון אונ־זער טייכעל, אז עס זאל שטאמען פון דעם ניעמען. און עס האט זיך טאקי נישט געלאזט גלויבען. דאס וואסער איז געווען אזוי פלאך, אז קינדער דריי יעהריגע פלעגען עס זומער צייט איבער־געהן און די פארזיכטיגסטע מוטער האט אפילו ניט געפונען פאר נויטהיג צוווארענען : פאמעליך, דו וועסט זיך דערטרינ־קען, חלילה. פערקעהרט, אין טייכעל איז דאס קינד זיכערער געווען ווי אויף דער יבשה. די יבשה איז אין שטעדטיל געווען

דוקא א גרוביגע און קליינע קינדער פלעגן אלע ווילע פאלען צוליעב דעם.

דעם בריק וואס דאס טייכעל האט יא פערמאגט איז גע־וועזן בלויז ווי פון גדלות וועגן. דער בריק אליין האט שוין דוקא אויסגעזעהן לייטיש, האט פערמאגט אפילו צוויי פארענ־צען, א בריק ווי אויף א ריכטיגען טייך. מיט אלע קליפערליך.

פלעגט מען טאקי לאכען: צו וואס איז דער בריק, אז דער טייך איז קיין טייך ניט...

און פערשעמט איז דאס טייכיל געווען א גאנץ יאהר, פערשעמט און אויסגעלאכט. שטעדטילשע לצנים האבען איהם נעגעבען א צונאמען און איהם גערופען "ים־אוקינוס".

אפילו ראש השנה צו תשליך פלעגען זיך אויך געפינען אידען, וואס פלעגען ליעב האבען צו מאכען א וויץ אויפ'ן טייכיל'ס חשבון:

—וואו וועט עס הין טהאן אזוי פיעל חטאים?

פלעגט א צווייטער ענטפערען:

—דער טייך איז קיין טייך ניט און די חטאים זיינען קיין חטאים ניט...

און דאס טייכיל אליין האט דאכט זיך געפיהלט זיין קליי־נינקייט און נישטיגקייט, דאס ביסעלע וואסער אין א שטילען לאנגען פאס, וואס עס האט שוין יא פערמאגט איז אזוי שטיל געפלאסען, אז מען האט בשום אופן ניט געקענט הערען קיין שום גערויש, קיין שום שארף האט עס ניט געגעבען. עס איז טיילמאל באמת א צער געווען צו קוקען אויף דעם, און עס האט זיך א מאל געדאכט, אז איידער אזוי לעבען איז שוין בעסער דער טויט, שוין בעסער איינגאנצען אויסגעטרוקענט צו ווערען.

און עס זיינען טאקי געווען צייטען, ווען דאס טייכיל איז אין א העלען תמוז־טאג, נאך א פאר וואכען גרויסע היצען, אינ־גאנצען אויסגעטריקענט און אפילו פון זיך קיין זכר ניט גע־לאזט; דאמאלס האט באמת דאס הארץ געדריקט ביי טייל איהד־

רע פריינד, איבערהויפּט די חדר־אינגלעך, און דער בריק האט אויסגעזעהן ווי אן אמת'ע מצבה אויף איהר קבר...

אמת, נאך דעם, ווי א פּאר טעג פלעגט רעגענען, פלעגט עס ווידער אויפשטעהן תחית־המתים, אבער אלץ קליין און שמאָל און דאס וואסער — מוטנע און שטיל.

קיין "פּארע" האט מען פון איהם ניט געהערט!

* * *

עס זיינען אבער געווען טעג אין יאהר, וואס דאס קליינע טייכעלע איז אויפגעריכט געווארען, געווארען איז עס ברייט, ווייט און טיעף און נאך וואס מעהר וואונדער: שטאלץ און רוישיג, ליארעמדיג און שרייענדיג.

אין די דאזיגע טעג איז באמת דעם טייך ווערט געווען אנ־צוקוקען. איבערהויפּט פאר די וואס האבען עס גוט געקענט פון א גאנץ יאהר.

זיי האבען מיט גרויס פערוואונדערונג עס אנגעקוקט און ניט געגלויבט זייערע אויגען: אט דאס איז דאס קליינע טייכע־לע, וואס מען רופט בלשון סגיא נהור "ים אוקינוס", און וואס האט קיינמאל קיין קול ניט אויפגעהויבען!

און מען איז עס געלאפען אנקוקען אויף וואונדער.

עס איז געווען איינע פון די שעהנסטע טעג אין לעבען פון דעם טייכעלע און פון די שטעדטילשע אידען.

דאס זיינען געווען די שעהנע פּסח־טעג. פערזארגט אויף אכט טעג מיט מצות און אלע גוטע שפּייז, האט זיי טאקי מעהר ניט געפעהלט ווי אביסעלע אונטערהאלטונג.

ווארום פּסח זיינען שוין די טעג גרויס און קיין ספּעציע־לע "זאגעכץ" איז פּסח ניטא. א איד וועט זיך אום פּסח נאך ווארעמס ניט אוועקזעצען תהילים זאגען! די יונגע זון רופט איהם ארויס אויפ'ן גאס.

לאזט מען זיך צום טייך.

עס האט אויסגעזעהן, ווי דאס טייכיל האט אויסגעקליע־

בען בכיון צו ווייזען איהרע וואונדער אום פסח...

ווארום אויב עס איז א וואונדער, וואס דער ים האט זיך פאר די אידען געשפאלטען און זיי זיינען איהם אריבער בחרבה, אין דער טריקעניש, ווי עס ווערט דערצעהלט אין חומש — איז נאך מעהר וואונדער, אפשר, וואס דאס שטעד־טיל־שע טייכיל, וואס איז א גאנץ יאהר בחרבה געווען זאל מיט אמאל זיך אין א ים פערוואנדלען!

—אן אמת'ער ים! — אזוי האבען אידען זיך גע'חדוש'ט, אנקוקענדיג ווי דאס וואסער ווארפט און גיעסט זיך און שפריצט פון אלע זייטען און דערגרייכט שוין באלד דאס שטי־בעלע פון אהרן לייב דעם שמיעד...

— ער וועט נאך די שטוב אוועקטראגען! — זאגט איי־נער מיט שרעק, אבער אויך מיט גרויס הכנעה פאר'ן טייך.

אבער דעם אמת מוז מען מודה זיין, אזוינס האבען נאך די שטאדטישע אידען ניט זוכה געווען. איין יאהר בלויז, ווען דאס טייכיל האט זיך שטארק צושפיעלט, האט עס דערגרייכט בלויז ביז'ן פונדאמענט פון שטיבעל.

און פיעלע האבען אזוי געוואלט, אז דער טייך זאל דאס שטיבעל איינגאנצען פערטרינקען... אמת טאקי — צו אהרן לייב דעם שמיעד האט קיינער גאר נישט געהאט, אבער מען וואלט איהם דען חלילה זיך לאזען טרינקען? מען וואלט איהם ארויסגעראטעוועט מיט ווייב און קינדער; ער מעג זיך שוין פערלאזען אויף זיי!...

נאר ווי געזאגט, אזוינס האט נאך קיינמאל ניט פאסירט, און אין דער שטיל האט מען עס בעדויערט...

— וואלט דאס טייכיל עפּיס ארויסגעווארפען א מאל א ווילד שטיק, אן אכזריות! און עס איז געווען איינמאל א פרעהליכער פסח: דער טייך האט דעם בריק אראבגעטראגען און דער בריק איז געשוואומען אויף דעם טייך'ס רוקען ווי א שפענדעל...

דאמאלס איז דאס גאנצע שטעדטיל אנגעלאפען, קינד און קייט — אלע זיינען געקומען:

דא האט מען זיך שוין פאר'ן טייך אויף אן אמת דער־שראקען:

—דאס שמעקט שוין מיט סכנות! עס בונטעוועט!

דאמאלט איז דער רב אליין, וואס געהט קיינמאל נישט ארויס מפתח בית, חוץ'ן בית־מדרש, געקומען אנצוקוקען דעם גרויסען וואונדער.

געקומען איז ער ניט אליין נאטירליך, עס האבען איהם בעגלייט דער גבאי, דער שמש און זיין איידים.

— מאכט א ווארע, דער רב געהט! — האט דער שמש זיך געבייזערט.

עס איז גלייך געווארען א וועג, דער רב האט זיך מיט "געשטרויכעלטע קנעכליך", דורכגעשלייכט און האט זיך אב־געשטעלט א שטיק וועג פון טייך.

—ווייטער איז סכנות! — האט ער געזאגט מיט שרעק.

דער איידעם, וואס איז געוועזן אינגער האט אפילו געהאט חשק צוצוגעהן טאקי גאר נאהענט, הארט צום טייך, נאר אזוי ווי ער איז געזעסען אויף קעסט, האט עס איהם ניט געפאסט.

— וואס איז דער שכל, וואס היי־יאהר האט ער אזוי צו־לאזט זיך? האט דער רב לסוף, אז ער האט זיך שוין אביסעל בערוהיגט פון דעם ערשטען רושם — געפרעגט — וואס איז דער שכל?

— דער שכל איז גאר א פשוט'ער — האט דער גבאי גע־ענטפערט — היי־יאהר האט שטארק געשנעעט...

— אזוי... געשנעעט.... האט דער רב טיעפזיניג געשא־קעלט מיט'ן קאפ — הייסט עס, ווייל עס האט שטארק גע־שנעעט... אהא... טע, טע, טע... אזא מין געוויסער...

—רבי, קומט נעהענטער! האט איהם א שענער בעל־הבית 'איינגעלאדען.

— ניין, ס'איז געגוג, ס'איז גענוג! — האט זיך דער רב אבגעשאקעלט...

און אנקוקענדיג ווי אזוי דאס וואסער גיעסט זיך מיט קראפט פון אלע זייטען, האט ער פרום אויסגעברומט:

— מה גדלו מעשיך ד'!

און האט זיך געלאזט געהן צוריק.

שפעטער א ווייַלע איז געקומען נאטשאלסטווא, להבדיל, דער פריסטאוו, בעגלייט מיט'ן אוראדניק און צוויי סאטסקים

אין א מיטען וואך וואלט דער עולם גלייך צוגאנגען זיך: מיט נאטשאלסטווא איז בעסער פון ווייטען... אבער היינט, פסח, נאכדעם ווי יעדער פיהלט זיך בגילופין איז מען געבליע־בען שטעהן.

איינינע אידען פאלען אויף א'שכל און נעהמען אראב די היטלען...

און דער פריסטאוו האט זיין איידעלקייט, ענטפערט צו־ריק און' זאגט פריינדליך:

— פאזשאלויסטא, גאספאדא, דאיטע דאראגו.

ס'הייסט: האט רבותי, קיין פאריבעל ניט — לאזט דורך געהן....

און ווי באלד, אז דער פריסטאוו איז איידעל איז שוין דער אוראדניק, וועלכער ריכט זיך צו בעקומען מצות פון די אידען —אודאי און אודאי איידעל, רופט ער זיך נאך פריינד־ליכער אן:

— נו, גאלובטשיקי, דאוואַייטע יעווא וויסאקא־באלא־הראדיו גאספאדינו פריסטאבו, דאראגו.

ס'הייסט: לאזט, אידעלעך, דורכגעהן דעם אדון הגדול אליין.

און די אידען זיינען טשיקאווע צו וויסען, וואס וועט דער פריסטאוו דא פארנעהמען.

און א מעהר בעל־העזה'ניק געהט צו צום פריסטאוו, האל־

טענדיג דאס היטעל אין האנד, און ווענדט זיך :

— פלאחא דיעלא, מאסט אוליעטיעוו.

דאס זאל הייסען : א ביטערער עסק, דער בריק איז אוועק־געפלויגען.

דעם דאזיגען בעל־העזה, דער פריסטאוו ענטפערען.

און זיי נויגען אן די אויערען און זיי הערען ווי דער פריס־טאוו, געבענדיג דעם בעל־העזה א קלאפ אין פלייצע, זאגט זעהר פריינדליך :

— ווסיא איספראווים...

און׳אידען פערטייטשען עס :

— עס וועט אלץ אין ארדנונג זיין — און אין שטעדטיל איז חדוה... דאס טייכעל האט זיך צושפיעלט ! געווארען א ים !

# דער ווייטער יאריד

## נעווידמעט דעם אנדענקען פון "שלום-עליכם"

אינגאנצען האט לייבע פערעל'ס געברויכט צו האבען אום צו מפרנס זיין ווייב און קינד, א פינף קערבלעך א וואך, שוין מיט שבת. האט'ער דערויף געהאט פופציג מערק-טעג און דעם אייגענעם שטעדטיל און ביי א זיעבען-אכט גרעסערע און קלענערע יארידען — און דאך איז נאך איהם אלץ ווייניג געווען און ער האט ניט דורכגעלאזט קיינמאל יענע גרויסע מערק און יארידען, וואס זיינען פארגעקומען אין די ארומיגע שטעדטלעך.

א מארק-טאג וואס איז פארגעקומען אין שטעדטיל יעדען דאנערשטאג האט פאר לייבען קיין שום ווערט ניט געהאט. טאמער קומען אין שטעדטיל ביי א פאר טויזענד פויערים איז דאס פאר איהם'א צו קליינע צאהל, אז ער זאל בעגייסטערט ווערען און זאל קענען ארויסווייזען זיינע הענדלערישע פעהיגקייטען. און אפילו דער יאריד אין דער אייגענער שטעדטיל, אויף וועלכען עס פאהרען זיך אן טויזענדער פוערים איז פאר לייבען אויך א צו-קנאפער-בעטרעף. ער וויים שוין די גליקען פון די דאזיגע היימישע יארידען. מען לויפט זיך אן, מען טומעלט זיך אן און אז מען מאכט אויף מארגען דעם חשבון קומט אוים, אז מען וועט נאך דארפען היזק האבען ביי א צוויי דריי גילדען... אנדערש איז אבער א יאריד

אין א פרעמד־שטעדטיל. ערשטענס זיינען טאקי די יארידען אליין דארטען פיעל גרעסער און טומעלדיגער, וואס דאס אליין האט פאר לייבען א גוואלדיגע צוציהונג, ווייל לייבע האט שטארק ליעב דעם טומעל פון יאריד מעהר ווי דעם יאריד אליין... ער האט זיך, קען מען זאגען, אין דעם דאזיגען טומעל אויפגעהאדעוועט... צווייטענס איז אויף א פרעמדען יאריד טא־קי מעהר בנמצא "מציאות"... און דער עיקר, אויף א פרעמדען יאריד לאזט זיך האפען; עס דאכט זיך כאטש, אז מען וועט נתעשר ווערען און דאס פאהרען צום יאריד אליין איז א גרוי־סער נחת־רוח..

א דאנק דער דאזיגער ליעבע צו יארידען האט לייבע גע־מוזט שטודירען פערשיעדענע "לוחות", וואו עס זיינען געווען אנגעצייכענט אלע גוי'אישע חגאות. א חגא אהן א "שטערענ־דעל" האט פאר לייבען קיין ווערטה ניט געהאט. פון אזא חגא מאכט מען ניט קיין גליקען. חגא אליין איז'נאר א גליק פאר דעם גלח צו ווענען די פויערים קומען אין קלויסטער. דער עיקר איז, אז די חגא איז'בעצייכענט מיט א שטערענדעל און דאס מיינט שוין א יאריד. אויף דעם דאזיגען שטערענדעל קוקט ער מיט ליעבע. אזוינע חגאות זיינען דא ביי'א זיבעצעהן. פון די דאזיגע זיבעצעהן געהט אראב פינף פאר זיין אייגען שטעדטיל און די איבעריגע זיינען'פערטיילט פאר דער סביבה. איין יאריד כאפט זעהר וויט, אזש ביי א פינף־און־צוואנציג מייל און ווען ער גיט עס נאך א רעכען אויף'וויערסט איז דאס א קימא־לן פון א קרוב צו צוויי הונדערט וויערסט. אט צו דעם דאזיגען יאריד האט לייבען דאס גאנצע לעבען געצויגען און ער האט זיך פארגעשטעלט, אז דארטען וועט ער ערשט בע־גליקט ווערען.

און יעדעס מאל נאך א יאריד סיי אין דער אייגענער שטעדטיל, סיי אין דער פרעמד, האט ער נאכ'ן חשבון מאכען, זיך געקראצט אין קאפ און געמורמעלט:

— עס איז גארנישט מיט גארנישט...

און אונטערציהענדיג דעם חשבון געגוי פלעגט ער ארויס־זיפצען בשתיקה:

—מען וועט מוזען צולייגען ווידער א צוויי גילדען !...

פערעל, דאס ווייב זיינס, האט אבער פון די דאזיגע שלעכ־טע יארידען ניט געטארט וויסען, ווייל זי איז בכלל געווען א געגנערין פון א יאריד.

— נאך מיין' ווייבערשען שכל —פלעגט זי ביטער שמייכ־לען — קומט אויס, אז פון א געוועהנליכען מארק־טאג אין דער היים מאכט מען בעסער ווי פון די קלאגעדיגע יערידען.

פלעגט לייבע זיך פיהלען' ווי בעליידיגט און פלעגט ענט־פערען:

— ביזט א אידענע... א מארק־טאג איז ניט דאס... 'קיין עשירות וועסטו קיינמאל ניט כאפען... אויף א יאריד, פער־שטעהסטו מיך, קען זיך פארט אמאל עפעס טרעפען...

און גלייך פלעגט פאר איהם זיך פארטראגען יענער יא־ריד וואס קומט פאר איין מאל אין יאהר פאר' פינף־און־צוואנ־ציג מייל ווייט, קרוב צו צוויי הונדערט ווערסט און ווען ער זאל איהם קענען גרייכען איז ער זיכער, אז ער וואלט ערשט געקומען צו זיך...

ער וואלט נתעשר געווארען....

אבער דער דאזיגער ווייטער יאריד קומט צום אונגליק אויס אין רעכטען שבט. אונטערנעהמען זיך אזא וייטען וועג אין זיינע בגדים איז א' גרויסע ריזיקע. אז ער כאפט זיך ארונ־טער אויף א ווינטערדיגען יאריד, וואס געפינט זיך סך הכל א דריי מייל פון שטעדטיל, קומט ער אהיים אויף 'א דערפרוירע־נער. ער האט שוין א דאנק די ווינטערדיגע יארידען צוויי פינ־גער פון די פיס אבגעפרוירענע: איינער פון דער רעכטער פוס, דער צווייטער פון דער לינקער. דער פעלדשער האט איהם שוין געווארענט, אז מיט איין פינגער איז ניט שטארק פרעהליך...

אבער 'ווער וואלט געקוקט אויף דעם פעלדשער. יענער האט שוין אזא טבע צו מאכען שווער דאס הארץ, כדי מען זאל איהם אן איבריג מאל נוצען און ער זאל כאפען נאך א'צעהן גראשען פאר א וויזיט — אן אמת'ער בלוט־זויגער !... בפרט אז די לעצטע'צייט פיהלט ער דעם פינגער שוין גאר ניט, איז דאך אודאי קיין סכנה ניט... די איבעריגע פינגער וואלט ער שוין ווי עס איז פערהיט. דער עיקר אבער איז די הוצאות 'פון רער דאזיגער נסיעה !

די הצאות אהין און צוריק דארפען אנטרעפען א פער מעגען. ער האט שוין א מאל געפרובט רעדען מיט'ן בעל־העגלה הירשעל פעשעס. יענער האט א קראץ געטהאן מיט'ן בייטש־שטעקעלע אין פלייצע און 'געמאכט דעם חשבון, ווי פאר אן איינענעם מענשען, ווי פאר א אידען א סוחר, מיט רחמים און יושר און נאך די אלע זאכען איז די ריזיקע' געווען צו־גרויס פאר לייבען...

---

אזוי האט זיך 'עס געצויגען שעהנע עטליכע יאהר. די יאַרידען, סיי אין דער היים, סיי אין דער נאהענטער סביבה, זיינען אלע שלעכטער געגאנגען. לייבע פערעל'ס האט זיך שוין מיאש געווען, 'ווען עס איז צו בעגליקט ווערען. אבער דער ווייטער יאריד האט נאך איהם אלע געלאקט און געשמייכעלט. אז אלע הויזיגע פלעגען שלאפען, פלעגט ער אראבנעהמען פון אלמער, וואו עס זיינען געלעגען 'די נויטיגע ספרים, דעם "נוצליכען לוח", וועלכער האט איהם געקאסט מיט א צווייער טהייערער פאר די איבעריגע לוחות און האט זיך אבגעשטעלט אויף דעם "שטערענדעל", וואס דייטעט אן יענעם יאריד אין דעם וויטען שטעדטיל. דאס דאזיגע שטערענדעל האט איהם העלגעלויכטען און צוגעוואונקען און ווי פארגעשלאגען :

— פאהר אריבער צום יאריד, לייבע פערעל'ס, דארטען ליעגט דיין גליק.

האט ער שוין פאר איינוועגס אראבגענומען דעם לוח פון די "וועטערונגען" און עס איז איהם געווארען צוריק קאלט אויף דער נשמה. דער לוח פון וועטערונגען האט פאראויסגע־זאגט אויף יענעם טאג א גרויסע קעלט און א שטארקען ווינט...

אבער דאס שטערענדעל פון דעם אנדער לוח האט פרעה־ליך געוואונקען און העל געלויכטען...

און דאס שטערענדעל האט געזיעגט!

---

א טאג מיט א נאכט האט זיך לייבע געשלעפט מיט הירשעל פעשעס פערד און שליטען צום ווייטען יאריד, וואו ער האט געדארפט בעגליקט ווערען.... איינגעוויקעלט אין פערשיע־דענע בגדים, וועלכע עס האבען זיך נאר געפונען אין זיין באַ־לעבאטישקייט, מיט דער צוריסענער קאלדרע אויף די פיס, איז ער געזעסען האלב דערפרוירען אין הירשעל פעשעס נידריגען שליטען און האלב־דרעמלענדיג האט ער גע'חלום'ט פון דעם ווייטען יאריד...

דאס וועטער איז געווען פונקט ווי דער לוח האט געשריע־בען, א קאלטער, דער ווינט א שטארקער...

און אויפוואכענדיג פון דרימעל פלעגט לייב זיך ווענדען צום בעל־העגלה, וועלכער איז געזעסען פון פארענט מיט'ן פנים צו די פערד און פלעגט איהם 'מינטערען:

— וואס זאגט איהר, ר' הירש, צום פראסט... איך האב מורא, אז אין אזא פראסט וועט דער יאריד ניט זיין מי יודע ווי גרויס...

— א יאריד איז א יאריד — האט דער בעל העגלה, וואס איז געווען פון דער נאטור א בעל בטחון, לייבען געטרייסט.— דער עיקר, ר' לייב — האט ער מוסיף געווען — איז דער וועג... וויאָ... וויאָ...

און געטרייסט פון בעל־העגלה'ס גלויביגען טאן האט לייב זיך איינגעוויקעלט אין די פערשיעדענע מנים בגדים, וואס ער

האט אויף זיך ארויפגעצויגען, און איז ווידער פערזונקען אין גליקליכע חלומות...

עטליכע ווארסט פון שטעדטיל, וואו דער יאריד האט געדארפט פארקומען, האט לייבע, שוין אן אויסגעשלאפענער, בעטראכט די אלע פוהרען מיט די פויערים, וואס האבען זיך געצויגען פון אלערליי וועגען און שטעגען אויף דעם גרויסין וועג, וואס פיהרט אין שטעדטיל אריין.

— דאס פאהרט מען צום יאריד, ר' הירש ! — האט ער מיט פרייד אויסגערופען.

— א שאלה אביסעל ! — האט הירש דער בעל־העגלה זיך פון זיין זייט צוהיצט — עס וועט זיין א געוואלדיגער יאריד... דער וועג איז גלאט... וויא.... וויא... !

— ווי שפעט קען זיין, ר' הירש ? איך רעכען עס זאל שוין טאגען — האט לייב געפרעגט, אויפהויבענדיג די אויגען צום קאלטען הימעל, אויף וועלכען די שטערען האבען זיך געלאשען איינע נאך די אנדערע...

— עס איז שוין טאג — האט דער בעל־עגלה בעשטעטיגט ווי א מומחה א שטערנזעהער, און אויפגעהויבען די אויגען צום הימעל.

— מיר זאלען באטש ניט פערשפעטיגען, ר' הירש — האט לייב געווארענט. — א קלייניגקייט, אזא וועג.

— האב ניט קיין מורא — האט דער בעל־עגלה איהם בערוהיגט. — געבליעבען נאך א צוויי־דריי וויארסטלעך... אין קיין קרעטשמע וועל איך זיך שוין ניט שטעלען... מיר וועלען שוין פערפאהרען גלייך אין שטעדטיל, ערגעץ אין א קרעטשמע...

און א שמייץ טהוענדיג דאס פערדעל האט דער בעל־עגלה צוגעברומט :

— עס וועט זיין א געוואלדיגער יאריד !

---

אבגעשטעלט האט זיך דער בעל־עגלה אין מיטען מארק, וועלכער איז שוין געווען פול מיט פערד און שליטענס. טייל פערד זיינען נאך געווען איינגעשפאנט אין די שליטענס, און האבען געדולדיג געווארט, מען זאל זיי אויסשפאנען. טייל זייר נען געווען אויסגעשפאנט און זיינען ווי בעפרייטע פון א שווער רען יאך געשטאנען מיט'ן קאפ צום מיטען פון שליטען און האר בען געצופט מיט גרויס אפעטיט פון די בינטלעך היי אדער גער בראמשקעט פון די זעקלעך האבער, וואס זיינען געווען אנגער טהון קונציג אויף זייערע העלזער

הירש דער בעל־עגלה האט זיין אידישען פערד ניט גער וואלט אוועקשטעלען צווישען די פויערשע, און ער האט דער־ פאר אויסגעזוכט א אידישע קרעטשמע, וואו ער האט דאס פערד אויפ'ן היימישען אופן אריינגעפיהרט אין סטאדאלע, דארט איהם אויסגעשפאנט מיט גרויס רחמים, געגעלעט איהם איבער'ן האלז און פערשפראכען אויפ'ן בעל־עגלה־לשון צו גער בען א פיינעם אנבייסען, טאקי א רעכט ביסעל האבער, וואס ער האט דאס מאל גלייך ערפילט.

— און איהר, ר' לייב, געהט אריין אין קרעטשמע און ווארעמט זיך אן.

די קרעטשמע, וואו לייבע איז אריין, איז געווען געפאקט מיט אידישע סוחרים און מיט א קליינער צאהל רייכערע גוים. צווישען די אלע סוחרים האט לייבע ניט געהאט קיין איין בער קאנטען, און ער האט זיך דערפיהלט ווי א פרעמדער און אן איבעריגער.

ביי דער "סטאיקע" איז געשטאנען א דיקע אידענע. ארום איהר איז געווען אנגעווארפען קופעס בולקעס, בייגעל און פער־ שיעדענע קוכען מיט מאהן און מיט ציבעלע, צווישען די דאר זיגע קופעס האט ארויסגעקוקט א זידענדיגער סאמאוואר לייבע האט בעשלאסען, ווי באלד אז ער האט שוין זוכה געווען צו גרייכען דעם דאזיגען ווייטען יאריד, זאל ער דערווייל עפעס

נעהמען אין מויל אריין.

ער האט בעשטעלט א גלאז טהעע, פרעגענדיג נאכדעם דעם מקח. דערהערענדיג ווי טהייער עס קאסט, האט ער שוין חרטה געהאט, האט ער דערפאר קיין קוכען און קיין בולקע ניט גענומען און האט זיך בענוגענט מיט א שטיקעל שווארצען, היי־מישען ברויט וואס איז נאך איהם געבליעבען אין פעקעל.

דערוואַרעמט פון גלאז טהעע, וועלכע איז געווען א זיסע, וואס צו אזא לוקסוס איז ער ניט געוועהנט געווען, האט ער זיך דערפיהלט אביסעל געהויבענער, און אין דער דאזיגער געהוי־בענער שטימונג איז ער ארוים אויפ'ן מארק...

ער האט אבגעמאסטען מיט'ן אויג די גרויס פון'ם יאריד און איז געבליעבען צופרידען. מענשען זיינען דא ווי זאמד ביים ים! אט אויף דעם דאזיגען יאריד האט ער אזוי לאנג גע־האפט. איצט וועט ער זעהן וואס איהם שטעהט פאר... ער האט געטאפט אין דער פערנעהטער קעשענע די עטליכע רובעל וואס ער האט מיטגעבראכט און זיך געלאזט זוכען מציאות.

---

צוריק איז ער געפאהרען מיט א פולען וואגען מיט פער־שיעדענע סחורות. זיין הארץ איז אבער געווען וויסט און לעער. די אלע סחורות, וואס ער האט דא אנגעקויפט, סיי די טרוקע־נע שוועמלעך, סיי די עטליכע פעלבלעך און סיי דאס ביסעל וואל, און אפילו די בינטלעך חזיר־האר, זיינען לויטער יקרותים. ער האט געצאהלט גרויסע פרייזען און ער וועט געווים צולעגען א פערמעגען. עס איז רעכט, אז דער דאזיגער יאריד וועט איהם אראבזעצען פון די פיס.

דערצו איז איהם די אייגענע שפייז, וואס ער האט מיט־גענומען, אויסגעגאנגען. ווילענדיג ניט ווילענדיג האט ער גע־מוזט אין א צוויי רייכערע קרעטשמעס, וואו דער בעל־עגלה האט זיך אויך אבגעשטעלט, עפעס איבערבייסען. דער יקרות איז דארטען זעהר גרויס געווען. פאר א קליין געפלאכטען ביי־

געל האט מען איהם גערעכענט א זעקסער... א שטיקעל קעז צעהן גראשען, אויסער דעם האט ער זיך געפיהלט זעהר דער־פרוירען און אין קרעטשמע האט ער גענומען א גלעזעל בראנ־פען... דערצו האט איהם שוין צוגערעדט דער בעל־עגלה, און ער האט זיך געלאזט איבעררעדען. אבער דעם גאנצען וועג האט ער זיך עס ניט געקאנט מוחל זיין. אנשטאדט דאס גלעזעל בראנפען וואלט ער בעסער פאר די קינדער א מתנה גע־קויפט. פון יעדען נאהענטען יאריד ברענגט ער זיי עפּעס, אמאל א בייגעל, אמאל א מאהן־קוכען, און פון דעם דאזיגען ווייטען יאריד וועט ער קומען פאר זיי מיט גארנישט...

— א שאד! א שאד! — האט ער גענומען מורמלען.

דער בעל־עגלה האט זיך אבגעקעהרט:

— וואס זאגט איהר, ר׳ לייב?

— איך האב פערגעסען עפּעס צו קויפען פאר די קינדער

— האט ער זיך פערטרויט פאר׳ן בעל־עגלה.

און איינגעוויקעלט זיך אין די פערשיעדענע מינים בגדים, האט ער זיך פערטיעפט אין שווערע געדאנקען און צוגעמאכט די אויגען.

און מיט פערמאכטע אויגען האבען פאר איהם געשוועבט די אלע יארידען, וועלכע ער האט אין זיין גאנצען לעבען דורכ־געמאכט... אין זיינע אויערען האבען געקלונגען פויערשע רייד, האלבען ווערטער, זידלערייען, פער׳שיכור׳טע ליעדער, און אין דעם דאזיגען הו־הא און מיש־מאש האט זיך פערבייגעטראגען דער לעצטער יאריד, אן אומעטיגער און א פוסטער... בייזע פּנים׳ער מיט גרויע, קעצישע אויגען, געלע בארד און שטע־כענדיגע וואנסעס, און צווישען זיי אלע האבען געלויכטען די אויגען פון זיינע ליעבע קינדער, פאר וועלכע ער האט אפילו ניט געקענט ברענגען א שטיקעל מתנה פון דעם דאזיגען ווייטען און טומעלדיגען יאריד...

# דער פּרוש.

אין שטעדטעלשען בית־מדרש איז שוין נאָך מעריב. דער קאַרגער אונטער־שמש, א הויכער, אויסגעדאַרטער איד מיט א שוואַרץ־שפּיציג בערדעל, האָט שוין די לאָמפּען, וואָס האָבען גע־ברענט איבער'ן בימה, אויסגעלאָשען. ער האָט נאָר איבערגע־לאָזען ברענען איין לאָמפּ, אָבער אויך מיט א שטאַרק ארונטער־געדרעהטען קנויט. — נאַפט איז טהייער! — האָט ער בייז געמורמעלט לעשענדיג א לאָמפּ נאָך א לאָמפּ...

די עטליכע איבערגעבליבענע, וואָס זיינען געווען תושבים אין בית־מדרש, האָבען אפילו מתרעם געווען אויפ'ן דעספּאָטי־שען אונטער־שמש, וואָס לאָזט זיי זיצען האלב אין דער פינס־טער, אָבער אזוי ווי לערנען האָבען זיי זיך געפוילט, האָבען זיי קיין העזה ניט געהאט זייער פּראָטעסט הויך אויסצודריקען. אויסער דעם האָבען זיי געוואוסט, אז דער אונטער־שמש טהוט עס ניט אייגענטליך מיט זיין אייגענער מאכט. שפּאָרען די נאַפט איז א שטרענגער פּערזאָג פון אויבער־שמש און דער שמש אליין האָט דעם פּערזאָג אזש פון גבאי.

און צוריק גערעדט איז די האלב־דונקעלע בעלייכטונג זעהר גוט צוגעפּאַסט צו די שטימונגען פון די איבערגעבליבענע אין בית־מדרש. עס איז א פּאָר וואָכען נאָך סכות. דרויסען שפּריצט א קאַלטער רעגען און די טראָפּפּענס פאַלען אויף די שויבען און קלאַפּען מאָנאָטאָן. טריעב און שווערמוטהיג קוקען אראָב די

געזיכטער פון משה ואהרן, וועלכע זיינען אויסגעקריצט פון האלץ אויף'ן עמוד. אפילו דער לעמפערט אין מיטען אויף'ן זעלבען עמוד, אין וועלכען דער שטעדטעלשער שניצער האט געוואלט ארייגלעגען וואס מעהר לעבען און פלינקייט, הויערט א מיעדער צווישען משה ואהרן און דאכט זיך, אז ער דרעמעלט און חלומ'ט פון לבנון־וואלד, פון וואנען ער שטאמט...

דערצו דער שווארצער פרכות, וואס די שטעדטעלשע גביר'טע האט געשענקט, פון א שטיק איבערגעבליבענע סחורה פון איהרען א קלייד, ווערען אן אויף'ן גרויסען אלטען בית־מדרש א טיעפען טרויער און בענקשאפט, און די שאטענס אויף די ווענט, וואס בילדען זיך פון די עטליכע איבערגעבליבענע אין בית־מדרש, קוקען אזוי ווי אנגעקומענע מתים פון שטעדטעלשען בית־עולם.

די איבערגעבליבענע אין בית־מדרש בעשטעהען פון פינף מענשען אויסער'ן אונטער־שמש. צוויי פון זיי זיינען ישיבה־בחורים, וואס לערנען שוין דא א פאר יאהר און האבען שוין בדעה אוועקפאהרען אין א רייכערער שטעדטעל, נאר עס פעהלט זיי די נויטיגע ענערגיע דערצו. איינער פון די צוויי, „דער זעלווער", איז א בחור פון א יאהר צוואנציג מיט א לאנגען דינעם האלז, ביין גאמבע א פיעלגארענדיגער גארגעל, וואס בעוועגט זיך ריהרעוודיג ביי יעדען ווארט, וואס עס געהט ארויס פון זיין ברייטען מויל. דער צווייטער איז דער „דאלהינעווער". מיט א יאהר אינגער, אבער זעהן זעהט ער אויס פיעל עלטער פאר'ן זעלווער, ווייל ער האלט ניט שטארק פון וואשען דאס פנים, וועלכעס איז בעוואקסען ניט נאך די יאהרען נאך, מיט א גערדיכט בערדעל. ניט קוקענדיג, וואס זייער אויסזעהן איז גאנץ פערשיעדען איינער פון צווייטען, לעבט דאך דער זעלווער מיט'ן דאלהינעווער בשלום און בארגען זיך אויס צו שטיקלעך צוקער איינער דעם אנדערען, און רויכערען ביידע בשותפות, כאטש דער זעלווער איז א שטארקערער רויכערער... דערפאר אבער שטימען

זיי ביידע ניט איין אין זייערע מיינונגען איבער עולם הבא. דער זעלווער זאָגט, אז עולם הבא איז טאַקע דאָ, אבער ניט ווי מען שטעלט זיך פאָר אַזוי מגושם׳דיג: שור חבר און לויתן זיינען בלויז א משל... עולם הבא איז נאָר, ווי דער רמב״ם וויל האָבען, פאַר׳ן גייסט. דער גייסט דערהויבט זיך ביז׳ן זיבעטען הי־מעל.... דער דאלהינעווער אָבער, וועלכער איז א סך פּראקטי־שער, האלט אז עולם הבא איז אויך פאַר׳ן גוף און דער שור הבר און לויתן איז ניט קיין משל, נאָר א ממשות׳דיגע זאך... אז דער קאמפף וועגען דיעזער פראגע צוברעגט זיך שטארק ביי זיי, פערדרויכערען זיי א שותפות׳דיגען פּאַפּיראָס און זיי גלייכען זיך ענדליך אויס.

דער דריטער תושב פון בית־מדרש איז דער פּרוש. ער איז א איד פון א יאָהר עטליכע און פערציג. זיין געדיכטע באָרד איז שוין אין עטליכע ערטער דורכגעפלאָכטען מיט זילבערנע האָר. א פּרוש איז ער געוואָרען ניט פון פרומקייט, נאָר פון פרייקייט וועגען. אזוי האָט ער א מאָל זיך מודה געווען טאַקע פאַר׳ן דאלהינעווער.

— א מענש — האָט דער פּרוש איהם דאַ־מאָלט געגעבען צו פערשטעהן — דאַרף ניט האָבען קיין יאָך... א מענש דאַרף פיהלען יעדע מינוט, אז ער לעבט, און דאָס קען מען נאָר פיהלען, אז מען איז פריי פון יאָך פון פּרנסה... איך בין צום שכל געקומען צו דרייסיג יאָהר און עס פערדריסט מיר זעהר אויף די עטליכע יאָהר, וואָס איך האָב זיך געמאכט נאַריש און געהאלטען א קראָם... ניט נאָר פון מיינע קליידער, נאָר אויך פון מיין גייסט האָט געשמעקט דאמאָלט מיט הערינג און נאַפט...

דעם דאלהינעווער איז די דאָזיגע ערקלעהרונג ניט שטארק געפעלען געווען...—וואָס הייסט,—האָט ער געפרעגט,—אז די אלע מענשען וואָלטען אזוי געוואָלט לעבען פריי, וואָלט דאָך די וועלט קיין קיום ניט געהאַט...

— נו, איז וואָס... שוטה... — האָט דער פּרוש געלאכט,—

ווער זאָגט דיר אַז די וועלט דאַרף אַ קיום האָבן?...

ביי דעם ענטפער איז דער דאַלהינעווער שטאַרק אויפגע־בראַכט געוואָרן: וואָס הייסט? סטייטש... די וועלט! עס איז אַזאַ שעהנע וועלט!... — אָבער אויס׳טענה׳ן זיך מיט׳ן פּרוש האָט ער קיין מעגליכקייט ניט געהאַט: דער פּרוש איז געווען צו בעהבנ׳ט אין חכמות־חצוניות און ער פלעגט „ברענגען" גאַנצע בלעטער פון אריסטאָ און פּלאַטאָן, פון וועלכע דער דאַלהינעווער האָט קיין השגה ניט געהאַט...

אַזאַ טיעפער שמועס פלעגט דעם דאַלהינעווער קאָסטען אַ פּאַפּיראָס־טאַבאַק, ווייל דער פּרוש, האָטש ניט קיין שטענדיגער רויכערער, פלעגט אָבער נאָך אַזאַ שאַרפען וכוח מוזען פערוי־כערען....

דער דאַלהינעווער פלעגט דאַמאָלט צורופען דעם זעלווען, ביי וועלכען די טאַבאַק האָט זיך שטענדיג געפונען און פלעגט זאָגען:

— זיי מכבד דעם פּרוש מיט אַ פּאַפּיראָס.

דרעהענדיג דעם פּאַפּיראָס, האָט דער פּרוש גוטמוטיג גע־פילאָזאָפירט:

— די וועלט, זאָגט איהר, וועט קיין קיום ניט האָבען... יאָ, טאַקע אמת... נו, וואָס איז? זאָל זי קיין קיום ניט האָבען!... איהר מיינט, קינדערלעך, אַז דאָס איז די ערשטע וועלט... עס זיינען שוין געווען טויזענדער וועלטען... קוקט אריין אין זייערע ספרים. נישקשה, זיי ווייסען אויך עפּעס... חי־חי־חי — זיי ווייסען מעהר פאַר אונזער רב...

די פרייע געדאַנקען האָבען די צוויי ישיבה־בחורים גע־שטאָכען אין זיבעטען ריפּ. אָבער פער׳מסר׳ט דעם פּרוש, האָ־בען זיי דאָך קיינמאָל ניט: עפּעס האָבען זיי געפיהלט צו דעם האַלב גרויען פּרוש אַ געפיהל פון רחמנות און פלעגען איהם פון צייט צו צייט מכבד זיין מיט אַ געבאַקטען קאַרטאָפעל, אַ גלעזעל טהעע און מיט אַ פּאַפּיראָס...

דער פיערטער פון די תושבים אין בית־מדרש איז געווען יענקעל דער הונד. דאָס איז געווען אַ בחור׳ל פון אַ יאָהר אכט־צעהן. וואָס האָט זיך פערוואַלגערט אין שטעדטעל שוין עטליכע יאָהר און מען וויים ניט ווער זיין טאַטע און מאַמע איז און פון וואַנען ער קומט. זייענדיג אַ גרויסער פוילער, געפינט ער זיך שטענדיג אין בית־מדרש, וואו ער האָט אויסגע׳פועל׳ט די באַנק נעבען טהיר צו שלאָפען.

צו די עטליכע תושבים אין בית־מדרש קומען צו אַ זייגער אכט־ניין אין אבענד נאָך זייטיגע מענשען. עס געהט אריין חיים דער מלמד, וואָס האָט פערלאָרען זיין קנעלונג און קוקט אוים דער יאוש אליין.

אריינקומענדיג שטעלט ער זיך אוועק נעבען בימה, בלייבט שטעהן אַ ווייל׳ע פערטראַכט. נאָכדעם דערמאָהנט ער זיך עפּעס און געהט צו צום אונטער־שמש און בעט אַ שמעק־טאַבאַק. דער אונטער־שמש קוקט איהם אָן קרום, אָבער דאָך גיט ער איהם. חיים מלמד גיט אַ שטאַרקען שמעק, צוניסט זיך און, ערמונ־טערענדיג זיך, געהט ער אוועק ווייטער, אויבען אָן, וואו דער זעלווער, דאַלהינעווער און דער פּרוש זיצען אין אַ ווינקעל און שמועסען.

אַ זייגער זיעבען קומט אריין היענע די אלמנה מיט איהר קויש עפּעל... חיענע די אלמנה איז די איינציגע פרוי, וואָס האָט די פּריווילעגיע צו קומען פראַנק און פריי אין בית־מדרש מיט איהר סחורה. אריינגעהענדיג בלייבט זי שטעהן פון פאָרענט, בעטראַכט דעם לעערען בית־מדרש און הויבט אָן שמייכלען צו זיך אליין: שטיינס געזאָגט, טראַכט זי, וואָס פאַר אַ גליקען זי קען דאָ כאַפּען. זי געהט צו צום אויוועז, גיט איהם אַ שמיר מיט די הענד און דערפיהלענדיג די קעלט, וואָס וועהעט פון די ווייסע קאַכעל, רוקט זי זיך אָב אָן ענטוישטע און שמייכעלט ווידער:

— מען זאָל זיך אפילו אין בית־מדרש ניט קענען אנוואַרעמען...

עס געהט צו דער אונטער־שמש.

— וואָס איז די מעשה וואָס דער אויוועז איז ביי דיר קאַלט? — ווענדעט זי זיך צו איהם פאַמיליאַר.

— אדרבא, — וויצעלט דער אינטער־שמש, — פאַרוואָס זאָלסטו טאַקע ניט שענקען א וואָגען האָלץ... נישקשה, מען זאָגט, אז דו האָסט געלד...

— אודאי האָב איך געלד... וואָס דען? — וויצעלט צוריק די אלמנה....

דער אונטער־שמש, אויך אַן אלמן, גיט זיך לוסטיג א קראַץ אין פּאַטילניצע און זאָגט:

— דער שוואַרץ יאָהר וויים דיר.... ווען איך וויים, אז יאָוואָלט איך זיך צו דיר גע'שדכנ'ט...

די אלמנה רויטעלט זיך און ווערט ערנסט:

— וואָס, דו גיסט עפּעס צו לייזען?

— אז ביי דיר איז זעהר טהייער...

— נעהם... דיר וועל איך לאָזען ביליגער...

דער אונטער־שמש געהט צו צום קאָשיק, קלייבט אויס דריי צופּוילטע עפּעלעך און פרעגט:

— וואָס, למשל, וועסטו הייסען בעצאָהלען דערפאַר?...

— העז א ביסעל... — ענטפערט די אלמנה. — די גרעסטע עפּעל האָט ער אויסגעקליבען... כ'מיין... צוליעב דיר — א קאָפּיקע.

— ביי דיר איז אַן אמת'ער אַפּטייק! — דינגט זיך דער אונטער־שמש... — אזוינע דריי עפּעלעך א קאָפּיקע... און א גראָשען וועסטו ניט נעהמען?....

— איך קען ניט, בנאמנות... — שווערט זיך די אידענע.

— נו ווי דו ווילסט זיך.... — וויל אריינלעגען דער אונטער־שמש די עפּעלעך צוריק...

די אידענע דערלענגט איהם נאך א קליין עפעלע:

— נא, האסטו פיער...

— ווערסטו דערלענגען א פינפטע! — שמייכעלט ער.

די אלמנה זוכט א קליינעם עפעלע, געפינט און גיט עס דעם אונטער־שמש....

— ביזט א בערייסערין! — קלאגט ער זיך און צאהלט ענדליך אב.

דער זעלווער, דערזעהענדיג פון ווייטען די אידענע מיט די עפעל, איז ווי אויפגעריכט געווארען און האט עס געמאלדען דעם דאלהינעוווער:

— דאלהינעוווער, די עפעל זיינען דא!

— עס איז א צו גרויסע הוצאה. — מורמעלט דער דאל־הינעוווער...

— וואס איז שייך... — שפארט זיך דער זעלווער. — מען איז דאך ניט מעהר ווי א מענש....

— נו, מילא, קויף... איך שטעה צו צו א חלק...

דער פרוש האט א שטילען זיפץ געטהאן און איז צוגעגאנגען צו דער אידענע.

ער האט זי אנגעקוקט מיט זיינע גרויסע אויגען און זיך בעגעגענט מיט איהרע...

זי האט זיי פערשעהמט אראבגעלאזען...

נאכדעם ווי דער זעלווער האט איינגעהאנדעלט צעהן עפע־לעך פאר גאנצע צוויי קאפיקעס, איז ער אוועק מיט זיי צום דאלהינעוווער.

דער פרוש איז געבליבען אויג אויף אויג מיט דער אלמנה.

— אזוי שפעט... — האט ער א מורמעל געטהאן...

— וואס זאל מען טהאן? — האט זי שטיל געענטפערט.

— מען וויל לייזען...

— יא, — האט דער פרוש געמורמעלט, און האט זי שוין דרייסטער אנגעקוקט... לייזען... איך פערשטעה...

ער האָט אינסטינקטיוו אויפגעהויבען די אויגען צום ווייבערשען שוהל אין דער הויף.

— אין דער הויף איז פינסטער... — האָט ער ווי סתם אין דער וועלט אריין א מורמעל געטהאָן.

— וואָס זאָגט איהר?... — האָט זי איהם געפרעגט...

— איך מיין אין דער ווייבערשער שוהל, אויבען, איז גאָר פינסטער.... — האָט דער פרוש געשטאָמעלט...

— אנטקעגען וואָס זאָגט איהר דאָס?... — האָט די אלמנה זיך געוואונדערט...

— אָט, איך מיין גלאט.. מען קארגט... אויך דאָרט האָט געדארפט ברענען א לעמפעל.. .שטענדיג איז דאָרט ביי נאכט פינסטער.

ער האָט זיך אומגעקוקט. דער אונטער־שמש איז געזעסען ווייט אין א ווינקעל און געקייט די עפּעלעך. דער זעלווער מיט'ן דאלהינעווער האבען זיך אויך פעררוקט אין א ווינקעל און האבען זיך געטהיילט מיט די סחורה. חיים דער מלמד האָט שוין, אָנגעשפּארט דעם קאָפּ אויף א סטענדער, שטארק געכראָפּעט. יענקעל דער הונד איז ערגעץ ארויס.

דער פרוש איז געשטאַנען ווי צוגעשמידט צום אָרט, געקוקט אויף דער אלמנה און געטראכט:

— און פאר וואָס טאקע ניט?...

די אלמנה האָט עפּעס דערפיהלט. זי האָט שעהמעוודיג אראָבגעלאָזט דאָס טיכעל ניעדריגער איבער'ן קאָפּ און זיך געקליבען ארויסצוגעהן....

— איהר געהט שוין?... — האָט דער פרוש א שטאמעל געטהאָן....

— וואָס זאָל מען טהאָן?... מען מוז געהן..

— ווייט?...

— יא, אזש נעבען בית־עולם...

— אַ שאָד, א שאָד! — האָט ער געזיפצט... אזא מהלך...

ער האָט ווידער געהויבן די אויגן צום ווייבערשען שוהל, וואו די קליינע פענסטערלעך האָבן געקוקט ווי שווארצע אויגן און גערופען צו עפּעס שווער־זינדיגעס....

— א גוטע נאכט! — האָט די אלמנה אויסגערופען און איז ארוים מיט'ן קאָשיק.

דער פּרוש האָט לאנג זי נאָכגעקוקט, און אז די אלמנה איז שוין ווייט געווען האָט ער זיך מיט א זיפץ צוריק אומגעקעהרט צו די צוויי ישיבה־בחורים און זיך אָנגערופען:

— און וואָס מיינט איהר איז אויסען די אידענע... וואָס זי קומט אהער?...

— זי וויל לייזען... — האָט דער דאלהינעווער געענטפערט....

— און איך בין זי חושד אין עפּעס אנדערש... — האָט דער פּרוש מאָדנע געשמייכעלט...

— זי זאָל עפּעס וועלען גנב'ענען, מיינט איהר? — דאָט דער דאלהינעווער געפרעגט בתמימות...

— ווער ווייס?... — האָט דער פּרוש געענטפערט... און האָט זיך גלייך אָבגעהאקט.

און מיט די ווערטער איז ער אבגעגאנגען אויף עטליכע טריט צוריק, נאָכדעם צוגעגאנגען צום פענסטער און זיך איינגעגראָבען מיט די אויגן צו יענער זייט, וואו דער שטעדטעלשער בית־עולם געפינט זיך...

דער דאלהינעווער מיט'ן זעלווען האָבען איהם צוגעטראָגען אן עפּעלע....

— עסט, פּרוש...

ער האָט זיך אָבגעקעהרט פון פענסטער ווי ערוואכט פון א חלום און זיך אָנגערופען:

— א יישר...

אויפעסענדיג דאָס עפּעל, איז ער ווי בערוהיגט געוואָרען און איז אויפגעלעגט געוואָרען צום רוהיגען דענקען:

— מיר האָבען אַ מאָל געדערדט וועגען קיום פון דער וועלט...
— האָט ער אָנגעהויבען, אָבווישענדיג די וואָנסעס, וואָס זיינען איהם נאָך געוואָרען פון דעם געפרווירענעם עפּעלע. — דער קיום פון דער וועלט איז אַ גרויסער סוד... און ניט נאָר פון דער וועלט... פון יעדען מענשען... יעדער מענש איז אַ וועלט און זיין לעבען איז אַ סוד... אנו, פּרובט טרעפען...

ער האָט זיי אָנגעקוקט און גוטמוטהיג זיך צולאַכט...

חיים דער מלמד האָט פון שטענדער ארויס זיך שטאַרק צוכראָפּעט....

— ס'ארא מין כראָפּען אַ ביסעל... — האָט דער זעלוועער געדעדט...

— טשעפּעט איהם ניט! — האָט דער פּרוש גוטהערציג געבעטען. — גליקליך איז דער מענש, וואָס שלאָפט.... איך וועל מיך טאַקע אויך אַ ביסעל צושפּארען. איך בין עפּעס זעהר מיעד....

ביי די ווערטער איז ער אַוועק צו אַ ווינקעלסטער באַנק, אויסגעטהאָן דעם ראָק, אונטערגעלעגט צו־קאָפּענס און זיך אויסגעצויגען אין דער לענג פון דער באַנק...

אין עטליכע מינוט איז ער איינגעשלאָפען און געזעהן אין חלום די אידענע מיט די עפּעל. ער האָט פון חלום גע־שטרעקט די הענד און אָנגעכאַפּט דעם סטענדער, וואָס איז גע־שטאַנען נעבען זיין צו־קאָפּענס...

דער סטענדער האָט זיך צושאָקעלט הין און צוריק, האָט אָבער גלייך בעקומען זיין גלייכגעוויכט און איז געבליבען שטעהן, ארומגענומען פון שלאָפענדיגען פּרוש...

# די צווייטע מוטער רחל.

אין די וואכיגע טעג איז רחל געווען פערנומען מיט דער שטוב, מיט די קלענערע קינדער און מיט דער בעל־הבית׳יש־קייט. ארבייט איז געווען לרוב און עס איז איהר קוים גע־לונגען אראב׳גנב׳נען פון פריהמארגען א וואסערע האלב שעה אויף צו דאוונען און אבלייענען די נויטיגסטע תחינה פון טאג. דערצו האט זי שוין געמוזט אויפשטעהן פריהער פאר אלעמען, אפילו פריהער פאר איהר מאן יעקב׳ן, וועלכער פלעגט אלע טאג געהן דאוונען אין בית־מדרש ותיקין און פלעגט שוין דאר־טען בלייבען ביז א זייגער צוועלף בייטאג. אין דער דאזיגער האלב שעה פלעגט זי זיך אבער ניט קענען ארייננטהאן אין דעם זין פון די ווערטער, וואס זי פלעגט פליסטערען אין דער שטיל מעהר אויס געוועהנהייט. דער קאפ איז איהר געווען פערנומען מיט אלערליי ארבייטען, וואס זי האט צו טהאן און די ווערטער האבען זיך געשאטען פון מויל ווי מאשינאל, ווי עמיצער, ניט זי אליין, וואלט מיט עפעס א הענטעל ערגיץ בעוועגט.

דערפאר אבער שבת איז רחל געווארען אן אנדערע. ווי נאר דער טשאלענט איז פרייטאג פארנאכט געווארען פער־רוקט אין אויווען, און דער אויווען איז פער׳חתמה׳ט געווא־רען מיט א דיקען נאסען האנטוך, וואס האט זיך ווי מיט א שפרוך פעסט געהאלטען אן דער „זאסלאנקע״, נאכדעם ווי ער

איז פערטריקענט געוואָרען, — איז שוין רחל געוואָרען איינגאָנ־צען איבערגעביטען. אראָבוואָרפען די וואָכיגע קליידער, אָנ־געטהאָן איהר איינפאַכע אָבער זויבערע שבת־קלייד, אויפ'ן אויסגעוואַשענעם קאָפּ אָנגעטהאָן די ווייסע טוך ביז איבער'ן שטערען, די ברעגען פערשטעקט הינטער די אויערען, — האָט איהר פּנים אָנגענומען דאָס געשטאַלט פון א פרוי פון די אור־אַלטע צייטען, פון די צייטען פון די אמהות... איהרע צוויי שווארצע אויגען, האָבען בעקומען שטראַלען און האָבען זיך גע־צויגען ערגעץ אין אנדערע ווייטע וועלטען...

די קלענערע קינדער, מיידעלעך, האָבען נאָכדעם ווי די מאַמע האָט ליכט אבגעבענשט זי ארומגערינגעלט און געטוליעט זיך צו איהר קלייד און געקוקט אויף איהר מיט ארויפגעריסענע אויגעלעך און געפּלאַפּעלט:

— א שעהנע מאמע !

און אפילו די דערוואַקסענערע טאָכטער האָט אויך ניט גע־קענט אבדרייסען איהרע בליקען פון איהר מוטער רחל, וועלכע איז געזעסען ביי די ליכט און געלייענט א ספר אויף עברי־טייטש....

און אין וואָס פאר א ספר רחל האָט פרייטאג צו־נאַכט און שבת בייטאג ניט געלעזען, איז אַלץ געוועזען בעשריבען פון דער מוטער רחל. מיט דער מוטער רחל איז רחל געוועזען ווי איין גוף מיט איין נשמה, און מאנכע־מאָל האָט זיך רחל'ן געדאַכט, אז זי אליין האָט מיט יענער איין גורל. איהר מאן יעקב האָט זי ליעב, ווי דאָס לעבען. כאָטש בפירוש זאָגען האָט ער עס איהר קיינ־מאָל ניט. ער איז אויך ווי יעקב אבינו א יושב־אוהל. ער האָט ווי יענער יעקב, דעם ערשטען יאָהר נאָך דער חתונה, אוועקגע־לאָזט איהר טאַטען דעם ישוב'ניק, וואו ער האָט ניט געקענט זיצען און לערנען, און האָט איהם געמוזט העלפען אין פעלד — און איז מיט איהר אוועקגעפאָהרען אין שטעדטעל צווישען אידען.

איהר טאַטע האָט זיך נאָגעיאָגט און איהר מאַן יעקב האָט איהם שטרענג געזאָגט:

— שווער לעבען, איך קען ניט וואוינען ביי אייך אין דאָרף צווישען גויים... לאָזט מיך מיט מיין ווייב רחל, לעבען צווישען אידען!

און דער טאַטע איהרער איז ענדליך מרוצה געוואָרען, האָט זיי געגעבען מתנות און זיי האָבען זיך בעזעצט אין א אידישען שטעדטעל.

אויך מיט קינדער האָט די ערשטע צייט פּאַסירט מיט איהר ווי מיט דער מוטער רחל. עס איז אוועק א פּאָר יאָהר און זי האָט קיין קינד ניט געבאָרען. זי האָט זיך געשראָקען טאָמער וועט יעקב בייז ווערען און וועט זי, לויט'ן אידישען דין אין צעהן יאהר ארום געבען גט... אָבער גאָט האָט איהר געבעט צוגעהערט און זי האָט אין דריי יאָהר ארום נאָך דער חתונה געבאָרען א קינד. נאָכדעם אין צוויי יאָהר ארום א צווייטע. ביז וואנען זי האָט פערמעגט פיער קינדערלעך.

און אָט־אָט, וועט זי געבוירען א פינפטע... דאָס וועט שוין זיין דאָס לעצטע קינד....

און ביי דעם דאָזיגען געדאנק ציטערט זי אויף. די מוטער רחל איז ביים לעצטען קינד געשטארבען.

און עס בעפאַלט איהר א הייליגע שרעק.

זי מאכט זיך אליין פאָרווירפע, וואָס זי נעהמט זיך אזוי איבער און גלייכט זיך צו דער מוטער רחל... וואָס האָט זי זיך איינגערעדט אז מיט איהר קען פּאסירען דאָסזעלבע וואָס מיט דער מוטער רחל! יענע איז געשטארבען אויפ'ן מיטען וועג. עס איז געווען אין די צייטען ווען יעקב האָט געמוזט אנטלויפען פון עשו'ן. זי אָבער לעבט אין א רוהיג קליין שטעדטעל. „א סמיכת־הפרשה!“ לאכט זי פון זיך אליין...

אָבער אז זי איז געקומען צו דער שטעל אין טייטש־חומש, וואו עס ווערט דערצעהלט וועגען דעם טויט פון רחל,

האָט זי זיך צואווײנט מעהר ווי ביי די טרויעריגסטע שטעלען. פאר איהרע אויגען האָט זיך געמאָהלט, ווי אַזוי רחל'ן בעפאלען אין מיטען וועג די וועהען, יעקב מיט די קינדער שטעהען ארום איהר מיט אראָבגעלאָזטע קעפּ און ווייסען ניט וואָס צו טהאָן. און אָט ווערט געבוירען אויף א מיטען פעלד בנימין, און רחל לאָזט ארויס איהר הייליגע נשמה... די אייגענע קינדער גראבען פאר איהר א קבר אין מיטען פעלד און זיי געהען אלע אוועק, איבערלאָזענדיג איהר קבר אליין...

דאָס הארץ פערדריקט איהר מעהר און מעהר. גראד איז יעקב איצטער אין שטוב. זי שעהמט זיך פאר איהם און שטיקט די טרעהרען. זי קען זיך אבער לאנג ניט איינהאַלטען און לאָזט ארויס א יאָמערליך געוויין.

— וואָס עפּעס אין מיטען דערינען? — פרעגט יעקב מיט א בנעימות'דיגען שמייכעלע. געהט צו צום טייטש־חומש, קוקט זיך איין און רעדט נאָך בנעימות'ער:

— וישלח... דאכט זיך א שעהנע סדרא... וואָס־זשע איז דאָ צו וויינען?

רחל ווישט אויס די אויגען. איהר מאַנ'ס שמייכעל און רוהיגע רייד טרייסטען און צערטלען איהר. זי ענטפערט ווי פערשעהמט:

— די סדרא איז זעהר א שעהנע... איך לייען דאָ ווי אַזוי די מוטער רחל שטארבט נעבעך אין מיטען וועג, געהענדיג צו קינד.

יעקב ווערט ערנסט, גלעט די לאנגע באָרד, וועלכע האָט שוין גראָהע פעדעם און מורמעלט:

— דער מוטער רחל'ס קבר איז נאָך עד היום דאָ אין ארץ־ישראל.. א סך אידען זיינען אויף איהר קבר מתפלל. אפשר טאקע צוליעב דעם האָט גאָט אַזוי געמאכט.. אָט צו דוד המלך'ס קבר קען מען טאקע ניט צוטרעטען. פערצוימט און פערשלאָסען

מיט צעהנדליגער שלעסער... אט וויינען זיך אידען איצטער אוים אויף איהר קבר...

און יעקב געהט צו נעהענטער צו רחל'ן, פליסטערט איהר אריין עפעס אין אויער, און רחל, רויט ווערענדיג, ענטפערט מיט אן אראבגעלאזטען קאפ:

— ווער ווייס.... קען זיין די טעג...

און צואווייענט זיך ווידער...

— ווייז ניט נארעלע... טרייסט זי יעקב... אדרבא, דארפסט זיך פרעהען... ס'וועט שוין זיין א מוזיניקעל... אויב א אינגעל וועט עס טאקע הייסען בנימין, נאך מיינעם א ברודער...

דאס לעצטע דערשרעקט רחל'ן אינגאנצען. פונקט ווי מיט רחל'ן: אויך איהר קינד וועט הייסען בנימין.

און ווי זי וואלט זיך געוואלט ראטעווען פון אן אונגליק, בעט זי זיך:

— מיר וועלען דאמאלט טראכטען וועגען א נאמען... אויב א אינגעל...

— ניין, פארוואס טאקע ניט שוין — עקשן'ט זיך גראד איין יעקב — בנימין איז זעהר שעהן... אויב נאר א אינגעל וועט ער טאקע הייסען בנימין....

און ניט בעמערקענדיג רחל'ס שוידערען האט ער זיך אויפגעשמעלט:

— מען דארף געהן אין בית־מדרש הערען עפעס נייעס. מען זאגט, אז די צייטונגען שרייבען וועגען מלחמה....

---

אין עטליכע טעג ארום איז רחל געלעגען געווארען...

זי האט מיט ליעבע געטוליעט צו זיך דאס ניי־געבארען קינד, א אינגעלע, און האט עס נאך פאר'ן ברית שוין גערופען בנימין'דל מיינס....

זי האט זיך געפיהלט, ווי זי וואלט ניצול געווארען פון א זיכערען טויט. און כאטש דאס קינד וועט טאקע הייסען

בנימין, אָבער דאָס זעלבע וואָס מיט דער מוטער רחל איז גע־שעהען קען שוין מיט איהר ניט געשעהען. עס איז שוין דער דריטער טאָג און זי פּיהלט זיך שוין גאָר ניש׳קשה׳דיג. זי זאָגט שוין איפלו דער עלטערער טאָכטער, וואָס צו קאָכען פאַר יעקב׳ן אויף וועטשערע....

פון צייט צו צייט אָבער, איבערהויפּט איידער זי דרימעלט איין פון שוואכקייט, טראָגט זיך דורך פאַר איהרע אויגען א פעלד, א קבר, פון קבר שטייגט ארויס א בלאַסע געשטאַלט מיט צושפּרייטע הענד און רופט:

רחל!

די קינפּעטאָרען כאַפּט זיך אויף פון דרימעל, ווישט איבער איהרע אויגען און בעהערשט פון דער זעהונג ליעגט זי אַזוי פערטראַכט עטליכע מינוט.

זי טראַכט וועגען די צייטען פון חומש, וועגען עשו און זיי־נע מחנות, וועגען יעקב׳ס אנטלויפען און דאַנקט גאָט, וואָס זי האָט א ווארעם בעט אונטער א דאַך און קען ערציהען איהרע קינדער און אכטונג געבען אויף איהר ליעבען מאַן.

און זי דרימעלט ווידער איין.

און אָט זעהט זי ווידער דאָס וויסטע פעלד, דעם איינזאַ־מען קבר, ער שפּאַלט זיך אויף צוויי און די מוטער רחל שטייגט ארויס פון איהם, לאָזט זיך שפּרייזען איבער׳ן פעלד מיט גרוי־סע טריט און איהר ווייסע קלייד צושפּרייט דער ווינד איבער אַלע זייטען:

— רחל! רחל! רחל!

— רחל! — וועקט מען איהר שטאַרקער — רחל! קום!

זי כאַפּט זיך אויף, קוקט שטאַר ארום זיך און זעהט נעבען בעט שטעהן איהר יעקב׳ן.

— ווער האָט מיך גערופען, הא?

—איך... דיין מאַן יעקב...—פליסטערט יעקב מיט א גע־

בראַכענער שטים — רחל, מיר מוזען געהן... דער שונא איז אין שטאָדט... גאָט זאָל זיך מרחם זיין...

רחל האָט געריבען די אויגען און ניט געקאָנט בעגרייפען. געדאַכט האָט זיך איהר, אַז דאָס מיינט איהר יעקב דעם שונא עשו'ן... זי האָט ליעב געשמייכעלט און געענטפערט...

— דאַנקען גאָט... איך ליעג אין דער וואַרעם... בנימינדעל וועט אויסוואַקסען א רב...

— רחל'ע, קום! טהו זיך ווי עס איז אַן... פערשטעהסט... מיר האָבען דיר ניט געוואָלט אויסזאָגען... עס איז א מלחמה... דער שונא איז שוין לעבען שטעדטעל... מען מוז אַנטלויפען... אפילו קינפעטאָרענס... וואָס זאָל מען טהאָן... גאָט וויל אַזוי... א פינסטערע צייט...

ערשט איצט האָט רחל פערשטאַנען, וואָס איהר איז... איהר קאָפּ איז געוואָרען לעער, ווי מען וואָלט אַלע איהרע געדאַנקען אויסגעשעפּט, בלויז פאַר די אויגען האָט זיך געטראָגען דאָס וויסטע פעלד און דער קבר פון דער מוטער רחל...

---

די עדה אידען האָבען זיך לאַנגזאַם געשלעפּט איבער'ן וויסטען פעלד צוליעב די קליינע קינדער, און איבערהויפּט צו־ליעב דער קינפעטאָרין רחל, וועלכע מען האָט געטראָגען אויף די הענד און יעדער צו־שנעלער טראָט האָט איהר פערשאַפט וועהען אין בויך....

עס האָט געגאָסען א קאַלטער פייכטער רעגען... רחל'ס גע־זיכט איז געווען איבערגעדעקט, אָבער דורך דעם קליינעם שפּאַלט פון דעם איבערדעק האָט זי דאָס גרויסע וויסטע פעלד געזעהען און האָט געזוכט מיט די אויגען יענעם פּלאַץ, וואו מען וועט גראָבען פאַר איהר א קבר....

— יעקב! — האָט זי אויסגערופען פון אונטער'ן צודעק.

— וואָס איז. מיין לעבען...

— ס'איז נאָך וויט צו א שטאָדט... צו אידען...

— ווייט... אבער מיר ווע̇לען קומען... גאָט וועט אונז ברענגען...

— יעקב... וואו וועסטו מיך בעגראבען... אין מיטען פע̇לד..

— רעד ניט רח̇ל... האָט ער זיך געבעטען.

— טאָמער געפינט זיך א בערגעלע, בעגראָב מיך דאָרטען..

די עדה איז געגאנגען אלץ ווייטער, ווייטער....

רח̇ל האָט דערפיהלט, אז באלד קומט עס... די יסורים האָבען איהר אבגעלאָזט, אבער עס האָט איהר בעפאלען א שוואכקייט. זי האָט דערפיהלט זיך אזוי גרינג, אז זי וואָלט געקענט פליהען... זי האָט געפרובט מאכען מיט די הענד, זי האָט אבער ניט געקענט....

זי האָט נאָר געווענדעט איהרע בליקען אין אלע צוויי זייטען און געזוכט א בערגעל, א פאסיגען פלאץ פאר א קבר...

דאָס פע̇לד איז אבער געלעגען פלאך...

די עדה איז געגאנגען ווייטער און ווייטער...

ענדליך איז מען צוגעקומען צו א בוים, וואָס איז געוואקסען אין מיטען פעלד.

דער בוים האָט גערוישט מיט די אומעטיגע צווייגען און האָט פערבעטען:

— רוהט זיך אב, אידען!

— אָט דאָ! — האָט רח̇ל געמורמעלט.. בעסער ווי אין מיטען פעלד....

זי האָט געוואָרפען א פריינדליכען דאנקבארען בליק צום בוים, האָט א זיפץ געטהאָן און איהר נשמה איז ארויס...

דער רב, וואָס איז מיט דער עדה געגאנגען האָט געמאכט א הספד און געזאָגט:

— זי האָט א גרויסע זכיה! זי איז געשטארבען אין מיטען וועג, ווי די מוטער רח̇ל... מיר וועלען זי דאָ בעגראבען...

און די גאנצע עדה אידען האָט דערפיהלט די גרויסקייט

פון דער שעה. עס האָט אויך אַלע א וועה געטהאָן דער גייסט פון די אַלטע צייטען פון די אבות.

קיינער האָט די היילינקייט ניט געשטערט מיט קיין טרער. אפילו דער הימעל האָט איינגעהאַלטען זיינע טרערען, ווען מען האָט פאר רחל געגראבען דעם קבר.

די זון האָט ארויסגעקוקט....

זי האָט בעלויכטען דעם קבר פון דער צווייטער מוטער רחל...

און די עדה אידען האבען זיך געלאָזט אין וועג מיט זי־בערע און פעסטע טריט...

זיי האָבען זיך ערוואָרבען א צווייטע מוטער רחל...

— גרויסע צייטען! — האָט דער רב געמורמעלט....

.1914

# דער נגיד.

ווי נאָר די ערשטע פריהלינגס־שטראַהלען פלעגען פאַלען מיט זייער ערשטען פרישען חן אויף די וואַרשויער שטיינערנע גאַסען, פלעגט לייבען אָנהויבען ציהען א היים אין דעם קליי־נעם שטעדטעל, וועלכעס ער האָט פערלאָזט צו פופצעהן יאָהר און וואו ער איז זינט דעמאָלט, שוין א יאָהר זעקס, ניט געווען.

ער פלעגט אבער ניט בלייבען ביים וועלען אליין. לייבע האָט ביים אוועקפאָהרען צוגעזאָגט דעם טאַטען צו ווערען א מענש, וואָס דאָס האָט געהייסען אויפ'ן טאַטענס לשון פערדיע־נען געלד, און אָט אין דעם זין איז ער נאָך גאָר קיין מענש ניט...

אמת, לויט זיין אייגענער איבערצייגונג, איז ער יאָ א מענש געוואָרען, איז שטאַרק בעלעזען אין דער אידישער, פויליש־שער און רוסישער ליטעראַטור, קאָן זיך האַלטען צווישען מענ־שען, האָט איידעלע יונגע בחורים'לעך פאַר חברים, האָט שוין אפילו א מיידעל, מיט וועלכער ער פיהרט כמעט ווי א ליעבע. חאָטש גערעדט דערפון האָבען זיי ביידע נאָך ניט. אָבער פאַר דעם טאַטען איז ער נאָך אַלץ קיין מענש ניט, — געלד פער־דיענט ער זעהר וועניג, ער וואַרפט זיך קוים דורך מיט לעבענס־מיטעל, אמאָל פון א לעקציע, אמאָל פון איבערשרייבען, און אמאָל לעבט מען צוזאַמען מיט חברים.

און אָהן געלד קומען אהיים, ווייסט לייבע, וועט ער זיין ביים אָרימען טאַטען זעהר א ניט געווינשטער גאַסט.

מאכט זיך אָבער א מעשה, אז לייבע קריגט אן ארבייט אויף גאנצע פופציג רובעל! און עס קומט אוים דוקא א פּאָר וואכען פאר פסח. דאָ האָט שוין דער געראנק וועגען פּאָהרען אהיים אָנגעהויבען ארבייטען אזוי שטארק, אז לייבע האָט שוין ניט געקאָנט בײַשטעהן און האָט זיך געקליבען אין וועג.

פון די פופציג רובל האָט לייבע געטראכט, עס זאָל איהם בלייבען אהיים ברענגען האָטש א גאנצען פינף און צוואנציגער... קיין גרויסע סומע איז עס נאַטירליך ניט, אבער לויט ער גע־דענקט נאָך, איז ביי זיי אין שטעדטעל חיים זעלדעס פער־רעכענט פאר אן עושר און ער פערמאגט אינגאנצען הונדערט רובל. אין אזוי פיעל, גערענקט ער, האָט מען יענעם גע־שאצט. ווי באלד אזוי, טרייסט זיך לייבע, קאָן מען זיך שוין מיט א פינף און צוואנציגער ווייזען פאר'ן טאַטען...

האָט ער אָבער דעם חשבון שלעכט געמאכט. דער אנצוג האָט געקאָסט ניט ווי ער האָט געמיינט צוועלף רובל, נאָר טאקע גאנצע פופצעהן, ווייל פאר צוועלף רובל איז די סחורה געווען אין צו־גרויסע קעסטלעך; סחורות אין אזוי קעסטלעך האָט דער־מאָהנט לייבע'ן די פּאָר רייכע בעלי־הגופ'ן פון שטעדטעל. דער הוט האָט אויך געקאסט מיט א קערבעל מעהר ווי ער האָט גע־רעכענט; דערצו האָבען זיך אונטערגערוקט עטליכע אלטע חובות, וואָס מען האָט געמוזט אבצאָהלען, האָטש עס האָט זיך שטארק ניט געוואָלט... מיט איין וואָרט, לייבען איז געבליבען בארע פופצעהן קערבלעך. דארף קאָסטען די רייזע אהיים, א שטעדטעל אין לאָמזשער גובערניע, איבער דריי רובל, בלייבט איהם רייןגעלד סך־הכל א צוועלף קערבלעך. דארף ער האָבען אויף צוריקפּאָהרען א דרייערל. הייסט עס, אז ער פערמאָגט ארום אכט קערבלעך...

פּאָהרט לייבע אהיים. נאָך א זעקס־יעהריגען וואלגערען זיך אין ווארשוי קומען מיט אזא סומע, איז א מאוסע מעשה — דער טאַטע וועט איהם אָבגעבען זעהר א שלעכטען ברוך־

הבא, וועט איהם זאָגען שטעכווערטלעך, וועט איהם ברענגען פּסוקים און אגדתות, אז אַהן געלד איז מען גאַר קיין מענש ניט, וועט איהם איינטייטשען, אז עני חשוב כמת, ווי רש"י מאכט אויף א געוויסען פּסוק, וועלכען לייבע האָט שוין אין וואַרשוי פערגעסען... ער וועט בייז פון איהם חוזק מאכען און וועט ברומען, לויט זיין שטייגער:

— אָבגעוועזען זעקס יאָהר אין אזא כרך און געבראַכט אכט קערבלעך....

און לייבע קוקט ארוים פון פענסטער פון וואַגאָן, עס פליהען פאַרביי טאַנצענדיג און שפּרינגענדיג דערפער, פעלדער, וועלדער, און עס דאַכט זיך איהם, אז דאָס אַלץ מאכט חוזק פון זיינע אכט קערבלעך, וואָס ער וויל שענקען זיין טאַטען נאָך א זעקס־יעהריגען וואַלגערען זיך אין אזא כרך...

אז דער צוג האָט זיך אָבגעשטעלט, האָט לייבע געזעהן, ווי פון די איבעריגע וואַגאָנעס זיינען ארוים דריי אידען, צוויי פון זיי האָט ער דערקענט: דאָס זיינען געווען שכנים. עס האָט איהם גלייך א ציה געטהאָן צו זיי, געוואָלט זיי געבען שלום־עליכם און פרעגען, וואָס מאכען די עלטערען; נאָר ער האָט זיך באַלד מישב געווען, אז עס איז גלייכער ניט לאָזען זיך דער־קענען. ער איז שוין אזוי אָבגעוואוהנט פון די דאָזיגע אידען, אז ער וועט מיט זיי ניט וויסען, וואָס צו ריידען, און זיי קאָנען נאָך פון איהם מאכען א געלעכטער. ער געדענקט פון אמאָל נאָך, אז פון א דייטש, בפרט פון אַן אָרימען דייטש, מאכען די אידען חוזק.

צום שטעדטעל איז געווען צוצוגעהן א ווי־אָרסט וועגס. ביי דער פּלאַטפאָרם זיינען געשטאַנען צוויי פוהרלעך, שטעד־טישע בעל־העגלות. ער געדענקט אפילו, ווי זיי הייסען. איינער איז הירשעל פּעשעס, א איד א לץ, און דער צווייטער, ישראל מישעס, א בייזער און שווייגענדיגער איד. וואָלט איהם געווען פרעהליכער אויפ'ן הארצען, וואָלט ער אודאי געפאָהרען מיט'ן

לץ, לייבע אליין האָט ליעב א גליכוווערטעל. נאָר איצט האָט לייבע בעסער אויסגעקליבען דעם בייזען און שווייגענדיגען, כאָטש דער לץ האָט איהם מיט א שמייכעל געוואָרענט:

— איהר וועט, יונגער־מאַן, קומען מיט איהם אויף שבועות צו די ערשטע סדרים.

לייבע האָט זיך פון וויץ פערקרימט אויף א שמייכעל, האָט זיך ארייננגעזעצט צום שווייגענדיגען אין וואגען, וועלכער איז געווען אָנגעפּאַקט מיט טוכלע שטרוי, אזש עס איז איהם פער־גאנגען אין נאָז אריין...

דער שווייגענדיגער האָט זיך שווייגענדיג אוועקגעזעצט אויף דער קעלניע, א שמיץ געטהאַן דאָס פערד און האָט איבער־געיאגט דעם לץ מיט זיין דאר פערדעל.

לייבען איז דאָס געפעלען געוואָרען, האָט צופריעדען גע־שמייכעלט און זיך געשטארקט:

— וואָס עס וועט זיין, דאָס וועט זיין!

צופאָהרענדיג צום טאַטענס שטיבעל, וועלכעס האָט זיך פאר די זעקס יאָהר אביסעל אראָבגעזעצט און איז נידריגער גע־וואָרען אזוי, אז די צוויי פענסטער האָבען דערגרייכט אזש די ערד, האָט לייבע מיט א שטארק קלאַפּענדיגען הארצען אָבגע־שטעלט דעם בעל־העגלה, רופענדיג צוטומעלטערהייד:

— דאַ, דאַ, ר׳ ישראל, דאַ, דאַ! שטעלט זיך... טפּררר...

דער שווייגענדיגער האָט זיך אומגעקוקט צו איהם ווי פער־וואונדערט, ארויסגעזייהט צווישען די צייהן: „בייזט זלמן אליה׳ם בחור׳ל? נא, האַסטו א שלום עליכם“.

איידער לייבע איז נאָך אראָבגעקראכען פון וואָגען, זיינען שוין פון שטיבעל ארויסגעפלויגען א חאליאסטרע פון זעקס קינ־דער, פון דריי ביז ניין יאָהר אלט, א מיידעל פון א יאָהר זעכ־צעהן מיט צוויי שווארצע דינגע צעפּלעך און הינטער א אידענע מיט פערקאשערטע קלייד און ארבעל, האלטענדיג אין האנד א פייכטען בעזים, און דאָס אלץ האָט אין איין קול אויסגעשאָסען:

— לייבע!

לייבע איז דערשראָקען געוואָרען און איז פאר שרעק גע־בליבען הענגען אויפ'ן ברעג וואָגען, ניט אהין און ניט אהער.

— נו, קריך אראָב, — האָט דער בעל־העגלה בעפוילען,— און בעצאָהל דעם צעהנעריל. איך האָב ניט קיין צייט...

לייבע איז אראָב פון וואָגען, האָט ארויסגענומען דעם טיים־טער און גראבלענדיג זיך ארויסגעוואָרפען א דריי־רובל'דיגע...

אלע שטעהענדיגע האָבען זיך א ווארף געטהאָן אויפצור־הויבען. די עלטערע שוועסטער מיט די צוויי שווארצע דינע צעפּעלעך האָט די ערשטע אויפגעהויבען און ניט ווי מיט איהר קול א געשריי געגעבען:

— דריי רובל!

— פאמעלעך, ווי דו האלסט, — האָט די מאמע מיט א שטראהלענדען געזיכט געוואָרענט, — גיב איהם צוריק.

— איך וועל עס ניט אויפעסען! — האָט די שוועסטער זיך בעליידיגט און האָט עס דערלאַנגט צוריק לייבען. א פערשעמטער האָט ער דאָס געלד צוריק אריינגעלעגט אין טייסטער און פער־רוקט איהם אין בוזעם־טאַש.

— פאמעלעך, מיין זוהן, ווי דו האלסט דאָס געלד, — האָט די מאמע געוואָרענט מיט א ווייכקייט, לאָזענדיג זיך געהן מיט לייבען אין שטיבעל, וואו עס האָט זיך ערשט אָנגעהויבען דאָס קושען זיך און וויינען פאר שמחה.

קומענדיג צו זיך, האָט לייבע געפרעגט:

— וואו איז דער טאַטע?

— דער טאַטע, מיין זוהן, איז אוועק אויפ'ן דאָרף. ביי א גוי האָט זיך געמאכט קויפען א פעקעלע חזיר־האָהר, קאָן זיין א פערטעלע פרנסה... ער דארף באלד קומען.

לייבע האָט א זיפץ געטהאָן...

אין א שעה ארום איז געקומען דער טאַטע, וועלכען דער נייין־יעהריגער בערעלע איז שוין געלאָפען אנטקעגען נאָך אויפ'ן גאַס און אָנגעזאָגט די בשורה.

דעם טאַטענ׳ס באָרד, וועלכע לייבע געדענקט א לאַנגע און א שוואַרצע, איז פאַר דער צייט גראָה געוואָרען, די פּלייצע געבויגענער, און די אויגען טונקעלער געוואָרען.... נאָכ׳ן אָפּי־ציעלען שלום־עליכם האָט דער טאַטע געפרעגט:

— נו, לייבע, וואָס האָסטו אויפגעטהאָן אין די זעקס יאָהר? קיין בריוועלעך האָסטו ניט געשריבען... קיין עולה ניט. א בריעף קאָסט געלד.... האָסטו חאָטש אביסעל געלד געבראַכט?...

— וואו — געלד? — האָט לייבע סקעפּטיש געענטפערט לייכטער אַבזיפצענדיג.

— גאָר קיין געלד ניט געבראַכט, גאָר ניט? — האָט דער טאַטע אנגעשטעלט די אויגען אויפ׳ן זוהן, ווי פער׳חדוש׳ט און בייז צוזאַמען.

— גאָרניט!

— גאָרניט!!! ווי קאָן דאָס זיין!

לייבע האָט געשוויגען.

— אַן עולה, א גרויסע עולה! — האָט דער טאַטע גע־שטראָפט, געשוויגען א ווײַלע און ווידער גערעדט:

— פונדעסטוועגען א דריי רובל׳דיגע... כ׳מיין! עפּיס—צו־שטייער אויף יום־טוב...

— איך האָב ביי זיך א רובל צוועלף.. — האָט לייבע זיך ארויסגעכאַפּט מיט דער גאַנצער סומע....

דער טאַטע האָט זיך ראָש אויפגעשטעלט, געמאַכט א טריט צוריק, א טריט פאָראויס, גענומען די באָרד אין האַנד און מיט א ווייכען מוסר־טאָן זיך אָבגערופען:

— העט אביסעל... האָסטו דאָך יאָ געלד... צוועלף רובל, וואָס הייסט?.... צוועלף רובל איז געלד... העט אביסעל... א מענש קומט צופאָהרען און דערשרעקט מיך: האָט גאָרנישט געבראַכט... איז אַן עולה; אָבער צוועלף רובל... צוועלף רובל איז געלד... ביזטו דאָך עפּעס א שטיקעל מענש...

— אז מיר וואָלטען געהאַט מיט צוויי וואָכען צוריק צוועלף

רובל, וואָלטען מיר געקאָנט פערדיענען נאָך דריי, — האָט זיך ענדליך די מוטער אריינגעמישט: עס האָט זיך געמאכט צו קויפען ביי א גוי א פּוד וואָל — איז ניט געווען מיט וואָס צו קויפען, האָט אָבגעקויפט חיים זעלדעס און איז נתעשר געוואָרען — פערדיענט דריי רובל...

— א קליינינקייט צוועלף רובל, — איז דער טאַטע ווידער אריין אין התפעלות, — אז מען האָט צוועלף רובל, איז מען א נגיד ביי אונז...

און אין א ווײַלע ארום, נאָך א קורצער הכנה, האָט ער ארויסגעריסען ווי מיט געוואלד א מין בקשה:

— דו וועסט מיר טאָקע באָרגען אויף יום־טוב א דריי רובל׳דיגע...

נאָר דאָ האָט די מאמע איבערגעריסען מיט רוגזא:

— שוין! ערשט געקומען! ער באָרגט שוין! ניטאָ וואָס צו באָרגען....

— ניין, כ׳מיין ניט... האָט זיך דער טאַטע פערענטפערט... איך מיין טאָקע פון זיינטוועגען — מאכען טאָקע א שעהנערען יום־טוב, צוקויפען מצה, מעהר מעד... אפשר טאָקע קויפען א קוואָרט וויין, א צעהנדליג אייער...

— איך וועל דיר געבען! — האָט זיך לייבע אָנגעחאַפּט מיט פרייד... איך וועל דיר געבען פינף רובל...

— ניין, חס־וחלילה... — האָט דער טאַטע זיך צוהיצט, פינף רובל דארף איך ניט... ס׳איז גענוג דריי... דריי איז די והותר! די והותר!

נאָר לייבע האָט ארויסגענומען דעם טייסטער, אויפגעעפענט און ארויסגענומען א 5־רובל׳דיגע און דערלאַנגט דעם טאַטען...

— גיסט טאָקע פינף! — האָט דער טאַטע, ווי פערשעמט פון גליק, איבערגעפרעגט.

— פינף! פינף! טאַטע!

— נו, ביזטו א מענש!

דער טאַטע האָט עס געהאַלטען א ווײַלע אין האַנד און זיך ענדליך פערזאָרגט:

— כ'ווייס גאָרנים, וואו צובייט מען עס.... סיידען ביי משה דעם בעקער, ער האָט עס אַביסעל „געשניטען" געלד. פּערדיענט אודאי א 25-ער פון פּסח'דיגע מעהל... א קליינינקייט...

נאָכדעם האָט ער דעם פינפרובעלדיגען אריינגעלעגט אין קעשענע און זיך אָנגערופען:

— צו פּסח האָבען מיר נאָך צוויי טעג, איך רעכען מאָרגען נאָך ארויסגעהן אויפ'ן דאָרף, מיט א 5-רובל'דיגען קאָן מען עפּעס אויפטהאָן. אז מען האָט א 5-רובל'דיגען, איז מען מיין זוהן, א נגיד...

אין א האַלבע שעה ארום, מען ווייסט ניט ווי אזוי, האָט זיך איבער'ן שטעדטעל צוטראָגען די ידיעה, אז לייבע, זלמן אליה'ס בחור'ל, וואָס איז אָוועקגעפּאָהרען א שנעק קיין וואַרשוי, איז איצט געקומען אויף פּסח אהיים צום אָרימען טאַטען און געבראַכט א מטמון מיט געלד.

אָרימע ווייבער האָבען זיך געבענשט און די מאַנסבייל האָבען פאַר קנאה אונטערגעזיפצט און טרויעריג געברומט:

— ביי לייטען קינדער!...

# דער רייכער.

גרונם דער בארשטער ליעגט אין בעט, ווארפט זיך אום אויףביידע זייטען, גלעט דעם שטערן, מאכט צו פעסט מיט די הענד די אויגען און עס העלפט ניט — ער קען ניט אנטשלאָפען ווערען, ער האָט א ווילדע שרעקעניש: פאר'ן שלאָף האָט ער עפּעס גאר ניט ווילענדיג א „רעכען" געטהאָן זיין פערמעגען און האלטענדיג נאָך גאר אין מיטען רעכענונג, איז שוין אויסגעקו־מען קרוב צו פונפצעהן טויזענד רובעל.... גאנץ געניי ווי פיעל עס וואָלט נאָך דער חשבון אויסגעקומען, ווייס ער ניט, ווייל מעהר האָט ער ניט געוואָלט רעכענען, איהם האָט זיך געדאכט, אז אויב ער וועט וויסען קלאָר זיין אייגענס, וועלען זיך אלע אין שטעדטעל דערוויסען דערפון, און דאמאָלס.... אַ, דאמאָלס איז ער אונגליקליך: מען וועט איהם נאָכטהאָן, מען וועט שטעלען מאשינעס צו בארשטען וואָל, ער וועט דאָס ניט אויסהאלטען, ער וועט משוגע ווערען פאר הארצוועהטאָג...

גרונם'ן איז פון זיין טאַטען געבליבען ירושה א האלב־איינגעפאלענע נידעריגע שטוב, מיט א „פאבריק". אין שטעד־טעל האָט מען אפילו ניט געוואוסט, אז זיי האָבען די זכיה צו האָבען ביי זיך א פאבריק, דען די פאבריק איז בעשטאַנען פון א קליין — נידריגען אלטען געביי, וואָס האָט געהאט דאָס אויסזעהן פון א שטעלכיל, און קיינער האָט גאר ניט חושד גע־ווען, אז אזא מין שטעלכיל קען הייסען „פאבריק" און געבען שעהן פרנסה. וואָס אינוועניג אין „פאבריק" האָט זיך געטהאָן,

האָט קיינער ניט געוואוסט, אָדער דונקעל געוואוסט. פאַרבייגע־הענדיג דאָס שטעלכיל, פלעגט זיך הערען א מין גרילצען פון וואלצען. און מען האָט זיך געשטויסען, אז דאָ מוז אינווענינג זיין עפּעס א מאשינע. אינווייניג האָט גרונם קיינעם ניט אריינגעלאָזט. טאָמער פלעגט זיך טרעפען א נייגיעריגער, וואָס פלעגט פאַרבייגעהענדיג וועלען „חאפּען א קוק“, פלעגט גרונם, צי דאָס ווייב, צי די קינדער, לויט גרונם׳ס בעפעהל, מיט כעס אוועקטרייבען:

— געהט אייך, דאָ איז ניטאָ וואס צו קוקען!

דאָס גאנצע לעבען האָט גרונם געלעבט אין איין שרעק, אין איין פלאטער׳ן: מען וועט זיך דערוויסען פון זיין פרנסה און מען וועט שטעלען מאשינעס אויף בארשטען וואָל... דאָס שטעד־טעל איז אזוי געדריקט, יעדער זוכט געשעפט ווי מיט ליכט. נייע קראָמען איז שוין ניטאָ וואו צו מאכען, די שענקען ליע־גען שוין אין גוי׳עשע הענד... די „וועלט“ איז אזוי געשלאָגען! צו אזא געשעפט, ווי זיינס, וועט מען זיך צוחאפּען ווי הונגעריגע הינד צו א ביין...

און ווען עס איז אָנגעקומען דער הערבסט און ארום גרונם׳ס שטוב פלעגען זיך ארום שטעלען צעהנדליגע פויערשע פוהרען, וועלכע פלעגען קומען בארשטען זייער וואָל, פלעגט ער דאמאָלס אומגעהן, ווי צומישט... ווען ער וואָלט געקענט שטעלען א הויכען פּארקאן פאר זיין שטוב, אז קיינער, קיינער זאָל ניט קענען צוקומען צו איהם, קיינער זאָל ניט זעהן זיין פּדיון!...

אָדער וואָלטען די וואלצען חאָטש ניט אזוי גערוישט, ניט אזוי געגרילצט!... וואָלטען די פויער׳ן, א רוח אין זיי, ניט אזוי געטומעלט!...

אָדער וואָלטען אלע, וואָס געהען פאַרביי זיין שטוב, בלינד און טויב געוואָרען!...

אז דער פּדיון פלעגט אביסעל שטילער ווערען, פלעגט ער

זיך פּיהלען גרינגער. ער פּלעגט ארויסגעהן אין גאַס, אין מארק. דעם קאָפּ פּלעגט ער אראָבלאָזען, און פּלעגט זיך קלאָגען אויף שלעכטע צייטען.

— וואָס וועט דאָס זיין, אידען, וואָס קיין פּרנסה איז ניטאָ? — פּלעגט ער זיך ביטער קלאָגען פאַר אלעמען, אויס־שטעלענדיג פערצווייפעלט די אויגען און ארויסלאָזענדיג גרוי־סע, שווערע זיפצען.

— ביי אייך אויך ניטאָ? — פּלעגט איהם איין אנדערער קאַלט א פרעג טהאָן.

גרונם'ן פלעגט פון אזא פראגע זיך אבריסען אין האר־צען. איהם האָט זיך געדאכט, אז דאָס לאכט מען פון איהם, און ער פלעגט זיך נאָך מעהר איינבויגען, פונאנדערהוסטען זיך, ווי א נוטה למות'ער און נאָכדעם ענטפערען:

— ביי אייך אויך ניטאָ? — א קשיא! ווער איז נאָך אזוי געדריקט, ווי איך? מיין פּרנסה ווינש איך ניט דעם ערגס־טען שונא, מען האריוועט טאָג און נאכט מיט ווייב און קינ־דער, און קוים, קוים, וואָס מען האָט דאָס שטיקעלע ברויט, מען געהט קריעה־ובלויה...

און ער פלעגט זיך אזוי ביטער צוזיפצען, אז יעדער פלעגט איהם מיטפיהלען, און מען פלעגט איהם געריהרט טרייסטען:

— מילא, וואָס זאָל מען טהאָן, ר' גרונם, עס זיינען היינט אלע געשעפטען געשלאָגען, איהר זענט ניט איינער.

נאָך אזא טרייסטען פלעגט גרונם רוהיגער ווערען: מען גלויבט מיר, מען גלויבט מיר! פלעגט א שטיין אראָב פון זיין הארצען.

און ניט גלויבען איהם איז טאַקע אונמעגליך געווען: זיין קליינע דארע פיגור, די איינגעפאלענע באקען, די רויטליכע אוי־גען, זיין גאנצער הילוך, איבערהויפּט דאָס היטעל, וואָס האָט אין מיטען געהאט א ריס, — דאָס אלץ האָט גע'טענה'ט פאר איהם, אז ער איז איין אונגליקליכער, ארימער איד...

און וואס א יאהר האט אלץ זיין פערמעגען מעהר געוואק־סען און גלייך מיט'ן פערמעגען האט אויפגעוואקסען זיין שרעק: טאמער וועט מען אין שטעדטעל דערגעהן, און ער האט זיך בעמיהט איינצורעדען זיך אליין, אז ער איז ארים, אז אויף דער עלטער וועט איהם אויסקומען צו שטארבען אין פרעמדע תכריכים.

און דאס ווייב און קינדער זיינען אומגעגאנגען אבגעריסען און אבגעשליסען, דאס גאנצע געזינד האט אויסגעזעהן ווי א חברה שלעפער מיט הונגעריגע מיעדע פנים'ער.

— גרונם, אפשר נעהמען אויף שבת א פאר פונט פלייש?

— פלעגט דאס ווייב אמאל פארלעגען.

און גרונם פלעגט א פערציטערטער בלייבען:

— קוילען ווילסטו אונז, גזלנ'טע, ווילסט מיך אויסגעבען, דאס שטעדטעל זאל זיך דערוויסען...

און דאס ווייב פלעגט בלייבען שטיל, זי האט איהם געגע־בען געדעכט און פלעגט אויף שבת נעהמען נאר א פונט פלייש.

קוקענדיג אויף די קינדער, ווי זיי געהען אבגעשליסען, האט איהם זיין פאטערליך הארץ געבראכען און וועה געטהאן, ווי מען וואלט עס מיט גלאז געשניטען, נאר מאכען זיי א בגד האט ער פארט ניט געקענט ביי זיך פועל'ן:

— איך טאר ניט! איך טאר ניט! פלעגט ער זיך אליין פערענטפערען.

אז א קינד פלעגט זיך פאר א יום־טוב צעוויינען, מען זאל איהם עפעס אויפנעהען, פלעגט ער טרויעריג ענטפערען.

— נארישע קינדער, דאנקט גאט, אז איהר האט ברויט, באלד וועט קיין ברויט אויך ניט זיין, באלד וועט אונז אויסקו־מען אנטהאן א טארבע און געהן איבער די הייזער...

א טויט שרעקעניש פלעגט אנפאלען אויף די קינדער. זיי פלעגען גלייך שטיל ווערען און מיט שרעק טראכטען וועגען דער לייווענטענער טארבע, וואס זיי וועלען באלד דארפען אנטהאן.

דערזעהענדיג די קינדערס שרעק, פלעגט גרונם גלייך רוהיג ווערען — ער איז זיכער מיט זיין ארימקייט, אפילו די אייגענע קינדער גלויבען איהם... און אויס דאנקבארקייט פלעגט ער אונ־טערגעהן צום עלטער'ן אינגעל, א קניפ טהאן איהם אין בעקעל און זאגען:

— זיי ניט אומעטיג, מיין זוהן, אראבפאלען ביי זיך טאר מען ניט, דער אויבערשטער וועט נאך רחמנות האבען...

---

די יאהרען זיינען געפלויגען, די מאשינע אין שטעלכיל האט ביי גרונם'ן שטארק געארבייט, זיין קאפיטאל איז אלץ גרעסער געווארען, און ער האט נאך אלץ געציטערט: טאמער וועט מען שטעלען נאך מאשינעס.

און ער האט נאך אלץ געטראגען דאס זעלבע היטעל מיט דעם ריס אין מיטען....

דאס געלד האט ער קיינעם ניט פערליהען. ער האט מורא געהאט מען זאל זיך ניט דערוויסען, און גאנצע פעק מיט אסיג־נאציעס זיינען געלעגען אין א גרויסען קאסטען אונטער'ן בעט.

ער האט דאס געלד אפילו צעהלען ניט געוואלט, ער האט אליין ניט געוואלט וויסען, וויפיעל געלד ער האט, צו וואס זאל ער האבען אומזיסטע שרעק?

ער האט זיך אבער איינמאל ניט געקענט איינהאלטען און האט געפרובט א רעכען טהאן די פעקלעך אסיגנאציעס.

און וואס מעהר ער האט געצעהלט, איז זיין שרעק אלץ מעהר געוואקסען, ביז ער האט אויפגעהערט צו צעהלען און ער האט פערהאקט די קאסטען...

---

ער איז געלעגען אין בעט און ניט געקענט אנטשלאפען ווערען.

— וועה צו מיר — טראכט ער מיט שרעק — אזוי פיעל געלד... מען וועט זיך דערוויסען... צו וואס האב איך גענדארפט

צעהלען, א פינסטערע שעה אויף מיר געווען, מארגען וועט וויסען די גאנצע שטאדט, אלע וועלען שטעלען מאשינעס, מען וועט דען קוקען אויף מיר?

עס גיסט איהם אב מיט א קאלטען שוויים, און ער נעהמט זיך אליין צו בערוהיגען:

— קיינער האט דאך ניט געזעהן. איך וועל מארגען ערגעץ ניט געהן. וואס דארף איך ווענען האבען? איך בין קראנק, וועל איך ליגען אין בעט.

ער רייבט דעם שטערען, די הענד ציטערען איהם, דאס הארץ קלאפט.

— ניין! קראנק זיין טויג ניט — קלערט ער ווייטער— מען קען נאך קומען מיך מבקר חולה זיין. און א קשיא אויף א מעשה — איך קען מיך אויסרעדען זיך... פונפצעהן טויז....

ער פערהאלט זיך דאס מויל מיט דער האנד.

— איך וועל מיך זיכער אויסרעדען, די צונג זאל מיר בעסער אבדארען....

נאר איהם דאכט זיך, אז די סומע פופצעהן טויזענד שפרינגט איהם פון מויל ארויס, און מארגען, ווי ער וועט נאר עפענען דאס מויל עפעס צו זאגען, וועט עס גלייך ארויסשפרינגען ...

א שוידער נעהמט איהם דורך. ער דערמאנט זיך, ווי עמיצער האט אמאל איהם געזאגט (ער געדענקט בשום אופן ניט: ווער), אז קיין סודות איז אויף דער וועלט ניטא...

— עט, ס'א ליגען — טרייסט ער זיך מיט שרעק — ביי א נאר איז קיין סוד ניטא... איך וועל ניש־קשה איינהאלטען. א מכה זיי... קיינער וועט ביי מיר גיט וויסען, קיינער ניט!... ווער האט דאס מיר געזאגט, אז קיין סודות זיינען ניטא? ווער פארט? אודאי א שוטה!...

ער וויל זיך דערמאהנען, נאר די געדאנקען טומלען זיך.

און ער קאן ניט. און באלד גיט איהם אין קאפּ ווי מיט א האמער א קלאפּ:

— עוף השמים יוליך את הקול! דער פויגעל וועט אויסזאָגען... שלמה המלך האָט דאך זיכער געוואוסט, שרעקט ער זיך.

— וואו זיינען דאָ פייגלעך, נארישקייט! ער דערמאנט זיך, אז נעכטען איז א סאראַקע געשטאנען אויפ'ן דאך פון שטעלכיל...

— משוגע בין איך, שפּייט ער אויס... ווערה איז מיר, איך קען טאַקי משוגע ווערען.

די רעיונות זיינע פלאַנטערן זיך, אין מוח קריכען אום עפּעס ווי ווערים די ווערטער: שלמה המלך... די פויגעל... ניטאָ קיין סודות.... א סאראַקע... אין די אויערען הערט ער א גרילצען פון מאשינעס: מען האָט אומעטום אין שטעדטיל מאשינעס געשטעלט...

איהם הויבט זיך דער מח. ער קריכט אראָב פון בעט און שטעלט זיך מיט שטארע אויגען אין מיטען שטוב. ער קוקט אויף דאָס קליין־לעמפּעלע, וואָס ברענט אזוי דונקעל און טרויעריג אויפ'ן טיש, אויף וועלכע עס ליעגט א האלבער לעבעל שווארץ ברויט. ער בעטראכט זיין גאנצע שטוב, ווי ער וואָלט ערשט אריין אין איהר....

און אָט שטעלט ער זיך ביי זיין ווייב'ס בעט! זי קרעכצט אזוי הערצרייסענדיג, אזוי פערצווייפעלט — איהרע אויסגעדארטע באקען זיינען ווי טויט, די פלאכע ברוסט זיך שווער — — ער שטעלט זיך נעבען דעם צווייטען בעט, וואו די קינדערלעך שלאָפען — — טויטע פּנים'ער, אויסגעדארטע, איבערגעדעקט מיט אלטע שמאטעס.

— אפילו קיין קאָלדרע אין שטוב ניטאָ! — קרעכצט ער.

ער דערמאנט זיך ווייעדער אָז דאָס געלד, וואָס ער האָט איבערגעצעהלט....

— ניין, ניין! — קרעכצט ער, — ס'איז א ליעגען, א ליע־

גען! איך האָב ניט קיין געלד. איך בין א ביטערער אביון, אײן אונגליקליכער!... איך האָב גאר נישט, גאָר נישט, גאָר נישט, איך האָב ניט וואָס מורא צו האָבען...

ער ווערט אביסעל רוהיגער, ער קוקט אויף די שלאָפענדיגע ווייב און קינדער און רעדט זיכער ארוים:

— איך האָב גאר נישט, גאָר נישט; קײנער וועט קיין מאשינעס ניט שטעלען!... איך בין אן אביון!...

# אברהם דער שוסטער.

אברהם דער שוסטער איז א הויכער, דארער זקן, מיט א לאנגער באָרד, נאָך לענגערע פּאות׳ן און מיט א גרויסען שטע־רען; ווען א פרעמדער מענש זאָל איהם בעגעגענען אמאָל אין דער פריה פון דאוונען מיט׳ן גרויסען טלית־זאק אונטער׳ן אָרים, וואָלט ער זיכער געמיינט, אז דאָס געהט דער רב פון׳ם שטעד־טעל, אָדער אזוי א שעהנער בעל־הבית. אמת, אברהם אליין האָט זיך טאקע געהאלטען גאנץ גרויס און מיט זיין מלאכה זיך בכלל ניט געשעמט, און זייט ער האָט געהערט פון א מגיד, אז ר׳ יוחנן דער גרויסער תנא ר׳ יוחנן, איז געווען א שוסטער, איז ער ווי שטאָלץ מיט זיין מלאכה געוואָרען, און אז עס פלעגט אמאָל קומען צו רעד וועגען שוסטעריי פלעגט ער שטענדיג ארויסטרעטען מיט פייער צו אבשלאָגען די, וואָס זיינען געגען דער מלאכה און פלעגט ענדיגען זיין ווארימע רעדע מיט די ווער־טער:

— וואָס דארפט איהר מעהר, ר׳ יוחנן, דער גרויסער תנא, איז אויך געווען א שוסטער, אויך געצויגען די דראטווע...

דאָס לעצטע פלעגט ער שוין אויסלאָזען לאכענדיג, אויף וואָס ער פלעגט באלד חרטה קריעגען — ס׳טייטש! ער לאכט פון א תנא! און כדי ר׳ יוחנן זאָל אויף איהם דארט קיין פאר־איבעל ניט האָבען, פלעגט ער גלייך זיך פערכאַפּען:

— רעכענט אייך, ער אליין האָט די דראטווע ניט געצוי־גען, ער האָט געווים געהאלטען פּועלים...

דאָך פלעגט אברהם'ן ווייניג העלפען זיי פערטהיידיגען די שוסטעריי און זיין בעריהמען זיך מיט זיין קאָלעגע ר' יוחנן: קיין כבוד, נאָך וועלכע ער האָט זיך געיאגט, האָט ער קיינמאָל ניט געהאט. אפילו דאָס „שניידערשע קלייזעל", וואָס איז געווען שטענדיג טאָלעראנט מיט אלערליי בעלי מלאכות, האָט איהם קיינמאָל קיין רעכטע „עליה" ניט געגעבען, אויסער אמאָל, על פי טעות, האָט מען איהם געגעבען אחרון, און שמחת תורה פלעגט מען איהם געבען די הקפה „עוזר דלים". נאָר דאָס איז געווען ניט דערפאר, ווייל ער איז א שוסטער, נאָר דערפאר וואָס ער איז געווען א האלבער שוסטער, אָדער ווי מען האָט איהם גערופען אין שטעדטעל „א לאַטוטניק". ד. ה. קיין גאנצע שיך און שטיוועל פלעגט ער ניט נעהען, ער פלעגט נאָר לאטעס לעגען. ער האָט אפילו זיך בעריהמט, אז אמאָל, אמאָל פלעגט ער גאנצע שיך אויך נעהען, נאָר זייט עס איז ארויס די וויסטע מאָדע מיט די „שמאָלע נעזער" האָט ער אויפגעהערט— ער וויל זיך ניט נאריש מאכען... אמת, לאטעס פלעגט ער לעגען איינס אין דער וועלט! אפילו די שטעדטיל'שע שוסטער, וואָס פלעגען שטענדיג „ריידען" איינער אויפ'ן צווייטען, האָבען אויך ניט געהאט א העזה אויסצוזעצען חסרונות אין אברהם'ס א לאַטע. נאָר דאָך פלעגען אלע אין שטעדטעל פון איהם קיין גרויסען פירוש ניט מאכען, פארקעהרט, ביי א געלעגענהייט פלעגט מען פון איהם אבלאכען. זיין שטאָלץ האָט דערפון געליטען און ביי א צייט פלעגט ער זיך אָן די אלעמען נוקם זיין.

די צייט פלעגט ער אלע יאָהר ערוואַרטען מיט גרויס אונגעדולד. ער איז געווען זיכער, אז זי וועט קומען, זי מוז קומען! דער אייבערשטער וועט ניט משנה זיין דעם סדר פון ששת־ימי בראשית און אָסיען מוז זיין אלע יאהר און רעגענס וועלען געהן. אָסיען, ווייס אברהם, מוז רעגענען. ער האָט שוין אָבגעלעבט אזוי פיעל יאָהרען און עס האָט נאָך קיינמאָל ניט געטראָפען, אז עס זאָל ניט רעגענען; און פון רעגען, ווייס אברהם, ווערט אין

שטעדטעל א גרויסע בלאָטע, אזא בלאָטע וועלכע ער דאַרף האָ־בען, אויף וועלכע ער בעט גאָט. ווי דער פּויער בעט גאָט דעם רעגען אויף ברויט אזוי בעט ער אויך גאָט, נאָר ניט אויף ברויט אליין, אויך ער זאָל זיך קענען רעכענען מיט די שטעדטעלשע בעל־הבתים, וועלכע לאַכען אָפּ פון איהם.

און אז אברהם זיצט סכות און עס הייבט אָן גיעעסן א קאַל־טער הערבסט־רעגען, איילט ער זיך ניט צו געהן אין שטוב, ביז וואנען זיין אַלטע פּעשע רופט איהם ניט אריין מיט גרויסע קולות:

— משוגענער איינער! ווער זיצט עס אין אזא גאָס־רעגען אין סכה! דו ווילסט זיין פרימער פאר'ן רב! די יויך ווערט אָן דעם טעם פון דעם רעגען.

— ניש־קשה, ניש־קשה! — טרייסט ער זי צופריעדע־נערהייט, שוין אריינגעהענדיג אין שטוב. — איך האָב ניט קיין מורא פאר הייגטיגען רעגען, פון אזא רעגען וועט זיך „שטעלען" די בלאָטע! נארעלע, די בלאָטע....

— נו, דאנקען גאָט טאַקי פאר דער בלאָטע! — ענטפערט פּעשע מיט א פרום־פּנים; זי דערמאָנט זיך, אז די גאנצע חיונה האָבען זיי טאַקע פון דער אָסיען־בלאָטע.

און אברהם ענדיגט דאס עסען אין שטוב, די אויגען אָבער קוקען דורכ'ן פענסטער אין גאס אריין און זיין הארץ וואקסט פאר פרייד, זעהענדיג, ווי די ערד ווערט שוין ווייכליך, ער דער־קענט שוין די סמנים פון זיין ליעבער בלאָטע....

און אז עס גיט א שיין די זון ווערט אברהם דערשראָקען צום טויט! איהם דאכט זיך, אז זי וויל איהם אוועקנעהמען דאָס ברויט... נאָר ניט לאַנג שיינט די הערבסט־זון: א וואלקען פערשטעלט זי באלד און אברהם ווערט ווייטער פרעהליך און זינגט פאַראַדירענדיג דאָס קינדישע ליעדעל:

גאָט, גאָט גיעב א רעגען
פון אברהם שוסטער'ס וועגען.

און גאָט הערט צו אברהמ'ס געבעט — א גאַנץ סכות רע־גענט און רעגענט, אידישע קינדער טרויערען, וואָס זיי האָבען א פערשטערטען יום־טוב, קענען ניט ארויסגעהן אויפ'ן גאַס א ווײַלע, אברהם אבער איז שטארק צופריעדען: אין גאַס האָט זיך שוין אויסגעבילדעט די בעוואוסטע אָסיענדיגע בלאָטע, נקבות בלײַבען אָפט שטעהן אין דער מיטען גאַס פערצווייפעלט, לאַ־זענדיג אמאָל די שוך; קלײנע קינדער טראגט מען איבער אויף די הענד און מאנסבילען ראטעווען זיך אַרויס מיט גרויס בריה־בריה־שאפט...

דאָ לאכט שוין אברהם פון דער זון! אזא קלײנע טעלער וועט ניט זײַן ביכולת אויסטריקענען אזא גרויסע בלאָטע, און אפילו אז מעהר קײן רעגען זאָל ניט געהן, וועט זי אויך שטעהן נאָך א פּאָר חדשים שטארקע. נאָר אברהם טרייסט זיך, עס וועט נאָך רעגענען, ער האָט דערויף זײַן כלל: אָסיען מוז רע־גענען!

איבער יום־טוב רוהט ער זיך אויס און קלויבט כוחות: ער ווייסט, אז נאָך יום־טוב וועט ער מוזען ארבייטען ביז שפּעט אין דער נאכט אריין, ער וועט זײַן פערווארפען מיט מלאכה.

און אויף מאָרגען נאָך סכות הייבט זיך טאקע אָן ביי איהם א יריד אין שטיבעל, וועלכער שטעהט גאַנצע דריי חדשים און א מאָל מעהר. מען טראָגט איהם שיך פון אלע זייטען, די בלאָטע איז גרויס און יעדערער וויל זיך פערזארגען מיט גאַנצע שיך, אויסער דעם רייסט זיך אין בלאָטע מעהר ווי א גאַנץ יאָהר!

אברהם האָט גוט אין זינען, אז פון דעם יריד לעבט ער א גאַנץ יאָהר. אמת, עס מאכט זיך אין א טרוקענער צייט אויך לאַטעס צו לעגען, אבער דאמאָלס איז ער ניט אזא יחסן: די גע־הויבענע שוסטער פון די „שמאָלע געזליך" זיצען דאמאָלס אָהן ארבייט און שעמען זיך ניט אונטער צושלאָגען איהם פרנסה, און דעריבער בענוצט ער זיך מיט זײַן איצטיגע „יחסנות" און „רייסט„ פון טויט און פון לעבעדיג, ער מאכט שרעקליכע טאק־

סעם, ווער רעדט, פאר א פאר פאדמיאטקעס אונטערשלאגן קען מען שוין ביי איהם ניט אבדינגען קיין גראשען, עס מעג זיין ווער עס איז, אפילו א נאהענטער, ארימער שכן; און אז יענער פרובט זיך צו דינגען:

— סטייטש, ר' אברהם, פאר וואס קומט אייך אזוי פיעל?

ענטפערט אברהם קאלט:

— איך נייט אייך דען חלילה? איך לויהנט נישט, — טראגט אייך אריין צו בעריל דעם שוסטער, ער איז אויך א גאנץ גוטער שוסטער, ער מאכט דאך עפעס „שמאלע נעד־לעך"...

די לעצטע ווערטער פלעגט ער אויסלאזען מיט אן איראָ־נישען טאן, ווי ער וואלט געזאגט: ניט אלע מאל טויג פאר אייך בעריל דער שוסטער, איהר דארפט מיך אויך האבען... ער וויל זיין זיכער, צי דארף מען איהם טאקע האבען און ער גיט א קוק אין פענסטער און ער ווערט נאך שטייפער ביי זיך: די גאס איז פערפלייצט מיט שיטערען קויט, חאטש טרענק זיך! — אוי, דארפט איהר מיך! שמייכעלט ער און גיט אפילו ניט א קוק אין יענער זייט, וואו דער קונד שטעהט מיט די שיך און וויל אראבדינגען א צעהנעריל. אברהם פיהלט, אז איצט איז די צייט צו אברעכענען זיך מיט זיינע שונאים, וואס לאכען פון איהם, און ער איז זיך נוקם מיט הארטע מקחים...

---

אט אזוי האט זיך אברהם דער לאטוטניק אבגעלעבט ביז אין טיעפער עלטער, אלץ געצויגען די חיונה פון דער שטעדטיל־שער בלאטע און געדאנקט גאט, וואס ער האט בעשאפען קלוג די וועלט, אז עס מוז זיין א צייט אין יאהר, ווען אין שטעד־טעל ווערט א בלאטע און זיינע לאטעס געהען שטארק אן. דערפאר האט אין זיינע אויגען די בלאטע דעם שעהנסטען חן געהאט, אפשר א סך מעהר חן, ווי דער בלאהער ים ביי א פאעט... און אז ער פלעגט דורכגעהן אמאל אין מארק קויפען

שטיקלעך רימען אין די פעל־קראַמען, פלעגט ער מיט שמאָלץ בעטראַכטען די מיט קויט פערגאָסענע גאַסען און דעם מאַרק, וואו עס פלעגען טרעטען די שעהנסטע בעלי־בתים מיט פערקאַ־שערטע פאָלעס, אונטערברומענדיג:

— נגנגנו א בלאָטע, זאָל מען בעהיט ווערען!... אודאי גע־פעלט זיי ניט — פלעגט ער דעמאָלט טראַכטען, זיי קענען לע־בען אָהן איהר, און פאר מיר אַרט זיי דען?...

און אז איינער פון זיינע קונדען, קומענדיג צו איהם, פלעגט זיך אמאָל קלאָגען, אז פון דער בלאָטע איז שוין ניט אויסצו־האַלטען, גאָט וואָלט שוין עפּעס רחמנות האָבען עס זאָל טרוקען ווערען, פלעגט דאַמאָלס אברהם ווערען מלא כעס; בעוויזען דעם כעס האָט ער ניט געקענט, נאָר דעם „קונד" האָט ער שוין געקנס'ט מיט א צווייער העכער אויף יעדער לאַטע, טראַכטענדיג ביי זיך:

— רעד ניט קיין נאַרישקייט!...

---

איינמאָל אין מיטען זומער — עס איז נאָך געווען א שטיק צייט צו אברהם'ס „לאַטעס־סעזאָן", איז ער דורכגעגאַנגען דעם מאַרק און האָט דערזעהן א גרויסע קופּע שטיינער ליעגט סאַמע אין מיטען מאַרק. איהם איז די זאַך קשה געוואָרען. וואָס זאָל עס בעדייטען? און ער איז צוגעגאַנגען צו א קרעמער פרעגען: אויף וואָס דאַרף מען אזוי פיעל שטיינער?

— אזוי פיעל? — האָט נאָכגעקרימט איראָנישׂ דער קרעמער — דאָס איז ביי אייך אויך א פולע? ! וואַרט נאָר, וועט איהר זעהען ווי עס וועט זיין צעהנמאָל אזוי פיעל, הונדערט מאָל אזוי פיעל.

— אָבער אויף וואָס דאַרף מען אזוי פיעל שטיינער? — האָט זיך אברהם נאָך מעהר געוואונדערט.

— איהר זענט א היעגער צי ניט? האָט דער קרעמער גע־כעסט, — איהר ווייסט דען ניט, אז מען וועט אין גיכען ברוקי־

רען דאָס שטעדטעל, לכתחילה דעם מאַרק, נאָכדעם די גאַסען.

— ברוקירען... ברוקירען?... וואָס הייסט ברוקירען? — האָט אברהם זיך אָנגעהויבען קראַצען אין פּאָטיליצע, ווי ער וואָלט זיך וועלען דערמאָנען עפּעס אַ שרעקליכע זאַך.

— מען זאָגט טאַקי סטאַאַריי יאַק מאַליי! האָט דער קרע־מער געשמייכעלט — וואָס פערשטעהט איהר דאָ ניט? מען וועט אויסברוקירען דאָס שטעדטעל מיט אַט די שטיינער אַט — עס זאָל מעהר קיין בלאָטע ניט זיין.

מעהר קיין פּירושים האָט שוין אברהם ניט געדאַרפט. די לעצטע ווערטער: עס זאָל מעהר קיין בלאָטע ניט זיין, האָבען איהם ווי אַ דונער געטראָפען.

דאָך אין גאַנצען האָט עס דאָס ניט פערשטאַנען און גע־הענדיג צוריק אהיים, ווי אַ דערשלאָגענער, האָט ער צו זיך אליין גערעדט, מאַכענדיג מיט די הענד: וואָס הייסט עס זאָל מעהר קיין בלאָטע ניט זיין? קען דאָס זיין, דאָס שטעדטעל זאָל פּלוצים אויסגעטריקענט ווערען?...

ער האָט זיך אָבער דערמאָנט, וואָס איינער, אַ קונד זיי־נער, האָט איהם אַמאָל דערצעהלט, אַז עס זיינען פאַרהאַן אין דער וועלט „אַזעלכע גרויסע שטעדט, וואָס זיינען געברוקירט און דאָרטען איז שטענדיג טרוקען", — ער איז אַריינגעקומען אין שטוב, ווי צומישט.

— אוים בלאָטע! — האָט ער געברומט, — מען דאַרף שוין מיך נישט!

זיין „אַלטע" פּעשע האָט נישט פערשטאַנען, וואָס ער רעדט און האָט געמיינט, אַז ער איז משוגע געוואָרען.

— וואָס שרייסטו? — האָט זי זיך געבייזערט — וועלכע בלאָטע? אין מיטען זומער ווילסטו בלאָטע, קאַרג איז דיר דען אַסיען.

— הערסט דאָך! די גזלנים ווילען, אַז אין אָסיען זאָל אויך

קיין בלאַטע ניט זיין, פערשטעהסט? ! זיין ווילען אונז זעצען צו דער עלטער אָהן ברויט.

— וועלכע גזלנים, וואָס פּלוידערסטו? — האָט זיך שוין פּעשע דערשראָקען אויף איין אמת.

אברהם האָט אליין ניט געוואוסט ווער זיינען דאָס די גזלנים, נאָר זיין כעס האָט אין איהם געברענט און ער האָט אויסגעלאָזט איילענדיג:

— „זיי" געפעלט ניט די בלאָטע! פערשטעהסט? גרויסע פּריצים זיינען זיי! זיי גלייכען זיך אויף צו די גרויסע שטעדט און האָבען זיך מישב געווען ברוקירען די גאַסען, וואָס זאָגסטו צו זייערע יאָהרען?

— א קויל איז מיר געשעהן — האָט פּעשע פערבראָכען מיט די הענד — מיר זיינען דאך אונגליקליך. פון וואנען וועלען מיר איצט לעבען?

— געה, פּרעג דיך ביי זיי! — האָט ער מיט גאַל געענט־פערט. זיי אַרט דען עפּעס פאר אונז? דו מיינסט! אז גאַנץ שטעדטעל טראגט מיר פון נאָך סכות אן ארבייט פאר רחמנות אויף מיר? אז זיי ווילען קענען זיך קענען בעגעהן אָהן מיר ווילען „זיי" אודאי זיין צופריעדען, די גזלנים!

— און דו רעכענסט, אז מען וועט שוין גאָרניט רייסען די שיך? — האָט פּעשע געפּרעגט מיט א מאַן, אין וועלכען עס איז נאָך געלעגען א שטיקעל האָפנונג.

— בהמה! רייסען וועט מען רייסען. אויף ברוק רייסט זיך אויך, אבער ניט אזוי ווי פריהער, אויף שטיין טרעט זיך אָב נאָר די פּאָדעשווע אליין און אין בלאָטע אבער ווערט צעפוילט דער לעדער און דאָס איז ביי מיר דער עיקר...

* * *

אַלע טאג פלעגט אברהם ארויסגעהן אויפ'ן מארק זעהן וואָס הערט זיך עפּעס מכח דעם ברוק, און גלייך מיט דער קופּע שטיי־

נער, פלעגט וואקסען זיין וואונד אין הארץ, און ער איז אומגע־גאנגען ווי א קראנקער.

דאָך האָט ער געהאָפט, אז ניט אזוי גיך וועט מען ברוקי־רען. והא ראיה, ער געדענקט, אז צו דער באָד האָט מען אויך אזוי אמאָל אנגעהויבען פיהרען שטיינער און ציגעל און אלע טאָג דאכט זיך, פלעגט מען אנהויבען צו מויערען, פון דעסטוועגען האָט זיך עס געצויגען שעהנע עטליכע יאָהר. און ער פלעגט זיך טרייסטען, אז דער ברוק וועט נאָך אויך געדויערען ביז זיין לעצ־טען טאָג....

נאָר זיין האָפנונג איז געווען אומזיסט!

אין דעם זעלבען זומער, אין א שעהנעם פריה־מארגען דורכגעהענדיג דעם מארק, האָט ער דערזעהן אין מיטען שטעהט א רעדיל מענשען. דאָס הארץ האָט איהם ווי געזאָגט, דאָס איז ניט צו גוטען. ער האָט זיך דורכגעשטופט דורכ'ן רעדיל און הענד און פיס האָבען איהם אנגעהויבען צו טרייסלען: ער האָט דערזעהן קאצאפעס שטעהען מיט גרויסע האמערס און די הענד און צוקלאפען די שטיינער, אזש עס הילכט אין דער לופט. דער ארומיגער עולם שטעהט און פרעהט זיך:

— איצט וועט זיין א לעבען! — זאָגט איינער.

— שייך א לעבען! — האלט אונטער א צווייטער. א ווערטעלע צו זאָגען: פטור ווערען פון דער בלאָטע!

איינער פון רעדעל, א שטעדטעל'שער לץ, האָט בעמערקט אברהם'ן שטעהענדיג און האָט אנגעהויבען טרייבען שפאס מיט איהם:

— איהר זעהט ר' אברהם וואָס מען טהוט? איהר ווייסט, אז אייך וועט עס זיין א היזק צו דער פרנסה!

— א סמיכת הפרשה! — האָט זיך אברהם געמאכט בלומר'שט ניט פערשטעהענדיג. וואָס געהערט דער ברוק צו מיין ארבייט?

— עס האָט א גרויסע שייכות! — האָט דער לץ נישט

אויפגעהערט צו שפּאסען: — אין דער טריקעניש וועלען זיך ביי אונז די שטיוועל אזוי ניט רייסען און איהר וועט האָבען וועני־גער לאטעס צו לעגען.

— וועט ער געהען נייע שטיוועל! — האָט זיך געפונען צווישען חברה נאָך א לץ.

— קיין נייע קען ער נעביך נים, ווי קומט ער דערצו, דאָס איז א געבוירענער לאטוטניק.

— נישקשה, ער וועט זיך אויסלערנען! ער האָט א גרויסען שטערען.

אלע האָבען געלאכט.

דאָ האָט זיך שוין אברהם ניט געקענט איינהאלטען. מען האָט איהם אָנגעגריפען אין ביין אריין און ער האָט זיין גאל ארויסגעגאָסען:

— ליידאקעס, וואָס מיינט א י ה ר אייך? איהר וועט די וועלט איבערמאכען?! אזוי לאנג קרענקט איהר, ווי לאנג עס וועט נאָך זיין בלאָטע, איהר וועט נאָך אָנקומען צו מיר מיט אייערע צעפוילטע שטיוועל פעריכטען, די הויט וועל איך פון אייך דאמאָלס שינדען, די הויט!...

— הוררא! האָט עפּעס איינער א יונגאַץ אויסגעשריען, און דער צופריעדענער עולם פון ברוק האָט פרעהליך אונטער־געהאלטען און דער לץ האָט געשריגען העכער פאר אלעמען.

— ר' אברהם! אוים בלאָטע! עס וועט ניט זיין מעהר קיין בלאָטע, אוים בלאָטע!... הוררא!

---

אין דעם קומענדען אָסיען איז דער ברוק נאָך ניט פערטיג געוואָרען, די בלאָטע איז געוועזען די זעלבע, נאָר אברהם'ן איז שוין ניט בעשערט געוועזען קלייבען נחת פון איהר און פערדינענען צעהנערלעך: די לעצטע מצענע אויפ'ן מארק האָט אויף איהם זעהר שלעכט געווירקט, ער איז נאָך דעם ארומגעגאנגען א פּאָר

וואכען א קראנקער. האט זיך אוועק געלעגט אין בעט און איז געשטארבען.

די וואס זיינען געווען ביי זיין יציאת נשמה, האבען לא־כענדיג דערצעהלט, אז זיינע לעצטע ווערטער זיינען געווען:

— גזלנים! אוים בלאטע!...

דערפאר אבער אין א יאהר נאך זיין טויט איז דער ברוס פארטיג געווארען און פעשע, וועלכע האט עם דערלעבט צו זעהן, פלעגט שטענדיג בעדויערען איהר אלטען בזה הלשון:

— אברהם, אברהם! אז דו וואלסט איצטער אויפגעשטא־נען פון קבר, וואלסט א קוק טהאן וואס פון דער בלאטע איז גע־ווארען, וואלסטו נאך א מאל געשטארבען....

# אריה־לייזערס פערד

עס איז געווען אין יענע צייטען, ווען בראנפען איז געווען א אידישע פרנסה, ניט נאָר „שענקען" האָבען אידען געמענט, נאָר אפילו „טרייבען" בראנפען איז געווען א כשר'ע זאך.

דעמאָלט האָט מאיר טעמקין, א איד א גביר, אויפגעשטעלט א גרויסע ברויי־הויז, העט הינטערען שטעדטעל, וואו דאָס קליינע, שמאָלע טייכעלע האָט רוהיג געפלאָסען.

פון'ם טייכעלע איז גלייך געוואָרען א תל. וואסער מיט בראנפען האָבען ניט געקענט הויזען. דאָס וואסער איז געוואָרען מוטנע, געדיכט און האָט בעקומען א פנים פון אן אראָבגעוואָרפענעם גבאי...

אָבער דאָס שטעדטעלע איז דערפאר פרעהליך געוואָרען און האָט אויפגעלעבט. ערשטענס, האָט דאָס ברויי־הויז א פיערפינף מאָל א טאָג געפייפט, געהודזשיעט און געקלונגען, און כּמעט געפרעהט האָבען זיך דערמיט בלויז די קליינע קינדער און חדר־אינגלעך, האָבען אבער אויך דערפון הנאה געהאט די גרויסע אידען מיט לאנגע בערד און האָבען זיך געוויצעלט:

— וואָס זאָגט איהר ווי עס פייפט! פונקט ווי אין א כרך!

— איך האָב מורא אז עס וועט אונז צום סוף אלעמען אנפייפען.

די ווייבער ווידער זיינען געווען צופריעדען מיט דעם פייפען, הודזשיען און קלינגען דערפאר, ווייל זיי האָבען די דאָזיגע קולות אויסגעניצט פאר א זייגער, וועלכען ניט יעדע

שטעדטעלשע הויז האָט פערמעגט. געפייפט האָט עס צוועלף אזייגער, געקלונגען זעקס און געהודזשיעט אכט א זייגער. די ווייבער האָבען ביי די דאָזיגע צייט־סימפּטאָמען גערוקט טשאָ־לענט, פער׳חתם׳עט די אויוועז און געבענשט ליכט...

צווייטענס, האָט דאָס שטעדטעלע אויפגעלעבט, ווייל ארום ברוי־הויז האָבען געארבייט א מעכאניק, א פּאָד־מעכאַ־ניק, א ווייגער און א מאשיניסט, — א חברה וואָס מען האָט אראָבגעבראכט מיט זייערע ווייבער און קינדער פון גרויסע שטעדט און געלעבט האָבען זיי ווי די גראפען. אלע טאָג האָבען זיי געקויפט פלייש, געגעסען אין מיטען וואָך ווייצענס און האָ־בען געגעבען צו לייזען „גאָלד“...

דערצו האָט דאָס ברוי־הויז געפּאָדערט א גאנצע צאָהל אקציזניקעס. אמת, מאיר טעמקין איז געווען א איד אויף וועל־כען מען האָט זיך געקענט פערלאָזען. אבער די מלוכה געטרויט קיינעם ניט און די דאָזיגע אקציזניקעס האָבען די ערשטע צייט שטארק געהיט און געצעהלט די „גראדען“ פון די בראנפען מיט גרויס איבערגעבענהייט. שפּעטער אָבער, אז זיי האָבען א־פּנים זיך איבערצייגט, אז מאיר טעמקין איז א איד, וועלכען מען קען געטרויען, אז ער וועט דעם בראנפען ניט פאלשעווען, האָבען זיי שוין גאנצענע טעג ארומגעשפּאצירט איבער׳ן שטע־טעל, געמאכט חוזק פון עלטערע אידען מיט צופלאָכטענע בערד, דערפאר אבער האָבען זיי מיט די מיידלעך זיך בעגאנגען „וועזש־ליווא“, און ניט איין שטעדטעלשע מיידעל האָט ביינאכט אין חלום געזעהען א הויכען, שלאנקען אקציזניק מיט גאָלדענע קנעפּ און מיט בלאָנדע, שעהנע וואָנסעס...

און ווער ווייס צי נאָר אין חלום אליין?

און עס האָט זיך טאקע שפּעטער ארויסגעוויזען, אז ציפּ־קעלע משה־חיים דעם בעקער׳ס האָט געהאלטען מיט אן אקציז־ניק אזוי ווייט, אז זי האָט שפּעטער געמוזט פאָהרען צו איהרער א מוהמען אין דער גובערניע אויף א פּאָר מאָנאט צו גאַסט... כאָטש

נאָהענטע מענשען האָבען געוואוסט, אז חיים־משה דער בעקער האָט זיין גאנצע משפּחה אין שטעדטעל, און די מארק־ווייבער, וואָס האָבען אין מיטען וואָך געהאט געגוג צייט, האָבען דעם דאָזיגען ענין ארומגערעדט פון אלע זייטען. מען האָט זיך גע־סוד'עט, ארויסגעשפּרונגען אלע ווילע מיט א געלעכטער און כדי יוצא־זיין אויף פאר גאָט — פון צייט צו צייט אונטערגע־זיפצט אויף אזא מעשה רע...

אָבער פרעהליך איז געווען.

דריטענס, האָט מען זיך געכאפּט, אז דאָס ברוי־הויז, וואָס טרייבט בראָנפען בלויז פאר גוים און וואָס יעדעם גלעזעל קאָסט אזוי טייער, — ארבייט ארוים פון זיך אזא מין פּסולת, וואָס, אז מען גיעט עס טרינקען די קיה, ווערען זיי פעט און גיעבען מילך צוויימאָל אזוי פיעל... און דאָס דאָזיגע פּסולת מיט דעם נאָמען „ברייע", גיסט מען פשוט אין טייך...

האָבען זיך די באַלעבאַסטעס, וואָס האָבען געהאט בהמות, אנגעכאפּט אָן די דאָזיגע ברייע ווי אָן א קוואל פון אייביגען לע־בען, ווענען וועלכען עס דערצעהלט זיך אין טייטש־חומש...

און די ווייבער וואָס האָבען געשפּייזט זייערע קיה מיט די דאָזיגע ברייע האָבען דערצעהלט וואונדער: די קיה זיינען געוואָרען דאָפּעלט דיק, פון מעהר מילך געבען איז שוין אָבגע־רעדט, דאָס האָט ניט יעדע באַלעבאַסטע גערען דערצעהלט: עין־הרע איז שולט אין א בהמה פּונקט ווי אין א מענשען, להבדיל, און ס'איז א סברא, אז נאָך מעהר ווי אין א מענשען. נאָר האָט מען דען בעשיינפּערליך ניט געזעהען, אז ביי די קיה, וואָס ווערען געשפּייזט מיט די ברייע, וואַקסט די אייטער פון טאָג צו טאָג! מען קען דאָך די אויגען ניט צומאכען!

איז אבער א שטערעניש, וואָס דאָס ברוי־הויז געפינט זיך א מהלך ווענס. עס איז ניט אזוי לייכט יעדען טאָג צו געהן מיט צוויי עמער און א קאראָמיסלע אויף די פּלייצעס נאָך דער דאָ־זיגער ברייע. די ברייע איז גערינכט און וועגט אהן א שיעור.

דערצו איז דאָס טאַקי ניט שעהן צושלעפּען זיך איבער אַלע גאַסען מיט אַ קאַראַמיסלע אויף די אַקסלען... אַזוינס האָבען זיך ערלויבט די אָרימע באַלעבאַסטעס, איז דאָס אָדער גאַנץ פריה אָדער גאַנץ שפּעט, ווען עס איז געווען פינסטערלעך.

ביז עס האָט דערפון ערפאַהרען אריה־לייזער דער שינדער..

---

אריה־לייזער מיט זיינע צוויי בנים האָט געוואוינט ערגעץ אין עק שטעדטעל, אין אַ גוי׳עשע „כאַלופּקע", וואָס האָט אויך פערמאָגט אַ שטאַל. מיט זיין פּרנסה האָט ער זיך ניט גע־שעהמט, אָבער צופריעדען פון איהר איז ער ניט געווען. ער אַליין האָט זיך געהאַלטען פאַר אַ פערד־הענדלער, אָבער אין שטעדטעל האָט מען איהם גערופען „דער שינדער". אין אמת׳ן איז אין דעם פאַל דאָס שטעדטעל גערעכט געווען. אריה־לייזער איז געווען מעהר שינדער ווי פערד־הענדלער. אמת, געקויפט האָט ער פערד, אָבער געקויפט האָט ער זיי צוליעב די פעל... דער טייערסטער פּרייז, וואָס אריה־לייב האָט געצאָהלט פאַר אַ פערד, איז געווען אַ דריי־רובלדיגע. דאָס זיינען געווען פערד — זקנים, בלינדע, הינקעדיגע, וואָס האָבען געהאַט צו דערלעבען זייערע לעצטע טעג און אַמאָל זייערע לעצטע שעה׳ן, און אַט דאַמאָלס פלעגט דער פויער צו דער בעל־הגוף זיי פערקויפען אריה־לייזער׳ן.

דער מסחר פלעגט צוגעהן אויף אַזאַ׳ן אופן:

— אריה־לייזער — קלאַפּט איהם אַ פויער אין קליין פענסטעריל פון זיין שטיבעלע — איך האָב פאַר דיר אַ פעל...

אריה־לייזער געהט פויל אַרויס פון שטיבעל, נאָך איהם די צוויי בנים, יאַשקע און פיישע, אַלע דריי מיט פערכמורעטע געזיכטער, וואָס קוקען אַרויס אונטער די גרויסע ווינטערדיגע היטלען, וואָס זיי טראָגען אין אַלע צייטען פון יאָהר. זיי גיעבען זיך אַלע דריי, ווי לויט אַ קאָמאַנדע, אַ קראַץ מיט זייערע שווע־רע נופים, איינגעהילטע אין וואַטאָווע מלבושים, און נעהמען זיך

צו בעטראכטען דאָס בעשעפעניש, וואָס שטעהט נאָך דערוויילעבעדיג און איז גלייכגילטיג צו דער גאנצער וועלט...

— איז וואָס ווערסטו ווילען, פאכאָם, פאר דער דאָזיגער פעל? פרעגט אריה־לייזער, בעקוקענדיג דאָס פערד וואָס זיין פעל איז איבעריגענס שטארק צופליקט.

דאָס אלטע, קראנקע פערד לעגט זיך דערווייל אנידער אויף דער ערד און כאפט א דרימעל. עס איז מיעד. א לעבען אבגעארבייט אויף פעלדער, געאַקערט, געזייהט, געשלעפט די תבואות אין די שייערען — עס איז מיעד. ליעגט עס און רוהט זיך אויס נעבען אריה־לייזער'ס שטיבעל.

און אריה־לייזער לאָזט עס ליעגען. ליעגענדיגערהייט קען ער די פעל בעסער בעטראכטען. ער מעסט זי, טאפט זי. די זיהן העלפען איהם און ענדליך ווערט מען מושוה — דריי רובל . . .

און אויף אזא אופן קלייבט זיך אָן אמאָל ביי אריה־לייזער'ן אין שטאל, ביי א זעקס פערד און דערלעבען דאָרט די לעצטע טעג, שעה'ן און מינוטען.

ביז אריה־לייזער מיט די בנים טהוען זיי זייער רעכט...

אָפטמאָל דאכט זיך אריה־לייזער'ן, אז א פערדיל קוקט איהם אריין מיט א פראגע אין די אויגען : ווען ? . . .

און אמאָל בעמערקט אריה־לייזער, אז דאָס פערד קען נאָך לעבען ביי א האלב יאָהר און ברענגען נוצען. דעמאָלט רופט ער ישראל־בער דעם בעל־העגלה און פערקויפט איהם פאר א פינפעריל, דערביי נעהמט ער אבער אויס א תנאי :

— ישראל־בער, ווי באלד דאָס פערד ווערט האלטען ביים טויט — ברענגט איהם צוריק צו מיר. מיר וועלען שוין מושוה ווערען . . .

---

אָבער אז דער „קאָך“ פון די „ברייע“ איז דערגאנגען צו אריה־לייזער'ן, האָט ער בעשלאָסען זיינע צום טויט פער־

משפט'ע פערד, אויסנוצען פאר א נייער פרנסה . . .

ער האט גלייך פעריכט דאס וואגנדעל, וואס ביי איהם האט זיך אין שטאל ארומגעוואלגערט, צוגעמאכט צו איהם אזא מין שטאנג צו וועלכען מען זאל קענען וואס מעהר פערד שפאנען האט געקויפט א פאס מיט אן עמער און אין א העלען פריה־מארגען האט זיך איבער די שטעדטעלשע גאסען בעוויזען אריה־לייזער זיצענדיג אויף זיין וואגען, געשפאנט אין דער ברייט מיט זעקס פערד, פון ביידע זייטען זענען נאכגעגאנגען זיינע צוויי בנים און האבען הילכיג אויסגעשריען:

— ברייע! ברייע! ברייע!

זיינען די ווייבער ארויסגעלאפען מיט עמערס, די קינדער נאך זיי און ארום אריה־לייזער'ס וואגען האבען זיך אויסגעשטעלט א גאנצע רייהע מיט ווייבער, קינדער און עלטערע אידען, און האבען מיט גרויס דרך־ארץ בעטראכט דעם נייעם עושר פון שטעדטעל, אריה־לייזער שינדער, וואס קען זיך ערלויבען ארויספאהרען אין א זעקס־פערדיגען שפאן . . . און די ווייבער האבען דערפאר געצאהלט ניט געדונגענערהייט א צעהנעריל פאר יעדען עמער ברייע, וואס אריה־לייזער האט זיי צוגעשטעלט . . .

צופריעדענגעשטעלט די גאס ווייבער, וואס האבען בהמות פערמאגט, האט אריה־לייזער א שמיץ געטהאן די זעקס נאך לעבעדיגע פערדלעך און זיך געריהרט ווייטער . . .

אין דער צווייטער גאס אבער האט שוין אריה־לייזער פערמאגט בלויז פינף פערד. דאס עלסטע פערד איז געפאלען ביים בארג . . .

האבען איהם די זיהן די אויסגעשפאנט און מיט גרויס מיה אוועקגעפיהרט אהיים, קוים א לעבעדיגען.

אין דער דריטער גאס איז אנידערגעפאלען א צווייט פערד. איז שוין אריה־לייזער געווארען אביסעל געפאלען ביי זיך. פיער פערד איז ניט זעקס און ער האט געמוזט בכבודו

ובעצמו אראבקריכען פון פאס, וואו ער איז געזעסען ווי א שררה, און זיך נעהמען שטופען דעם וואגען.

דערווייל זיינען אנגעקומען די צוויי בנים און צוגענומען דאס צווייטע אנידערגעפאלענע פערד...

אזוי האט עס פאסירט יעדען טאג. ארויסגעפאהרען מיט זעקס און געקומען אהיים צוריק מיט פיער, אמאל מיט דריי, זעלטען מיט פינף און קיינמאל ניט מיט אלע זעקס. אבער א דאנק דער דאזיגער ניצליכקייט, וואס ער האט בעקומען פון די פערד, וואס זענען געווען פער'משפט צו געטויטעט ווערען, האט זיך ענדליך ביי אריה-לייזער'ן ענטוויקעלט א געפיהל פון ליעבע צו זיי.

צו די אנידערגעפאלע פערד פלעגט ער רופען אמאל זיין גוי־עשען שכן, אנטאן, וועלכער איז געווען א גרויסער מומחה. און ניט זעלטען האט איהם געלונגען צו פערלענגערען די טעג פון דעם דאזיגען פער'משפט'ן מין . . .

די געזינטערע פלעגט ער שפייזען פון דער פולער האנד מיט היי. ביי א בעסערען פרנסה־טאג האט ער אפילו געקויפט פאר זיי א טעפעל האבער און ער האט געקוקט מיט הנאה ווי די אויסגעדארטע, פערמוטשעטע פערד כראמטשקען מיט די עטליכע איבערגעבליבענע צייהן און קוקען איהם מיט ברייט־געעפענטע פייכטע אויגען, פול מיט דאנקבארקייט . . .

דאמאלט פלעגט ער דאס פערדעל א גלעט טהאן און פער־שפרעכען איהם אויף שטום־לשון, צו האלטען איהם אזוי לאנג, ווי גאט אליין וועט וועלען . . . .

ער איז איהם שוין מוחל די פעל... זאל בעסער דאס פערד זי אליין טראגען געזונטערהייט. . .

און אז עס אריבער א שטיק צייט און אריה-לייזער האט אבגעשפארט עטליכע רובל פון דעם ברייען־פיהרען, האט ער בעקומען א השגה צו קויפען ניט נאר די פעל פון די פערד, נאר טאקי אן עבט פערד.

א שאַד נאַר, וואָס אין שטאַל געפינען זיך ביי איהם נאָך פיער פערד, וואָס ער האָט געקויפט בלויז פאַר דער פעל . . . זיי האָבען איהם אזוי געטריי געדיענט, אז ער וועט שוין ניט האָבען קיין הארץ צו בענוצען זיך מיט זייער פעל . . . ווען ער וואָלט די פיער פערד געקענט פערקויפען פאַר צוועלף קער־בליך ; אָבנעהמען, הייסט עס דעם קרן און דערלעגען נאָך א צעהנרובעלדינע, — קען ער קויפען א יונג־פערדיל און האָ־דעווען עס . . .

פון אזא פערד וואָלט ער איצט, אויף זיין עלטערע יאָהרען נחת געהאט . . .

— שוין גענוג מיט אלטווארג ! האָט ער פעסט בעשלאָ־סען . . .

# דער העברעאישער לעהרער.

אז עס זיינען דא אויף דער וועלט גבירים, האט יעקב־ליב אלע מאל געוואוסט און דערין קיינמאל ניט געצווייפעלט. אפילו ווען ער איז נאך געווען א בחור'ל אין דער היים, אין דעם ארימען שטעדטעלע האט זיך שוין דאמאלס צווישען די ארימע און דערשלאגענע איינוואוינער געפונען א איד, וואס האט געוואוינט אבגעזונדערט פון אלע, ערגיץ העט ווייט, אזש נעבען דער פאסט, אין דעם פריסטאוו'ס הויז. דארטען וואו די בוימער הויבען זיך אז און וואו עס געפינען זיך די ארומגעצוימטע די הויפען מיט די גערטענדלעך און בלומען . . .

וואס אזוינס ביים גביר אין הויז קומט פאר, האט ער ניט געוואוסט. געהענדיג אמאל אין יענער גאס שבת שפאצירען מיט חברים, פלעגט ער אפילו זיין א בעלן ארייננקוקען אין איינע פון די פענסטער פון דעם גביר'ס הויז, כדי צו כאפען בלויז דעם שניט... אבער די גארדינען, כאטש מיט לעכלעך, פלעגען אלץ פערשטעלען און פאר יעקב־ליב'ן איז געבליבען דאס אינוועניגסטע פון הויז א סוד, א רעטעניש.

אבער געוואוסט האט יעקב־ליב נאך אפילו דעמאלט, אז דער דאזיגער גביר, וואס וואוינט ביי זיי אין שטעדטעל איז ניט פון די אמת'ע גרויסע גבירים. אין די גרויסע שטעדט ערשט דארטען זיינען זיי דא אין די צעהנדליגע און זייערע וואוינונגען פערנעהמען אן אויג !

אבער יעקב־ליב האט קיינמאָל ניט געטראַכט אַמאָל זוכה זיין צו געפינען זיך אין אַזוינע הייזער און זעהען ווי אַזוי געהט דאָרטען צו. אבער צו שמועסען וועגען גבירים און גביר'ישע הייזער האט ער אַלע מאָל געהאַט אַ שוואַכקייט. ער פלעגט שטענדיג איבערשפּאַרען זיינע חברים, וועלכע פלעגען אַמאָל פערקאָרגען אין צימערען אין די גביר'ישע הייזער. אַליין האָט יעקב־ליב געוואוסט פון דריי חדרים'לעך, וואָס זיין טאַטענס וואוינונג האַט פערנומען: אַ פאַרהייזעל פון ברעטער צונויפ־געשלאָגען, אַ קיך און אַ פינסטערער חדר, וואו מען פלעגט אַלע צוזאַמען שלאָפען; אבער די גביר'ישע הייזער האָט ער איינגע־טיילט אין גאַנצע פיער־און־צוואַנציג חדרים. פון דער דאַזיגער צאָהל פלעגט ער ניט וועלען אפילו קיין איינציגען חדר אַראָב־לאָזען.

— ווי אַזוי, אדרבא, זיינען דאָ פיער־און־צוואַנציג? — פלעגט אַ חבר אַן עקשן זיך ניט לאָזען איינשמועסען.

און יעקב־ליב פלעגט נעהמען מאַכען דעם חשבון:

— אַ זאַל איז איינס... אַ קאַבינעט צו שלאָפען איז צוויי... אַ קאַבינעט צו שפּיעלען פּיאַנאָ איז דריי... אַ קאַבינעט צו עסען איז פיער... אַ קאַבינעט פאַר געסט איז פינף...

— נו, וואו זיינען נאָך? — פלעגט אַ חבר מאַהנען מיט אַן איראָנישען שמייכעלע.

— וואַרט, וואַרט! — פלעגט יעקב־ליב צוקאַכט ווערען — אַט באַלד האָסטו נאָך...

און ער פלעגט פערקנייטשען דעם שטערען און זיך דער־מאַהנען אָן די איבעריגע נויטיגע צימערען, אָדער ווי ער פלעגט זיי רופען מיט גדלות — קאַבינעטען...

— אַ קאַבינעט פאַר טיי טרינקען...

— טיי טרינקט מען וואו מען עסט! — שפּאַרט זיך אַ חבר...

— אַ סך ווייסטו — לאַכט איהם אויס יעקב־ליב — פאַר

טיי איז דאָ א בעזונדער קאבינעט...

— נו, זאָל זיין פאר טיי אויך בעזונדער — גיט נאָך דער חבר — אָבער פיער־און־צוואנציג צימערען... וואו זיינען די איבעריגע? ווייז אהער די איבעריגע!

און יעקב־ליב פלעגט זיך ברעכען דעם קאָפּ, פאר וואָס און פאר וועמען נוצט מען אויס די איבעריגע צימערען, און ער האָט געטיילט צימערען פון דער פולער האנד. דעם גביר אליין דריי צימערען, דער גביר׳טע דריי און פאר יעדער גביר׳יש קינד האָט ער אבגעגעבען צוויי...

און נאָכ׳ן חשבון האָט זיך פערביי דעם אינגעל יעקב־ליב׳ס אויגען געטראגען א גרויס גביריש הויז מיט פיער־און־צוואנציג ליכטיגע, גרויסע און רייך־מעבלירטע צימערען...

און זיין פּנים האָט געשטראהלט פאר גליק!

---

ערשט מיט יאָהרען שפּעטער, אז יעקב ליב האָט זיך אי־בערגעצויגען אין א גרויסער שטאָדט, וואו ער האָט שוין געהאט א ווייב מיט עטליכע קינדער, און האָט זיך גענומען צו געבען העברעאישע לעקציעס, האָט ער ערפאהרען, וואָס איז אזוינס א גביר׳ישע הויז....

אליין האָט ער געוואוינט אין א אידישער אָרימער גאס. זיינע צימערן איבערצוצעהלען איז ניט געווען שווער. א פינס־טערען חדר צום שלאָפען, וואָס זיין טאַטענ׳ס דירה האָט פער־מעגט, האָט אויך פערמעגט זיין איצטיגע דירה, פונקט ווי עס וואָלט איהם איבערגעגאנגען בירושה, אבער דערפאר האָט יעקב ליב, אלס העברעאישער לעהרער, געהאט די געלעגענהייט יע־דען טאָג אנצוקוקען עטליכע גבירה׳שע הייזער, מיט א סך גרוי־סע און ליכטיגע צימערן.

עפענען די טהיר פלעגען איהם דאָס רוב די דיענסטמייד־לעך. דאָס זיינען געווען שעהנע, שלאנקע מיידלעך מיט בויגזאמע קערפּערס און מיט קלוגע, שמייכלענדיגע אויגען, און מיט שעה־

נע פריזירטע קעפּ. יעדעם מאָל, בעגעגענדיג זיך מיט זייערע בליקען, פלעגט יעקב ליב פיהלען זיך ווי פערלאָרען, און יעדעס מאָל פלעגט איהם דאָס דיענסטמיידעל מיט א פריינדליכען שמייכעלע דערמאָנען אויסצוטאָן דעם אויבערמאַנטעל און אויפ־העגגען אָט־דאָ־אָ, אָנווייזענדיג אויף די הענג־שטעקלעך אין דער וואנד פון דעם לאנגען קאָרידאָר.

אויפהענגענדיג דעם מאַנטעל פלעגט ער זיך סטאַרען וואָס ווייטער פון די איבעריגע מלבושים... איהם פלעגט זיך דאכטען, אז זיין מאנטעל האָט ניט די ווערטה צו הענגען צווישען די אי־בריגע געהויבענע מאנטלען וואָרפענדיג א בליק אויפ׳ן אויפגע־האנגענעם מאנטעל זיינעם, פלעגט זיך איהם דאכטען, אז ער האָט צו איהם פּרעטענזיעס: אלמאי האָט ער איהם בעסער ניט פערשטופּט ערגעץ אין א ווינקעל ביחידות...

לאָזענדיג זיך געהען צום שילער׳ס צימער, פלעגט ער כאַ־פּען א בליק אין די אָפענע טהירען, וואָס האָבען געפיהרט אין פערשיעדענע צימערן, זאַלען און קאבינעטען... אין אלע צימערן האָט געהערשט א שטילקייט פון אנדער וועלט, און דערזעהענדיג זיין פּנים אין די שפּיגלען, וועלכע האָבען זיך געפונען אויף זיין דורכגאנג, פלעגט זיך איהם דאכטען, אז ער איז דאָ א פרעמדער, א פערבלאָנזשעטער....

אבער אריינקומענדיג אין שילער׳ס צימער, פלעגט ער זיך בערוהיגען. אויפ׳ן ווייכען שטוהל איז שוין געזעסען דאָס געלאָקטע קינד מיט דעם ביכעל אָפען און געוואַרט מיט רעס־פּעקט אויפ׳ן לעהרער. יעקב ליב זעצט זיך פאָרזיכטיג אוועק אויפ׳ן צווייטען ווייכען שטוהל, ציהט אָן א ערנסט שטרענגען פּנים, וואָס דאָס קומט איהם אָן ניט לייכט אין דער געגענוואַרט פון׳ם שעהנעם, רייכען קינד און אין שעהנעם רייכען צימער, און ער נעהמט זיך צום לערנען...

די מוטערס קומען אָפט אריין אין דער צייט פון לעקציע. דאָס זייגען שעהנע פרויען, מיט ליכטיגע געזיכטער, מיט ענט־

בלויזטע העלזער, מיט קלינגענע אנגענעהמע שטימען... יעקב ליב שטעלט זיך אויף פאר דער מוטער...

— אך, ביטע זיצט... זיצט... נו, ער וועט קענען?

— אַ, יא... יא... א וואויל קינד... א פייערדיג קעפעל — שמייכעלט יעקב ליב.

די מוטער צולאכט זיך גוטמוטהיג פון'ם וואָרט „א פייער־דיג קעפעל", און כדי צו פערגלעטען איהר פעהלער, רופט זי זיך אָן:

— נאָך דער לעקציע, הערר לעהרער, וועט איהר אריין איז זאל וועלען מיר טרינקען טהעע...

יעקב ליב ווערט בלאס און רויט... ער שטאמעלט אויס א דאנק, און וויל ווייזען, אז ער לערנט גוט, אז ער איז ניט פון די לעהרער, וואָס נעהמען געלד אומזיסט, און ער ווענדעט זיך צום שילער מיט שטרענגקייט:

— נו, אָב, אבי, אביך, אביהו...

און נאָך דער לעקציע געהט יעקב ליב אריין אין זאל. ווייבע טעפיכען אונטער די פיס, שפיגלען, בילדער אויף די ווענד, און די קאנאפען, און די ברייטע שטוהלען, און דער גאנצער גלאנץ און די יונגע שעהנע מוטער מיט'ן הויכען קלאָרען האלז, מיט'ן פולען קלאָרען פנים, מיט די שווארצע חנ'עווידיגע, שטאָלצע און גרויסמוטיגע אויגען... און יעקב ליב איז ווי א פאראליזירטער... וואו זאל ער זיך זעצען? און ווי אזוי וועט ער טרינקען טיי....

און ניט נאָר טיי אליין, צו דער טיי שטעהען זילבערנע טאצען מיט פערשיעדענע געבעקס און איינגעמאכטסען, און פרוכט איז אויך דאָ, און גאָפלען און מעסער, גאר אנדערע ווי ער איז געוועהנט צו נוצען... ער זאל באַטש קיין נארישקייט ניט טהאָן.

וועט ער טאַקי טרינקען בלויז טיי אליין. צו טיי טרינקען דארף מען ניט קיין גרויסע חכמות...

אָבער די יונגע שעהנע מוטער איז אזא פריינדליכע:
דוקא ער זאָל נעהמען אָט דאָס ביסעל איינגעמאכטס... מהיכא תיתי ער וועט נעהמען... אבער ווי אזוי וועט ער נאָכהער דאָס מויל אָבווישען, אז דאָס טיכעל האָט ער גאָר איבערגעלאָזען אין מאנטעל....

— אך, איהר זוכט א סערוועטעל... אָט האָט איהר דאָך א סערוועטעל...

און די יונגע מוטער דערלאנגט איהם א סערוועטעל, און יעקב ליב דערגעהט שוין די חכמה פון עסען איינגעמאכטס מיט'ן גאָפּעל און ווישען דאָס מויל מיט'ן סערוועטעל. און די טיי איז אזוי רויט און בערוישענד ווי וויין און ער ווערט שוין גאָר פרעהליך און אויפגעלעגט, און עס פליהט ביי איהם ארויס פון מויל:

— א שעהנע דירה...

די יונגע מוטער שמייכעלט און ענטפערט:

— יא... מיר זיינען צופריעדען...

— איך מיין דאָ זאָל זיך געפינען א פיער און צוואנציג צימערן.... — קומט איהם גראדע אין קאָפּ אריין די אינגעלשע צאָהל, און ער דערמאָנט זיך אָן זיין קינדהייט און אָן די אינג־לעך מיט וועלכע ער פלעגט זיך שפּארען....

אָבער די מוטער ענטפערט שמייכלענדיג:

— ניין, אזוי פיעל ניט...

און דער שילער קלינגט אויס:

— נייען צימערן!

און די מוטער ועלענדיג צופריעדען שטעלען איהר קינד'ס לעהרער, לאָדט איהם איין צו מאכען א שפּאציער איבער די צי־מערן.

יעקב ליב פיהלט זיך ווי א בן־מלך אין די מעשה'לעך, וואָס ער האָט קינדווייז געהערט, וואָס א בת־מלכה פיהרט איהם ארום אין א פּאלאץ פון איין חדר אין דעם אנדערן און איין חדר

איז שעהנער פאר דעם אנדערן: גאָלד און זילבער, און בילדער און אוצרות... יעקב ליב בעטראכט אלץ מיט היילינען רעספעקט, גלעט זיין שילער דאָס גאלדענע קעפּעלע און מורמעלט מיט אינגעלשער הנאה:

—שעהן ווי גאָלד! גרויסארטיגע צימערן! זעהר! זעהר! זעהר!

ער ווייס שוין ווי א גבירה'שע הויז זעהט אוים; קיין פיער און צוואנציג צימערן טאקע ניט... ער האָט אינגעלוויין איבערגעטריבען. אבער די נייען צימערן קלעקען אויך...

און קומענדיג אהיים אין אבענד פון די גבירה'שע הייזער, שוועבען פאר זיינע אויגען די שעהנע שילעדינס, די יונגע, בויגזאמע און שטארקע קערפּערס פון די דיענסטמיידלעך, די שטאָלצע און פיינע פיגורען פון די מוטערס...

— איך וועל דיר מאכען א הערינג, יעקב ליב! — דאָס שלאָגט איהם איבער זיין ווייבעל, וועלכע איז אלט א יאָהר כינף און דרייסיג, אבער רעדט שוין הייזעריגלעך און געהט ארום איבער'ן שטוב אביסעל איינגעבויגען פון די פיעלע ארבייט ארום שטוב און ארום די קינדער...

און אז יעקב ליב לעגט זיך שלאָפען אין פינסטערען צימערל, וועלכער, ווי איהם דאכט זיך, איז איהם איבערגעגאנגען בירושה, חלום'ן זיך איהם דאָרטען זאלען, ליכטיגע צימערן, יונגע שעהנע מוטערס און בויגיגע, שלאנקע, שמייכלענדיגע דיענסטטען.

און ער שמייכעלט אין שלאָף...

# אויף די הויכע בערג.

די שטעדטעלע איז געלעגען אין א טהאָל; די זעקס גאַסען, מיט׳ן מארק, מיט׳ן שוהל־הויף וואָס דאָס שטעדטעל האָט געצעהלט איז מעהר ווי א האלב יאָהר אין א גרויסער בלאָטע געווען איינגעטונקט. די איינוואָהנער פון דער שטעדטעל האָבען זיך צו דער בלאָטע אזוי צוגעוועהנט, אז זיי האָבען גאר ניט געקענט זיך פאָרשטעלען, אז עס קען אנדערש זיין. פערקעהרט, זומער צייט, אין די גרויסע היצען, ווען די זונן פלעגט ווי עס איז די בלאָטע פארט בייקומען און ס׳איז טרוקען געוואָרען, פלעגען זיך פיעלע פון שטעדטעלע ווי חדוש׳ען און איינער צום אנדערען פלעגט זאָגען:

— וואָס זאָגט איהר, ווי ס׳איז טרוקען!..

נאָר ס׳איז געווען שווער צו וויסען, צו זיינען זיי צופריעדען דערמיט, צו ניט. יעדענפאלס זיינען זיי צו דער טריקעניש ניט געוועהנט געווען און אין די טרוקענע טעג פלעגען זיי זיך פיהלען ווי ניט אין זייער היים, ווי זיי וואָלטען פערבלאָנדזשעט ערגעץ אין א נייעם אָרט און יעדערען האָט זיך געדאכט, אז עס פעהלט עפּעס. נאָר לאַנג פלעגט אפילו זומער די טריקעניש ניט אנהאלטען. א קליין רעגענדעל פלעגט גענוג זיין די טהאָליגע ערד פון שטעדטעלע בענעצען און עס זאָל צוריק בלאָטע ווערען און דאָס שטעדטעלע פלעגט צוריק בעקומען איהר געהעריגען פנים.

ניט ווייט פון שטעדטעלע האט זיך דאך א פלאץ געבלי־
בן, וואו ס'איז שטענדיג טרוקען געווען, און ניט נאר טרוקען,
אפילו גרין, און ניט נאר גרין, וואס דאס אליין וואלט ניט גע־
צווינגען די אויפמערקזאמקייט פון די שטעדטעלשע אידען, דער
פלאץ האט אויך בערג געהאט, וועלכע האבען געהייסען די
הויכע בערג.

ווער עס וועט חושד זיין די שטעדטעלשע אידען, אז די
הויכע בערג האבען ביי זיי געהייסען בלשון סגי נהור, ווייל זיי
זיינען גאר ניט הויך געווען, וועט זיך שטארק טועה זיין. אמת,
די בערג זיינען גאר ניט הויך געווען, אויף זיי צו שטייגען האט
מען ניט געדארפט האבען קיין פיהרער און קיין בעגלייטער.
דער העכסטער פון די בערג איז געווען ווי די הויך פון א שטעד־
טעלשע הויז און די שטעדטעלשע הייזער זיינען ניט בעזונדערס
הויך געווען. אבער דאך האט מען די בערג גאנץ אויפריכטיג
גערופען די הויכע, ווייל קיין העכערע האבען די שטעדטעלשע
אידען טאקע קיינמאל ניט געזעהן, און דערפאר האט דער דא־
זיגער געגענד וואס איז געלעגען גאר נאהענט, כמעט הארט
ביי'ן שטעדטעל, געשפיעלט א בעדייטענדע ראלע אין דעם לע־
בען פון די איינוואהנער פון שטעדטעל אין טהאל... עס האט
דאך זיי ווי הנאה געטהאן, וואס גאט האט זייער שטעדטעל
ניט אין גאנצען פערקארגט און האט זיי געגעבען א צולאג א
שעהנעם גרינעם פלאץ מיט בערג...

פון וואנען עס האבען זיך גענומען ביי'ן שטעדטעל די
בערג, האט קיינער ניט געוואוסט. א חדוש איז דאס טאקע גע־
ווען: דער גאנצער געגענד ווייט ארום האט קיין בערג ניט גע־
האט. אלטע לייט האבען טאקע דערצעהלט, אז ס'איז א סברא,
אז די בערג זיינען געמאכטע: בשעת נאפאלעאן איז דורכגע־
גאנגען דאס שטעדטעל מיט זיין חיל האט מען די דאזיגע
בערג געמאכט, אויסגראבענדיג ארום די ערד, ווי דער שטייגער
איז אין א מלחמה... נעגלויבט האט מען אבער דערין זעהר

שוואך. און בכלל וואס געהט וועמען אן די היסטאָריע פון די בערג. זיי זיינען דא איז זעהר אָנגעלעגט. הלואי וואָלט דאָס שטעדטעל נאָך עפעס שעהנעס פערמעגט, ווי למשל א טייך. א טייך האָט אין שטעדטעל געפהלט, דאָס שטעדטעל האָט נוי־טיג ווי לעבען געדאַרפט האָבען א טייך, די ווייבער זיינען טאַקע אויסגעריסען געוואָרען, ניט האָבענדיג וואו צו וואשען די גרעט. נאָר אז קיין טייך האָט זיי גאָט ניט געגעבען, זאָלען זיי האָבען כאָטש בערג, אלץ בעסער ווי גאָר נישט...

און געליעבט האָבען די שטעדטעלשע איינוואָהנער זייערע בערג. קומט דער ליעבער זומער, א שבת נאָך מיטאָג. אידען למדנים, וואָס דאָס שטעדטעלע האָט ניט קיין סך פערמעגט, געהען אוועק אין בית־המדרש לערנען, אַלטע לייט כאַפּען א דרעמעל אין שטוב. די בעלי מלאכות אבער, די יונגע לייט און קינדער — איבערהויפּט די קינדער — לאָזען זיך אוועק צו די בערג. סאָלידע, סטאַטעטשנע יונגע לייט קריכען אויף זיי ארויף, ציהען זיך אוים אויף זיי, ווי געבאָרענע בערג־לייט און קוקען אראָפּ אויף דער געפלעקטער מחנה וואָס געפינט זיך אונ־טען און פיהלען זיך עפּעס האָפּערדיג און שטייף... מאנכע קומט אָן דאָס ארויפקריעכען שווער און זיי קומט צו הילף א מעהר ספּריטנער; מען נעהמט זיך פאר די הענד און מען לאָזט א אידען ניט פאַלען...

די קינדער אבער, ווי בעפרייטע פויגעלעך פון שטייגלעך, פליהען ארויף און אראָפּ, מאכענדיג דערביי פערשיעדענע קונ־צען. די טאַטעס מיט די מאַמעס וואָרענען...

— קינדער, איהר וועט זיך נהרג'ען... היט זיך, ווי איהר פליהט.

נאָר די קינדער, דערזעהענדיג נאָך פון ווייטען די בערג, בעקומען אזא מוטה, אז ניט נאָר אויף אזוינע בערג, זיי וואָלטען אפילו ארויפגעקלעטערט אויף א סך העכערע בערג, און אז אנ־

דער אינגעלע, א שטיקעל עזות פנים, מיט צופלאמ'טע בעקעלעך שרייט חוזק'דיג אוים:

— א גרויסע זאך! אויך מיר א קונץ אויף אזוינע בערג צו פליהען. איך וואלט געקענט ארויפקריכען אויף א בארג ביז די וואלקענס הויך...

נאטירליך געהט ניט אוועק א שבת אהן א פאסירונג. א מאנכער אינגעלע, א צו שטארקער שטיפער, צו האסטיג אראב־לאזענדיג זיך פון א בארג, פאלט און צושלאגט זיך, נאר קיין סכנה שטעקט קיין מאל ניט. אדרבה, דער פערזעעטער עולם אויף די בערג צולאכט זיך און דאס אינגעלע שטעהט אויף און נעהמט זיך פליהען צוריק מיט מעהר מוטה, ווענדיג דערמיט אויסקויפען זיין חרפה, וואס ער איז אראפגעפאלען...

---

זיינען אבער אידען אין גלות... אין פלוג גענומען איז דאס שטעדטעל זייערע, אין גאנצען זייערע: דער בית־המדרש, די מרחץ להבדיל, די קראמען, די בלאטע: אלץ איז דאכט זיך זייערע, איבערגעגאנגען זיי בירושה פון אור־אור עלטערן. און מאנכמאל פערגעסען זיי טאקע זיך צו פיעל. מיינען אז די גאנצע וועלט איז זייערע, אפילו די הויכע בערג....

קומט אבער פריהער צו שפעטער צוגעהן א גוי, א פראסטער גוי און גיט זיי אנצוהערענעש, אז אלץ איז ניט זייערע, אפילו די בלאטע ניט... נאר אזוי ווי זיי זיינען א פערשאלטען פאלק, מען האט זיי ניט וואו אהין צו טהאן, לאזט מען זיי וואהנען אין די שטעדטלעך אין דער בלאטע, אבער צו די בערג קריכט ניט...

און די שטעדטעלשע אידען האט מען א לאנגע צייט, א צו לאנגע צייט געשוויגען, וואס זיי פערנעהמען א גאנצען שבת די בערג. פארוואס מען האט זיי אזוי לאנג געשוויגען, איז טאקע א וואונדער. ווירקליך, די שטעדטעלשע אידען האבען זיך צו גוט געפיהלט דעם שבת'דיג־

נען טאג אויף די בערג, אז מען זאל זיי דאס ערלויבען.

נאר די שטעדטעלשע נאטשאלסטווא האט שוין לאנג גע־ווארפען אן אויג, אז די אידען פערנעהמען צו פיעל דעם שעהנס־טען פלאץ אין שטעדטעל. אמת — נאר איינמאל אין וואך, אבער איינמאל אין וואך קומט זיי דאס אויך ניט.

און אט האט דער פריסטאוו זיך א מאל מיישב געווען און זיך געלאזט בויען דארט א הויז....

איידער דאס הויז איז פערטיג געווארען האט יעדער איד זיך יעדען שבת אין דער שטיל זיך געזעגענט מיט די הויכע בערג, וויסענדיג, אז דער פריסטאוו וועט דא וואהנען וועט זיין שוין אונמעגליך צו קומען אהער. מיט א גערדיקט הארץ האט יעדער געקוקט אויף דער נייער געביידע, וואס איז פון וואך צו וואך העכער געווארען און דערמיט אלץ ניעדעריגער, ניעדערי־גער געבויגט די שטעדטעלשע אידען.

אז דאס הויז איז פערטיג געווארען איז אין שטעדטעל געווען א קלעהר צו מעג מען נאך שבת געהן אויף די בערג צו ניט.... מאנכע האבען גע׳פסק׳ענט, אז דער פריסטאוו איז ניט קיין גזלן, ער מעג זיך דארט וואהנען, אבער שפאציערען ארום די הויכע בערג א ביסעל ווייטער פון זיין שטוב מעג מען; מאנ־כע האבען די זאך מחמיר געווען און האבען געזאגט, אז עס פאסט ניט...

נאר סיי־ווי־סיי איז דאס מישב זיין זיך אומזיסט געווען. א מחנה אינגלעך, וועלכע האבען זיך דעם ערשטען שבת, מאבענ־דיג זיך כאילו לא ידעו פון דעם פריסטאוו, געלאזען מיט דער אלטער פרעהליכקייט צו די הויכע בערג, זיינען נעבעך באלד געקומען צו פליהען צוריק מיט א געוויין אויפ׳ן שול־הויף...

— וואס איז קינדער?... — האט מען זיי געפרעגט...

— דעם פריסטאוו׳ס הינד... — האט איין אינגעל אויסגע־בליפעט....

— וואו זיינט איהר געווען?...

— אויף די הויכע בערג...

— נו ?...

— נו... האט דעם פריסטאוו'ס שייגעץ אנגערייצט די הינט אויף אונז...

און עלטערער איד האט זיך אנגערופען:

— וואס־זשע לויפט איהר אויף די הויכע בערג ?... און אז ניט קיין הינט דארף מען לויפען אהין... שפיעלט אייך דא אויפ'ן שול־הויף...

פון דאמאלס אן שפיעלען זיך די קינדער שבת אויפ'ן שוהל־הויף, די עלטערע שלאפען אדער זיצען אויף די גאניקעס און מ'דאכט זיך, אז דאס שטעדטעלע פייערט איהר שבת ווי געוועהנליך, אין דער שטיל אבער בענקט פיעלע נאך די הויכע בערג, פון וועלכע מען האט זיי באר אומזיסט פערטריבען...

# דער פרומער שניידער.

## 1.

די איינוואוהנער פון קלעמענקע האבען פון פוצען און ציערען זיך ניט שטארק געהאלטען. אין מיטען דער וואך איז יעדער בגד א בגד געווען, און דער שענסטער בעל־הבית, ווי אהרן לייזער דער אייזענקרעמער, וואס האט געהאט פון גערבוירען אן א הדרת פנים, פלעגט זיך אין א הייסען זומערטאג ניט שעהמען שטעהן ביי זיין קראם, אין רעכטען צענטער פון מארק, — אין איינע הויזען, און די הויזען אליין האבען געהאט הינטען צוויי גרויסע קיילעכדיגע העלע לאטעם; אין א ווינטער טאג, וויעדער, אין א שטארקען פראסט, — פלעגט ער שטעהן ביים קראם אין א פויערישען שעפסען־פעלצעל, פערגארטעלט מיט א שטריק...

אביסעל פערפוצט האט מען זיך שוין שבת און איבערהויפט יום טוב.

יעדער בעל־הבית, רייך צו ארים, האט פערמאגט, נאך פון דער חתונה, א שווארצען, לאנגען סורדוק הינטען מיט א שפאלט, אויסגעזעהען האט דער דאזיגער סורדוק, וועדליג די צאהל יאהרען פון דער חתונה אן. ביי יונגע לייט, נאטירליך, איז דער דאזיגער סורדוק ניי געווען, ביי עלטערע בעלי בתים — אלט און אבגעטראגען, די קנעפ אויסגעדריפעלט און די עלענבויגענס מיט רונדע לאטקלעך, אבער שוין פון זעלבען שטאף.

פלעגט אזא מין סורדוק שטארק אלט און אבגעניצט ווערען, איז געווען א סגולה מאכען איהם צוריק שפּאָגעל ניי. דערויף איז געווען א מומחה שלמה דער שניידער. איבערנעהען א סורדוק אויף דער לינקער זייט איז ביי איהם געווען איינע פון די לייכסטע און אנגענעהמסטע זאכען. — מיט א נייעם — פלעגט ער זאָגען — איז צרות מיט׳ן „שניט“. ווייל שלמה דער שניידער איז געווען שטארק קורצזיכטיג און צושניידענדיג א נייעם בגד פלעגט ער דאָס רוב „פערשניידען“ און עס פלעגט זיין יללות.

ביים איבערנעהען דארף ער שוין גאָרנישט שניידען, נור „טרענען“. צוטרענען דעם מלבוש פלעגט ער איינס און צוויי, מיט א מין נקמה־געפיהל, גלייך איבערקעהרען אלץ אויף דער לינקער זייט, און צוריק פערנעהט, און עס איז ווידער ארויס א נייער בגד... מ׳האָט געדארפט האָבען א ווייט אויג און זיין בכלל א שטארקער מבין אויף בגדים צו דערקענען, אז עס איז אן אלט, נור איבערבערגענעהנטען בגד. דאָס רוב טאָקע פלעגט מען דעם איבערגענעהטען בגד אננעהמען פאר א נייעם און ווינשען „תתחדש“, אָדער „פערניצט געזונד“, און מען האָט געדארפט ביישטעהן אן אמת׳ען נסיון אויסצוזאָגען דעם אמת. דערויף זיינען געווען מסוגל בלויז שטארקערע נאטורען. דאָס רוב פלעגט מען דעם „תתחדש“ אננעהמען מיט אן ערנסט פּנים און דעם סוד פון איבערנעהען נישט מגלה זיין. א מאָל האָט עס אויך געפאסט צו מסחר, צו קרעדיט... זאָל מען טאקע מיינען, אז עס איז א ניי בגד! אדרבא!... אבער אויך איבערנעהען א בגד איז שוין געווען, ווי די בעלי־בתים האָבען זיך אויסגעדריקט, א „צו טהייערער ביסען“. שלמה דער שניידער איז געווען א איד א יקרן, און אויך א שטיקעל כעסן. אויסגעבעטען א מקח, איז געווען פערפאלען. כאָטש פון „פעסטע פרייזען“ האָט נאָך דאַמאָלס די וועלט ניט געוואוסט. ער איז אבער געווען זיכער אין זיין השלמה, איינגעגלויבט אין זיין גרויסען טאלענט פון

אלט ניי צו מאכען. איבערהויפט ערב יום־טוב, די צייט, ווען מען פלעגט דאס רוב די בגדים זיך לאזען איבערנעהען — האט דער מקח א מאל דערגרייכט ביז צעהן גולדען, וואס ניט יעדער בעל־הבית איז עס ביכולת.

די וועלט אבער געהט אימער פארווערטס, ווי מען דריקט זיך היינט אויס. אויך אין קלעמענקע, ווי אבגעשטאנען זי איז ניט געווען, האט דאך די עקאנאמישע לאגע, די קאנקורענץ, דאס זוכען פרנסה, שטענדיג עפעס נייעס אויסגעפונען.

און איינע פון די דאזיגע נייעסען איז געווען דאס „טאג־דעט־געשעפט", וואס א געוויסער בריה, האלב־שניידער און האלב־סוחר, חיים ארטשעס, האט אויפגעעפענט אין א העלען פריה־מארגען, א צוויי וואכען פאר פסח..

חיים אורטשעס איז בכלל געווען א מענש מיט א גרויסען קאפ, פון פאך א שניידער, האט ער זיין מלאכה ניט ליעב גע־האט און האט איהם שטענדיג געצויגען צו מסחר, צו געשעפט...

געשעפטען פלעגט ער עפענען מיט איינע פינף פינגער, אזוי ווי מיט א שפרונג. אין א שעהנעם העלען זונטאג זעהט מען איהם שטעהן אויפ'ן מארק מיט א „בעזמען", מיט וואג אין האנד, און שרייט:

— היי, ליודזי, ליאן פאקופאוו... — ס'הייסט: היי, מענ־שען, איך קויף פלאקס, אהער!...

א צווייטען זונטאג שטעהט ער שוין מיט א וואגען און פון איין זייט קויפט ער ביי די פויערען געטריקענטע שוועמ־לעך, חזיר־האר, און פון דער צווייטער זייט פערקויפט ער זיי אליין צוריק: זאלץ, זייף און „מאזש" צו שמירען די רעדער.

א גרויסער קאפ געווען!

אבער געגאנגען איז איהם דוקא ניט! לויט האבען געזאגט, אז עס קומט איהם דערפאר, וואס ער איז צו היציג, צו ספריטנע, ער וואלט וועלען מיט איין מאל די גאנצע וועלט איינגעהמען, מיט איין מאל נתעשר ווערען. אזעלכע סארט אידען בכלל

פּלעגען אין קלעמענקע ברעכען רוק און לענד. קלעמענקער מסחר האָט ליעב געהאַט בהדרגה, פּאַוואָליע, געלאַסען.

אָבער דאָס „טאַנדעט־געשעפט“ וואָלט טאַקע גוט געגאַנ־גען. און חיים אַרטשעס וואָלט מיט זיין דאַזיגען איינ־פאל געקענט אי אליין רייך ווערען און לייטען טהאָן טובות, ווייל די קליידער, וואָס ער האָט פערקויפט, זיינען געווען גאָלע מציאות.

דאַרף זיך אָבער מאַכען א מעשה...

ווי עס וועט דאָ ווייטער דערצעהלט ווערען.

2.

געבראַכט די אַלטע קליידער האָט חיים אַרטשעס, ווי גע־זאָגט, אַזש פון דער גובערניע, וואָס האָט זיך פון קלעמענקע געפונען 24 שעה רייזע מיט'ן אַקס און אַנדערהאַלבען שעה רייזע מיט דער באַהן. נור אַזוי ווי מיט דער באַהן האָט גע־קאָסט א בילעט 42 קאָפּ. (פאַרוואָס עפּעס דוקא צוויי און פער־ציג און ניט פערציג גלייך — האָט קלעמענקע ניט געקענט פערשטעהן און האָט זיך שטאַרק געבראַכען דעם קאָפּ דערוויף — קלעמענקע האָט ליעב געהאַט א גלייכען מספר!) און צו פאָה־רען מיט דער בויד נור 25 קאָפּיקעס, איז מען בעסער גע־פאָהרען מיט דער בויד. אמת מיט דער באַהן האָט געדויערט, ווי מען זעהט פון אויבען, מיט 22 און א האַלבע שעה וועניגער, אָבער צייט האָט מען דוקא געהאַט און מיט דער בויד איז א סך זיכערער. וואָרים די „באַהן“ איז דאָך פאָרט ניט מעהר ווי א מאַשין, וואָס קען אין מיטען דערינען פּלאַצען... דאָס פערדעל אָבער כאָטש עס שלעפּט זיך, וועט קומען בשלום! חיים אַר־טשעס אָבער אַלס ספּריטנער און האַסטיגער מענש איז געפאָה־רען מיט דער באַהן, ווי אַן אמת'ער סוחר און די אָנגעקויפטע פּעק אַלטווארג האָט ער אָבגעשיקט מיט באַגאַזש...

רעקלאַמירט זיין נייעם געשעפט האָט ער אויך ווי אַן אמת'ער סוחר. קודם האָט ער גערופען צו זיך דעם

פרוש, וועלכען ער פלעגט צאָהלען וואכער, און איהם געבעטען, ער זאָל איהם עפּעס אויסצאַצקען א מודעה'לע, אז עס זאָל קנאַקען, האלב עברי־טייטש און האלב לשון־קודש; דער כתב זאָל זיין ווי געדרוקט, גע'„כתיבה'ט", הייסט עס, און אָנהויבען זאָל זיך כדומה אזוי:

להוי ידוע, אז אזוי ווי עס איז ערב יום־טוב און די מצוה פון אויספּוצען זיך לכבוד יום־טוב איז דאָך זעהר גרויס, לכן בין איך מודיע, אז איך האָב געבראכט מעיר חבירה (דאָס האָט ער געמיינט די גובערניע) די בעסטע, טייערסטע מלבושים, סיי פּאָר גברים און סיי פּאָר נשים און סיי פּאָר טף... די בגדים זיינען אַלטע, געטראָגענע, אבער זיי זיינען שעהנער און שטארקער און נייער פּאַר די, וואָס ווערט גענעהט בק"ק'נו קלעמענקע... און וועגען מכח — איז בחצי חנם און א סך בגדים כמעט אין גאנצען בחנם...

דער פּרוש האָט עס איבערגעשריעבען אויף זיין לשון, צוגעזאַלצען מיט פּסוקים פון „מגילת אסתר", „שיר השירים" און „רות", געפעפערט מיט א פּאָר מאמרי־חז"ל און חיים אָרטשעס האָט עס געלאָזט איבערשרייבען אין גאנצע ניין עקזעמפּליאַרען. צוויי עקזעמפּליארען אין יעדער בית־מדרש: איינעם ביים טהיר אינווענינ און דעם צווייטען — אין דרויסען, און איינעם להבדיל, ביי דער טהיר פון באָד...

נאַטירליך. האָט עס איהם עפּעס געקאָסט. די שמשים האָבען זיך לכתחילה געקווינקעלט: א מודעה וועגען קליידער! וואָס הייסט עס? היתכן! אבער אז מען שמירט, פאָהרט מען — חיים אָרטשעס מיט זיין גרויסען קאָפּ און גרויסע אינטואציע, ווי מען רופט עס היינט, האָט די שמשים געגעבען צו גרויסע קופּערנע מטבעות, און ס'איז רעכט געוואָרען. דעם בעדער, להבדיל, האָט ער גארנישט געגעבען, ווייל חיים ארטשעס איז געווען אן אפּטער גאסט אין באָד. „די באָד — פּלעגט ער זאגען — צושלאָגט איהם זייענ היציגע געבליטען!"

אין קלעמענקע, נאָכ'ן איבערלייענען די מודעות, איז געוואָרען א גרויסער „ראַזרוך". די ערשטע האָבען זיך צום טאָנדעט געשעפט געלאָזט די ווייבער, וואָס קויפען זיך פון תמיד אויף מציאות....

און אז די ווייבער האָבען בעשטעטיגט אז די מציאות זיינען טאַקע זעהר גרויס, האָבען זיך שוין אויך א לאָז געטהאָן די קלענערע בעלי־בתים. גערעכענט האָבען זיי לכתחילה קויפען עפּעס א קליינינקייט, א זשילעט, א פּאָר תחתונים, נור ארייננפּאָלענדיג צו חיים ארטשעס אין די הענד און אין מויל, האָט מען שוין מיט זשילעט, צו מיט הויזען אליין ניט געקענט ארויס...

— וואָס הייסט עפּעס א זשילעט? וואָס הייסט עפּעס א פּאָר הויזען? און פארוואס טאַקע ניט א סורדוק אויך? ! אז איך לאָז אייך ארום און ארום, שוין מיט אָט דער „פּאפּרוסקע צו פערבינדען די הויזען" — א טהייערע פּאפּרוסקע — לאָז איך אייך — טרעפט פאר וויפיעל? פּאר צוועלף גידלען!... מעסט אָן דעם סורדוק... הא, וואָס זאָגט איהר? קורץ! זענט איהר, זייט מוחל, א בטלן, וואָס הייסט קורץ!... זענט איהר דען א פּוילישער איד, וואָס איהר טאָרט ניט קורץ טראָגען, און ווער זאָגט דען, אז עס איז קורץ... עס איז אביסעל קורצליך, ווי עס פאָדערט די היינטיגע מאָדע... וואָס זענט איהר, אן אלטער מאַן... וואָס?... אָט בעצאָהלט און טראגט געזונד... איהר זעהט דאָך אוים ווי אן אמת'ער מאַנארכע... קוקט זיך נור אָן, אָט האָט איהר א שפּיגעלע... אָט אָ, נעבען דעם מזרח...

דער בעל־הבית האָט זיך אָנגעקוקט. ער גיעט א גלעט דאָס בערדעל און זאָגט:

— מילא... ווי זאָגט איהר — א מציאה...

און אָט אזוי האָט זיך א עדה אידען אנגעטהאָן אין שעהנע אלטע, אבער ווי נייע קליידער...

דער איינציגער חסרון, א ביסעל קורצליך...

נור ווי באלד אז אלע האָבען געמאכט ווי יד אחת... בפרט,

אז יום־טוב אין בית־מדרש ביין דאווגען געהט מען דאך אין טלית, וועט עס זיין ניט אזוי קענטיג...

3.

האבען זיך טאקע דעם ערשטען טאג יום־טוב די קלעמענ־קער אידען אויסגעפוצט אין זייערע „נייע“ קליידער און מיט קלאפענדיגע הערצער אוועק יעדער אין זיין בית־מדרש.

שלמה דער שניידער, וואס האט, צוליעב די דאזיגע גע־קויפטע מלבושים, א שלעכטען ערב פסח געהאט, איז געוועז זעהר בייז און פערביטערט. דערזעהענדיג אין זיין קלייזעל איי־נעם אן ארימען, אבער שעהנעם בעל־הבית אין אזוי ווי א נייעם סורדוק, איז ער צו איהם צוגעגאנגען, געטאפט, פערזשמורעט מיט די אויגלעך, די סחורה, און זיך קאלטבלוטיג אנגערופען:

— אויך?... חיים ארטשעם?...

— יא — האט דער בעל־הבית א מורמעל געטהאן...

— פיין... פיין! פערניצט געזונד!

— עט, — האט דער בעל־הבית ווי א מאך געטהאן מיט דער האנד — ס'הייסט עס איז דאך פארט אן אלטער בגד, א געניצטער....

שלמה דער שניידער איז צוגעגאנגען צו נאך א בעל־הבית. ווידער געטאפט די סחורה פון סורדוק, ווידער געזשמורעט מיט די אויגלעך, געביסען די ליפען און דאס אייגענע גע־פרעגט:

— אויך ביי חיים ארטשעם?...

— יא, אלע האבען געקויפט...

— איך, מיין, אז עס איז צו קורץ אויף אייך, — האט ער ווי גלייכגילטיג אויסגעמורמעלט.

דער צווייטער בעל־הבית האט זיך ווי פערשעמט.

— קורצליך!... דערפאר איז דאס אבער ביליגער...

— אזוי? ביליגער!... — האט שלמה שוין זיין כעס ניט געקאנט איינהאלטען — אזוי? ביליג! — און וואס איז עפעס

מכח אידישקייט? הא, אידישקייט! — האָט ער צום סוף געביילט די פויסטען.

דער צווייטער בעל־הבית האָט זיך ווי דערשראָקען, זיך גיך פערדעקט מיט׳ן טלית און ארויסגעמורמעלט:

— כ׳מיין, ליעגט דען די אידישקייט אין בגד?

נאָר דאָ האָט שלמה דעם שניידער פלוצים בעפליגעלט א געטליכער רעיון. זיין פנים האָט זיך אָנגעצונדען, ווי מיט א פייער, די אויגען האָבען געפינקעלט און ער האָט הויך אויסגעדונערט:

— און וואס איז מכח שעטנז? הא? מכח שעטנז?

דער אויסגעשריי איז געווען אזוי שטארק, אז דער עולם האָט זיך א לאָז געטהאָן צו שלמה׳ן.

די עטליכע דאַוונער אין די קירצליכע רעק, געקויפט ביי חיים ארטשעס, האָבען זיך מיט שרעק אבגערוקט...

— ניין, קומט טאקע אהער — האָט שלמה דער שניידער געדונערט — איך וויל טאקע אנקוקען...

און פלוצים האָט ער אבגעהאקט און זיך נאָך העכער צו־שריען:

— איך וואָלט וועלען וויסען, וואָס זאגט אונזער רב... קטניות, האָט ער אויף פסח גע׳אסר׳ט און בגדים מיט שעטנז האָט ער מתיר געמאכט... ניין, איך וויל איהם אליין גיהן פרעגען...

און שלמה דער שניידער איז הענדום־פענדום ארויסגעלאָפען פון קלייזעל, וואו ער האָט געדאַווענט און זיך געלאָזט צום „גרויסען" בית־מדרש, צום רב...

אין גרויסען בית־מדרש האָט מען שוין געהאלטען ביי פטום־הקטורות, דער רב, וועלכער האָט שוין אבגעדאַווענט ותיקין, איז געזעסען אין ווינקעל, אין מזרח־וואנד, און זיך גע־שאָקעלט איבער א גמרא.

— רבי! — האָט איהם שלמה ווי אויפגעוועקט — א עדה

אידען האָבען זיך אָנגעטהאָן אין שעטנז און איהר שווייגט!

דער רב, א קליינער און א דארער, אין א לאַנגער שווארצער זופּיצע, איז פערציטערט געבליבען און מיט גלעזערנע אויגען אָנגעקוקט שלמה'ן:

— וואָס הייסט שעטנז? וועה איז מיר — פון וואנען?

ווייזט זיך ארויס, אז דער רב האָט פון חיים ארטשעס נייעם געשעפט גאָר ניט אָנגעהויבען צו וויסען.

אויסהערענדיג שלמה דעם שניידער'ס טענה, האָט ער זיך אָנגערופען מיט א ציטערנדיגען קול:

— אודאי איז דאָס שעטנז, ווי באלד מען האָט דאס גע־בראכט פון דער פרעמד און מען ווייסט ניט ווער עס האָט זיי גענייהט און מיט וועלכע פאָדים... אפילו א חשש פאר שעטנז איז דאָך אויך דמי לשעטנז! — האָט ער אויסגעזונגען מיט א גמרא־ניגון.

און באלד איז שוין דער שמש געשטאַנען אויף דער בימה, געגעבען א שטארקען פּאטש מיט כעס און גרימצאָרן און מיט זיין הייזעריגער שטימע אויסגערופען א שטרענגען איסור אויף די מלבושים פון כרך...

אויף מאָרגען אין דער פריה זיינען די זעלביגע בעל־הבתים פערשעהמטע און אראָבגעפאלענע געקומען אין זייערע אלטע אויסגעריבענע סורדוקען און הויזען.

שלמה דער שניידער איז ווידער צוגעגאַנגען צו א פּאָר בעלי־בתים פון נעכטען, נאָכגעקוקט, צו טראגען זיי ניט ווידער די געקויפטע מלבושים, און איבערצייגענדיג זיך, סיי מיט די אויגען, וועלכע ער האָט פערזשומערט, סיי מיט די הענד, מיט וועלכע ער האָט געטאַפּט, האָט ער שוין א פרעהליכער און פריינדליכער צו איינעם געזאָגט:

— וואָס פעהלט דען ד ע ם סורדוק? נור אביסעלע איבערנעהען... אם ירצה השם נאָך יום־טוב, טראגט אריין. איך וועל אייך, ניט אם יום־טוב רעדענדיג, חלילה, ניט בערייסען...

און איז מיט א נצחון־געפיהל אוועק צו זיין „שטאדט“, און זיך גענומען דאווענען מיט כונה, ווי אן עהרליכער, אמת'ער איד, וואס האט פערהיט א ערה אידען פון אזא זינד, ווי שעטנז.

# דער ערוואַרבענער בית־עולם.

דאָס שטעדטעלע איז געווען אָבגעזונדערט פון דער גאנצער וועלט. זעלטען ווען עס פלעגט אהין פערבלאָנזשען אַ קלאנג פון די גרויסע אָדער אפילו קלענערע שטעדט. קיינער האָט זיך אין איהר ניט גענויטיגט און זי אין קיינעם ניט. זי האָט געהאט איהר אייגען אויסקומעניש פון זיך אליין. קארטאָפעל פון די אייגענע פעלדער, ברויט פון אייגענעם ווינד־מיהל און פלייש פון איהרע אייגענע שאָף. וואָס אנבעטרעפט קליידער איז לייבע דער שניידער געווען א גאון אין זיין פאך און האָט גענעהט סיי פאר פרויען און מענער. אמת, די סחורה אויף די קליידער האָט מען געבראכט פון דער גרויסער שטאָדט, אבער דאָס האָט געטהאָן יענקיל, כמעט דער איינציגער קרעמער אין שטעדטעלע, און איינמאָל א יאָהר פלעגט ער פאָהרען אין דער גובערניע אריין נאָך פערשיעדענע סחורות. אבער יענקיל איז געווען זעהר א שטילער מענש. אין שטעדטעלע האָט מען ניט געברויכט צו האָבען קיין שרייער צו פערקויפען די סחורה. און ער פלעגט זיין נסיעה מאכען אזוי שטיל, אז עס איז אויסגעקומען כמעט ווי געהיימניספול: איינמאָל אין יאָהר ווערט יענקיל פערפאלען אויף צוויי טעג און ניטאָ איהם, קומענדיג צוריק פלעגען ערשט איניגע, ניט אלע ערפאהרען וואו ער איז געווען. נייגיעריגע פלעגען איהם בעפאלען:

— וואָס הערט זיך יענקיל אין דער וועלט?

אָבער יענקיל האָט גאר ניט דערצעהלט. לויט זיין שיטה איז אויסגעקומען, אז עס איז ניטאָ וואָס צו דערצעהלען — עס איז אַלץ נארישקייטען! איינמאָל נאַר, אז מען האָט איהם צו־געדריקט צו דער וואנד. ער מוז עפּעס דערצעהלען! האָט ער א שמייכעל געטהאָן, א גלעט געטהאָן די שווארצע באָרד און גע־ענטפערט:

— כדומה, למשל — הונדערט שטעדטלעך צוזאמענגע־נומען... אָט דאָס איז אין גאנצען: הונדערט מאָל אזוי פיעל ווי אונזער שטעדטעל, איז בכן וואָס איז דער וואונדער, אז עס טומעלט דאָרט?...

אָט דאָס איז געווען דער איינציגער גרוס פון דער גרויסער וועלט וואָס די שטעדטעלשע מענשען, אידען, נאַטירליך, האָבען בעקומען איין מאָל אין א יובל.

אבער אויב די שטעדטעלשע אידען האָבען ניט געוואוסט פון אן אמת׳. לעבען, (חאָטש זיי האָט זיך געדאכט, אז ערשט זיי לעבען א גוטען טאָג!) האָבען זיי אויך ניט געוואוסט פון אן אמת׳ן טויט. שוין אָבגערעדט דערפון וואָס א דאנק די קליינע צאָהל מענשען, וואָס זי האָט פערמעגט איז די שטערבליכקייט בכלל, ווי די סטאטיסטיקער דריקען זיך אויס, געווען דאָרט זעהר א קליינע כמעט ווי נול — האָט די שטעדטעלע קיין אייגענעם בית־עולם ניט פערמעגט. די עטליכע זקנים האָבען זיך איינגע־עקשנ׳ט און געלעבט און געלעבט, נאָכאנאנד גע־לעבט. אויף הענדיל דעם בייגעל בעקער האָט שוין דאָס שטעדטעלע אזש פעריבעל געהאט, דער איז שוין געווען א זקן, וואָס אלע האָבען זיינע יאָהרען פערגעסען. מען האָט גע־צעהלט און געצעהלט ביז מען איז צוטומעלט געוואָרען. כאָטש נעהם און הויב אָן צעהלען אויף דאָס ניי!... אמת, איין זקן איז דאָרט ענדליך געגייגט געוואָרען צו שטארבען. איז ער זיך מישב און נעהמט און פאָהרט אוועק קיין ארץ ישראל. ערשט דאָרט איז ער טאקע אין א האלב יאָהר ארום געשטאָר־

בען, אָבער דאָס דאָזיגע געשעהעניש איז מען אין שטעדטעלע ערפאהרען ערשט העט אין יאָהרען ארום. דאָס האָט טאָקע דערצעהלט דער אלטער הענדיל. דערצעהלט האָט ער עס מיט א שמייכעל אין בית מדרש בין מנחה למעריב אין א וואָ־כעדיגען טאָג:

— וואָס זאָגט איהר אידען צום אלטען העניך!... ער האָט גענומען און געשטאָרבען!

און די אידען האָבען עס ניט געקענט בעגרייפען און זיי האָבען דעם דאָזיגען וואונדער ערקלעהרט מיט ארץ־ישראל... זיי זיינען געווען זיכער, אז ווען ער רוקט זיך ניט פון שטעדטעל וואָלט ער נאָך דעם אלטען הענדיל איבערגעלעבט... אבער דער־פאר זיינען זיי איהם מקנא געווען, וואָס קיין חבוט הקבר און קיין ווערים וועט ער דאָרטען ניט האָבען...

נאָך אזא עקשנות ניט צו שטאַרבען פון די אלטע איז במילא פערשטענדליך, פאַרוואָס א מת איז דאָרט געווען אזא זעלטענ־הייט! — אמת, די מיטעל־יעהריגע מענשען האָבען זיך וועניגער גע'עקשנ'ט, און עס פלעגט זיך ווען ניט ווען טרעפען, אז איי־נער אָדער איינע דוקא אין די מיטעלע יאָהרען פלעגט מסוכן קראנק ווערען. אבער אזוי ווי קיין דאָקטאָר איז אין שטעדטעל ניט געווען פלעגט מען דעם חולה אוועקפיהרען אין דער נאָהענ־טער גרעסערער שטעדטעל אריין און דאָרט פלעגט מען שוין דאָס רוב שטאַרבען, און אויפ'ן דאָרטיגען בית־עולם פלעגט מען דעם מת אויך טאָקע בעגראָבען.

אויף אזא אופן האָט דאָס שטעדטעלע ניט געהאַט קיין איינענעם בית־עולם.

שפאַצירענדיג אמאָל שבת, צי יום טוב ארום שטעדטעל פלעגען אנדערע, פילאָזאָפיש געשטימטע, בעל־בתים זיך צו־שמועסען, אז אין שטעדטעל פעהלט א בית־עולם... און אפילו אין מיטען־וואָכיגע טעג, פלעגט זיך אויך איינער אין מיטענ־דרינען א זאָג טהאָן:

— און וואָס וועט זיין מכה א בית־עולם?...

בלויז די זקנים האָבען דעם דאָזיגען חסרון אין שטעדטעל דיפּלאָמאַטיש פערשוויגען, אבער די מיטעל־יעהריגע און אפילו די גאנץ יונגע האָבען זיך געהאלטען שטאָל און אייזען, אז מען האָט אין שטעדטעל געדאַרפט האָבען נויטיג ווי לעבען א בית־עולם...

די מעהר כלל־טהוער פון שטעדטעל האָבען שוין אפילו פעררופען אן אסיפה, וואו עס איז העפטיג ארומגערעדט גע־וואָרען די דאָזיגע וויכטיגע פראגע. אויף איין אסיפה איז אפילו געקומען הענדיל דער אלטער. ער איז געווען דער ראש המדברים און געגעבען צו פערשטעהן, אז א בית־עולם איז נאָך דערווייליגע אן איבעריגע זאַך. עס איז זיך ניטאָ וואָס צו איילען...

די איינגערע וואָס האָבען דוקא געגלויבט אז עס איז דאָ א טויט אויף דער וועלט און פריהער אָדער שפּעטער מוז א מענש שטאַרבען, האָבען זיך פעסט געשטעלט פאַר א בית־עולם. איינער, חיים דער סטאָליער, האָט שוין אפילו אָנגעוואָרפען דעם פּלאַן וואו און ווי אזוי ער זאָל געמאכט ווערען. נאָר אזוי ווי א לאַנגע צייט נאָך דער אסיפה איז דאָרט פאַרט קיינער נישט געשטאָרבען, איז די בית־עולם־פראגע ווידער פערגעסען גע־וואָרען.

אזוי האָט זיך עס געצויגען יאָהרען!

ביז וואנען עס איז אויסגעבראָכען געוואָרען דער קריעג.

נאָך איידער דער קריעג איז אָפיציעל ערקלעהרט געוואָ־רען, האָבען זיך שוין אין שטעדטעלע בעוויזען סאָלדאַטען, טאקע פון דעם אייגענעם קיסר. אייגענע מענשען הייסט עס. יענקיל דער קרעמער האָט גערעכענט מאכען גוטע געשעפטען: סאָל־דאַטען, האָט ער אמאָל געהערט, גיבען פיין צו לייזען... די דאָזי־גע סאָלדאַטען אבער זיינען געווען פון אן אנדער סאָרט. סחורה האָבען זיי אפילו גענומען א סך, אבער צאָהלען האָבען זיי ניט געוואָלט, האָטש טענה מיט זיי פון היינט ביז איבער א יאָהר.

איז ער געפאלען אויף א שכל און האט פערשלאסען אין גאנצען די קראם: זאל דאכטען, אז עס איז א יום־טוב. האבען זיי די קראם אליין אויפגעעפענט און צונומען די רעשט ביסעל סחורה, וואס איז זיי נויטיג געווען, נאכדעם האבען זיי גענומען צו יענקלען אליין:

— ווי אזוי האסטו געוואגט די קראם צו פערשליסען פאר וואיענע מענשען?

און איינער האט אנגעשטעלט פונקט קעגען יענקיל׳ס ברוסט די ביקס.

יענקיל איז געווען זיכער, אז דאס איז נאר א המצאה פון א סאלדאט, ער וועט דאך ניט געהן אין אן אמת שיסען אומ־זיסט און אומנישט א מענשען!

און יענקיל האט זיך גוטמוטיג צושמייכעלט: ווי איינער זאגט:

— וואס הייסט! דו וועסט שיעסען אויף אן אייגענעם מענשען? ווארט ביז דער שונא וועט אנקומען!.. וועסט גענוג ארבייט האבען!

אבער דער סאלדאט האט דעם שמייכעל אנגענומען פאר א בעליידיגונג און אין א ווײלע ארום איז שוין יענקיל געלע־גען אויסגעצויגען נעבען זיין קראם מיט פערגלאצטע אויגען און אן אפענעם מויל, ווי פער׳חדוש׳ט אויף דער גאנצער מעשה!...

דאן האט דאס שטעדטעלע דערזעהן זיך מיט׳ן טויט פנים אל פנים...

אפילו הענדיל דער אלטער האט שוין פערשטאנע,ן אז א בית־עולם איז א וויכטיגע זאך און אז טויט איז יא אויף דער וועלט בנמצא.

מיט א פאר טעג שפעטער האט זיך אנגעהויבען א זוכעניש אויף שפיאנען. העניך דער קצב וואס האט געפיהרט צוויי אס־סען פון א דארף איז בעטראכט געווארען פאר א צושטעלער

פאר דעם שונא'ס ארמעע. אין צוויי טעג ארום איז ער גע־האנגען געוואָרען פאר אין די אויגען.

נאָך שפּעטער איז דעם שונא'ס חיל אָנגעקומען. די שלאכט איז פארגעקומען הינטער'ן שטעדטעל.

די שראפּנעלען און קוילען זיינען געפלויגען איבער'ן שטעד־טעל ווי א האָגעל. די אידען האָבען זיך בעהאלטען וואו זיי האָבען נאָר געקענט.

אָבער ווער איז געווען צו דער בעהעלטעניש. נאָך א דריי־טאָגיגער שלאכט האָבען די שטעדטעלשע אידען פערמעגט ביי א צוועלף הרוגים.

אזוי פיעל מתים האָבען זיי זיך ניט געקענט פאָרשטע־לען. ניט זייענדיג בעהאווענט אין דעם דאָזיגען מין האָט מען די הרוגים געוועקט, ווי איינגעשלאָפענע. קיינער איז אבער ניט אויפגעשטאַנען. — אלע טויט.

ערשט איצט איז די פראגע ווענען א בית־עולם געוואָרען א נויטווענדיגקייט.

אפילו הענדיל דער אלטער, וואָס האָט זיך אויך איצט אויסגעדרעהט פון טויט האָט צוגעגעבען:

— יא, איצט מוזען מיר האָבען א בית־עולם!.. עס איז די ריכטיגע צייט!...

אָבער איינער פון די אינגערע האָט א מאך געטהאָן מיט דער האנד:

— איצט איז פון דער גאנצער שטעדטעל געוואָרען א בית־עולם!..

# דאָס קליינע שטיבעל.

דאָס שטיבעלע, וואו אהרן־ליב, אַן אָרימער תבואה־הענד־לער, האָט געוואוינט מיט זיין זעקס־נפשות'דיגער פאַמיליע, — דאָס שטיבעלע איז געווען אַ קליינס און איז בעשטאַנען נאָר פון צוויי חדרים, אויב מען זאָל דעם אויווען, וואָס איז געווען בלומר'שט אָבגעצוימט מיט אַ דורכגעלעכערט שפּאַניש ווענ־טעל, אויך אריינגנעהמען אין חשבון. אהרן־ליב איז געווען אין חדרים ניט שטאַרק געניט און דער אָבגעצוימטער אויווען איז ביי איהם געווען פערעכענט פאַר אַ בעזונדער חדר, דערפאַר אָבער, דאָס ווייב, ביילע, וואָס האָט געשטאַמט שוין פון אַ רייַ־כערער פאַמיליע, האָט דערפון חוזק געמאַכט און שטענדיג פאַרגעוואָרפען אהרן־ליב'ן זיין נחלה, און אויב אהרן־ליב פלעגט זיך איינעקשנ'ען און האַלטען זיך ביי זיינס, אַז דאָס שטיבעל בעשטעהט בפירוש פון צוויי חדרים, ווייל דער אויווען איז פאַרט אָבגעצוימט, פלעגט זיך ביילע ניט פוילען, אויפהויבען מיט די הענד דאָס גאַנצע שפּאַנישע ווענדטיל און פערוואָרפען אויפ'ן אויווען, דעמאָלט פלעגט ערשט אהרן־ליב מוזען מיט שווייגען אליין מודה זיין, אַז זיין שטיבעל האָט טאַקע נאָר איין חדר. נאָר אהרן־ליב פלעגט אויך דעמאָלט זיין שטאָלץ ניט פערליע־רען. אדרבה, ער פלעגט נעהמען אין האַנד אריין די גראָה־גע־וואָרענע באָרד, אַ הוסט טהאָן, מיט אַ רחבות אויסשפּייען אויפ'ן מיטען פּאָדלאָגע, מעשה בעל־הבית, און זיך אָנרופען:

— אבי אן אייגענס! קיין שכן׳טע ביזטו גאָט צו דאַנקען ניט!

ערשט דעמאָלט פלעגטביילע ווייבער ווערען. אַראָבגעהמען צוריק פון אויוועז דאָס שפּאַנישע ווענדטיל, אוועקשטעלען אויפ׳ן פריהעריגען פּלאַץ און פלעגט מודה זיין:

— אן אייגענס איז טאַקע אן אייגענס.

דערזעהענדיג צוריק דעם אויוועז אָבגעצוימט מיט׳ן ווענ־טעל פלעגט אהרן־ליב וויעדער זיך ניט קאָנען איינהאַלטען און אויסרופען:

— עס איז פּאַרט צוויי חדרים!...

— תרח! פלעגט שוין ביילע ווידער בייז ווערען. זאָג כאָטש א חדר מיט א קיך!...

אויף דער פּשרה פלעגט שוין אהרן־ליב איינגעהן.

—א קיך — פלעגט ער גוטמוטהיג מורמלען — געהט אויך ניט באַרוועס....

און מאַן און ווייב פלעגען אויף א צייט שלום ווערען...

---

דאָס איינגעשאַפט פון שטיבעל וואָלט שוין ניט אזוי אויסגעמאַכט, ווי דאָס, וואָס דאָס שטיבעל איז געווען א צו־אַלטס. און ניט נאָר אין דער צאָהל פון די חדרים איז מאַן און ווייב ניט געווען איינשטימיג, נאָר אפילו אין דער צאָהל יאָהרען, וואָס דאָס קליינע שטיבעל האָט געצעהלט. לויט אהרן־ליב׳ס רעכענונג איז דאָס שטיבעל איינגאַנצען אַלט געווען א יאָהר אכ־ציג, ניינציג. ד. ה. געבויעט האָט עס זיין זיידע. ביילע אָבער, וואָס איז אויך געווען א געבוירענע אין דעם זעלבען שטעד־טעל און ווייס די גאַנצע געשיכטע פון אהרן־ליב׳ס משפחה. — ביילע האָט היסטאָרישע דאָקומענטען, אז דאָס שטיבעל איז שוין אַלט א יאָהר 150. און אז אהרן־ליב פלעגט שווער אָנקומען אויפצואווייזען די אמת׳ע עלטער פונ׳ם שטיבעל, פלעגט ער זיך וויעדער לאָזען אויף א שלום:

— און אז 150 יאָהר ביזטו בדלות. אדרבא, וואָס עלטער בעסער. הלואי זאָלען מיר דעם שטיבעל'ס יאָהרען דערלעבען דערלעבען.

פלעגט אָבער ביילע אויפוויינען, אז דאָס שטיבעל שמעקט שוין מיט קברות־בלעטער, פון די שינדלען פון דאַך איז קיין זכר ניט געבליבען און ווען ניט דער דיק־בעוואקסענער מאָך אויפ'ן דאַך, וואָלט דער רעגען און שניי אין שטוב איננווייניג אריינגעקאפּעט. — און הלואי זאָל איך ליגען זאָגען — פלעגט זי ענדיגען שטארק פעסימיסטיש — דאָס שטיבעל וועט אמאָל ביי א זאווערוכע נאָך איינפאלען און זאָל גאָט נאָר אויסהיטען, וואָס פאר אן אומגליק עס קאן טרעפען...

אזא נבואה האָט אהרן־ליב'ן צייטענווייס געשראָקען. און ארויסגעהענדיג פון שטוב אין דער־פריה דאווענען פלעגט ער ניט איינמאָל זיך אוועקשטעלען ביים שטיבעל, בעטראַכטען די ווענד, דעם דאַך און פלעגט משער זיין, אז דאָס שטיבעל שטעהט טאַקע בחזקת סכנה... און אין יענעם טאָג פלעגט ער ביים בענ־שען שטארק מכוון זיין דאָס ווארט את ביתי, טייטשענדיג אין געדאנק ניט ווי דער פשט איז מיין הויזגעזינד, נאָר מיין שטי־בעל... און חאטש ער האָט געוואוסט, אז גאָט איז א יודע מחשבות, פלעגט ער דאָך זיך ניט פערלאָזען אויף דער מחשבה אליין און פלעגט מיט די ליפּען שטיל אויסריידען: את ביתי — מיין שטיבעל...

אז ער בענעהט ניט קיין עולה קענען זיין הויזגעזינד איז ער געווען זיכער, וואָרים אויסער ביתי איז דאָך דא בפירוש את אשתי ואת זרעי. און עס איז טאַקע א סברא, בעדאכט ער זיך דעמאָלט, אז את ביתי מיינט מען טאַקע אין פשטות דאָס שטי־בעל, וואָרים ווען ניט, צו וואָס דאַרף שטעהען את אשתי ואת זרעי ?...

אבער אויפ'ן בענשען אליין פערלאָזען זיך איז צו־רעזיקאַ־ליש, כאטש אהרן־ליב איז א איד א מאמין... און אז דאָס שטי־

בעלע האָט אין א ווינטערדיגען אָווענד ביי א גרויסען שטורם אזוי ווי קנאק געטהאָן איז אהרן־ליב, וועלכער איז דער אייני־ציגער אין שטיבעל נאָך ניט געשלאָפען, שטארק אונרוהיג גע־ווארען: גאָט זאָל היטען וואָס קאָן זיך טרעפען. דאָס שטיבעל שטעהט שוין באמת אויף משקלות.

אויף מאָרגען האָט ער געהענדיג צוריק פון דאווגען אב־געשטעלט לייזער דעם טשעסלער, וועלכער איז אויך געגאנגען פון דאווגען, און ווי א חולה ווענדט זיך צו א דאקטאר האָט ער זיך געווענדעט צום אלטען טשעסלער.

— איך האָב געוואָלט ביי אייך עפּעס א פרעג טהאָן, ר׳ לייזער.

— נו, נו... — האָט דער טשעסלער רוהיג, ווי זיין שטייגער, אבגעענטפערט און געפּיפּקעט די לאנגע ליולקע...

— דאָס הייסט, איך האָב געוואָלט, אז איהר זאָלט זיך מטריח זיין אָנקוקען מיין שטיבעל... עפּעס דאכט מיר, אז זי זינקט אונטער אביסעל אין דער ערד אריין... עס הייסט, ניט קיי זסך, גאָט צו דאנקען, די פענסטער דערגרייכען נאָך, גאָט צו דאנקען, ביז די פריזבעס, נאָר דער פונדאמענט, וואָלט איך שווערען, איז אריין א ביסעל אין דער ערד, דאָס הייסט, עס האָט זיך אראָבגעזעצט...

— מיר וועלען אָנקוקען, וועלען מיר זעהן... — האָט לייזער געענטפערט רוהיג, טאקע ווי א דאקטאר, וואָס האָט צו טהאָן מיט א סך חולאים, און וואָס — מישטיינס געזאָגט — געהט איהם אָן, וואָס איין מענשעלע איז ערגעץ מסוכן קראנק.

און כאָטש אהרן־ליב איז געוועזען א איד א בעל־הבית, א למדן, א יחסן, און לייזער דער טשעסלער — ניט מעהר ווי א איד א בעל־מלאכה, האָט דאך אהרן־ליב אין דער מינוט געפיהלט א טיעפע אכטונג צום לעצטען און האָט זיך געפיהלט, אז אין יענעמעס הענד ליעגט זיין גאנץ לעבען.. זאָל נאָר יענער אויס־ריידען א שלעכט וואָרט און דאָס שטיבעלע איז קאפּוט.

דעריבער האָט ער געהענדיג ניט געהאַט קיין העזה קיין סך צו דולען א קאָפּ לייזער טשעסלער, נאָר נאָך א לאַנגע פּויזע האָט ער איידעל און ווייך א פרעג געטהאָן:

— איהר קענט דאָך, ר' לייזער, מיין שטיבעל...

— א שאלה! — האָט לייזער אבגעענטפערט און אהרן־ליב איז געוואָרען פון ענטפער, ווי געהויבענער...

צוקומענדיג צום שטיבעל האָט אהרן־ליב זיך דער ערשטער אָבגעשטעלט און זיך געווענדעט מיט הכנעה...

— איצט, זענט מוחל, ר' לייזער, בעטראַכט עס און זאָגט אייער מיינונג...

— מיר וועלען שוין זאָגען! איז לייזער שוין באמת שטאָלץ געוואָרען און גענומען אבגעבען זיך אליין גרויס כבוד. רעדענדיג אויף „מיר“, האָט ארויסגענומען די ליולקע פון מויל, ווי זי וואָלט איהם געשטערט צו קוקען און אריינגעלעגט אין בוזעם, צוגעגאַנגען צו די פּריזבעס, וואס זיינען געוועזען פער־וועהט מיט שניי, א טאַפּ געטהאָן די ווינקלען פון די ווענד, פון איין אָרט ארויסגעשלעפּט א ביסעל טרוקענע „פּולווער“, געריבען עס מיט גרויס מבינות צווישען די פינגער, ארויסגענומען פון בוזעם צוריק די ליולקע און געשוויגען.

— איז וואָס זאָגט איהר, ר' לייזער?... — האָט אהרן־ליב ניט געקאָנט אויסוואַרטען...

— וואָס איז דאָ וואָס צו זאָגען? — האָט ר' לייזער גע־ענטפערט און האָט פערדרייבערט צוריק די ליולקע — דאָס שטי־בעל דארף האָבען א תיקון...

— א גרויסען תיקון?... — האָט אהרן־ליב מיט דער־שראָקענע אויגען איבערגעפרעגט.

— פערשטעהט זיך, אז ניט קיין קליינעם... — האָט לייזער זיך אלץ געהאַלטען ביי זיין רוהיגען, קאַלטען טאָן... מען דארף עס אונטערהויבען אויף אכט בערוועגעס אין א וואַנד און

דארף א נייעם פונדאמענט און מען דארף נייע באלקענס און א דעכעל א נייעס וועט מען שוין במילא דארפען...

— דאס הייסט, מען דארף בויען א נייע שטוב, — האט אהרן־ליב ביטער געשמייכעלט... דאס איז אבער ניט ביי מיי־נע כחות... איך וויל נאר וויסען, צי איז חלילה קיין סכנה ניטא דערוייל, ביז גאט וועט העלפען, צו בלייבען וואוינען נאך...

— קיין גאט בין איך ניט, — האט ר׳ לייזער ווי חוזק געמאכט, אז עס זאלען זיין שטילע פאגאדעס איז קיין סכנה ניט....

„אבגעזאגט הייסט עס", האט אהרן־ליב אין געדאנק אויס־געטייטשט ר׳ לייזערס ענטפער און מיט א געבראכענעם קול האט ער געזאגט:

— אזוי צי אזוי, א יישר איך, ר׳ לייזער, פאר אייער טרחא.

פון דעם דאזיגען יישר איז דער רוהיגער ר׳ לייזער אבי־סעל ווייכער געווארען און האט דאך געפונען א טרייסט־ווארט:

— עט.. קיין סכנות איז ניטא... מען וואוינט אין ערגערע שטיבלעך ביי אונז... גאט איז א פאטער...

און איז אוועק...

חאטש די לעצטע ווערטער פון ר׳ לייזער׳ן האבען אהרן־ליב׳ן אביסעל צוריק בערוהיגט, איז ער דאך א גאנצען טאג אומגעגאנגען ווי צודולט. אלע ווייל געהויבען די אויגען צום באלקען, געטאפט אינווייניג די ווענד, די פענסטער, אזוי אז ביילע האט עס בעמערקט און געפרעגט איהם:

— וואס טאפסטו א גאנצען טאג...

— וואס טאפ איך, וואס — האט ער צודולט געענטפערט

— איך טאפ גאר ניט...

און אין אווענד, ווען אלע זיינען אין שטיבעל געשלאפען, האט ער אראבגענומען פון אלטען אלמער דעם צוויי קאפיקענעם לוח׳ל און געזוכט די „וועטערונג".

דער לוח האָט צוגעזאָגט אויף א פּאָר חדשים פרעסט, שפּע־טער רעגענס! ווינטען ערשט אין א האלב יאָהר ארום...
און אהרן־ליב האָט זיך אביסעל בערוהיגט...

# דער וואלד און שטוב,

וואלף פריידעס איז געווען א שטרענגער טאטע, האט קיינ־מאל ניט ערלויבט זיין אינגעל זאל זיך שפּיעלען, אז משה׳לע פלעגט זיך אין א פרייער צייט ארויסכאפּען אויפ׳ן הויף אדער אין גאס נעבען שטוב, פלעגט שוין וואלף איהם היטען דורכ׳ן פענסטער און אכטונג געבען, אז ער „זאל ניט איבערקעהרען די וועלט". — איבערקעהרען די וועלט האט ביי וואלף פריידעס געהייסען ווען משה׳לע פלעגט זיך איינבויגען, אויפהויבען א שפּענדעל און עס א ווארף טהאן. דערפאר פלעגט משה׳לע גלייך בערויבט ווערען פון זיין פרייהייט!

— אין שטוב אריין, יונגאטש דו! — פלעגט וואלף אן אויפגעקאכטער איהם רופען דורכ׳ן פענסטער, וועלכען ער האט צוליעב דעם עקסטרא א ביסעל אויפגעעפענט און משה׳לע לאזט זיך אריין צוריק אין שטוב, שטעלט זיך אוועק מיט אן אראב־געלאזטען קאפּ און ווארט אויף א פּסק.

— וואס האסטו דארטען געטהאן?

— גאר נישט... — פערטיידיגט זיך משה׳לע.

— אזוי גאר, גאר ניט... דו ביזט נאך צו אלע צרות א ליג־נער אויך... ווערט וואלף נאך בייזער און נעהמט זיך צו משה׳־לעס אויער...

און משה׳לע האלט פאר א גליק, אבקומען די שטראף מיט׳ן אויער אליין... כאטש דער וועהטאג איז גענוג גרויס, אבער צו שמייסען קומט דאס ניט.

שמיץ בעקומט משה׳לע ווען ער גנבה׳ט זיך ארויס אין א זו־מערדיגען טאָג פון דער היים, ווערט פערלוירען אויף עטליכע שעה און נאָך א שטרענגער אויספארשונג געפינט מען אויס, אז ער איז געווען מיט א „חברה" אין וואלד.

— אין וואלד גאָר לויפען! זינגט צו דער טאטע נאָך יע־דער שמיץ, א שייגעץ ביזטו! ווייניג שכר לימוד צאָהל איך פאר דיר? ניט גענעבען ערשט דיין רבי׳ן א בלוטיגען פינפעריל?...

אלץ וועט דער שטרענגער וואָלף מוחל זיין משה׳לען אין א צייט ארום, אבער דעם וואלד וועט ער איהם שטענדיג דער־מאָהנען.

— איך וואָלט געוואָלט וויסען, וואָס האסטו געטהאָן דאָר־טען אין וואלד? — נעהמט ער איהם אמאָל אויף א פערהער אין א פּאָר חדשים ארום...

און משה׳לע שטעהט א פערשעהמטער און ווייס ניט וואָס צו ענטפערען.

---

ערב שבועות לאכט משה׳לע פון טאטען. דאס הייסט ניט אין דער הויך לאכט ער, נאָר ביי זיך אין הארצען. גלייך ווי ער דאווענט אָב ווענדט ער זיך צו דער מאמען:

— גיב מיר עסען, ווארים איך האָב ניט קיין צייט, איך מוז געהען אין וואלד...

ער זאָגט עס אזוי הויך, אז דער טאטע זאָל הערען.

ער וויל זיך דאָס נוקם זיין אן טאטען, דער טאטע ווייס אז משה׳לע געהט היינט אין וואלד ניט צו שטיפען, נאָר צו־ליעב גרינס אויף שבועות. אזוינס פערוועהרען איהם קען ער ניט, עס איז פּאָרט א מנהג ביי אידען, כאטש אז ער וויל קאָן ער זאגען, אז דאָס איז ניט שטארק־אידישליך. אבער ווי באַלד א מנהג איז פערפאלען און ער ווענדעט זיך צו משה׳לען:

— אָבער דו זאלסט געהן ווי א מענש, ניט לויפען, ניט

צורייסען די בגדים, ניט צושניידען די פינגער און ניט פער־טשעפען זיך מיט שקצים...

משה'לע פערשפרעכט אז ער וועט ניט עובר זיין אויף קיין שום לאו פון דעם טאטענ'ס תורה. אין הארצען אבער לאכט ער זיך אוים: היינט מעג ער אלץ. עס איז ערב שבועות און ער מוז פערזארגען מיט גרינס, היינט זיינען אלע מיט איהם: די עלטערע שוועסטער, די מיטעלע, די מאמע און אפילו דער זיידע, וועלכער קומט איהם אלע מאל מוסר'ן, כאטש משה'לע ווייס ניט וואס וויל פון איהם דער זיידע — קיינער וועט איהם היינט, ערב שבועות ניט שטערען צו געהן אין וואלד מיט חברים נאך גרינס.

---

א זייגער צוויי איז שוין משה'לע צוריק מיט'ן גרינס, וועל־כעם ער האט געבראכט אין צוויי גרויסע בינטלעך. ער בינדט זיי אוים, לעגט זיי אוועק אין מיטען שטוב, און הויבט אן מיט דער הילף פון דער עלטערער שוועסטער אנשטעקען די גרי־נע ריטלעך אין די שפאלטען פון דעם באלקען, ארום די פענס־טער, ביים טהיר און וואו נאר עס לאזט זיך און לאזט זיך ניט...

— ווי עס שמעקט א מחיה! — קוויקט זיך די מוטער, שטעהענדיג ביים אויווען.

אויך די שוועסטער קוועלען אן פון דעם אנגענעהמען וואלד־ריח, וואס די ריטלעך האבען ארויסגעדופטעט אין שטוב. דער טאטע אליין געהט צו, נעהמט א ריטעל, לעגט איהם צו צום נאז, ווי מען לעגט א הינערשע פעדער צום נאז פון א מת און אויך ער לעבט אב. אבער נתפעל ווערען פאסט איהם ניט. עס איז דאך פארט ניט מעהר ווי ריטלעך פון א וואלד. וואס פאר א ווערטה האט עס פאר אן עלטערען מענשען, ווי ער...

אבער, אז משה'לע זעהט ווי אזוי דער טאטע נעהמט אלע ווילע א ניי ריטעלע און לעגט עס צו צום נאז און שמעקט, דער־פיהלט ער זיך אזוי געהויבען, אז ער הויבט אן צו בעפעהלען דער שוועסטער:

— קלויב אויף די ריטלעך און שטעק זיי אַן אַט דאָ לעבען אַלמער...

דאָס מיינט ער דערמיט, זי זאָל ביים טאַטען צונעהמען די ריטלעך...

דאָס איז זיין נקמה וואָס ער נעהמט פון טאַטען פאַר די שמיץ, וואָס ער האָט איהם גענעבען, ווען ער איז אין א וואָכענדיגען טאָג געווען א מאָל אין וואלד...

ערב שבועות טהוט ער איהם אָב. ער ברענגט איהם א גאַנצען וואלד אין שטוב אריין און ער מוז נעבעך שווייגען, דער שטרענגער טאַטע.

# לייכטער.

די פּאָר האַלב־זילבערנע לייכטער וואָס פּנחס האָט בעקר־
מען צו דער חתונה, אַלס דרשה־געשאַנק פון אַן אַלטער מוהמען,
זיינען ביז אַ צעהן יאָהר נאָך דער חתונה אָבגעהיט געוואָרען
אויפ׳ן שעהנסטען אופן. אויב מען האָט וואָס געדאַרפט „פאַר־
זעצען" אין ענגע צייטען און סיי פּנחס, סיי זיין ווייב גנעלע,
האָבען זיך געבראָכען דעם קאָפּ וואָס מען זאָל אָוועקטראָגען
צו ליבע דעם וואָכערניק, איז דער גורל אויף די לייכטער קיינ־
מאָל ניט אויסגעפאַלען. ניט דערלעבען וועט ליבע דער וואָכער־
ניק צו האָבען די זכיה, אַז מען זאָל איהם אָוועקטראָגען די
לייכטער! אַ קישען איז אפילו אויך אַ שאָד און דערצו נאָך איז
פון אַ קישען די בזיונות גרעסער: ווי מען זאָל זיך ניט קליגלען
און איינוויקלען זי אַזוי, עס זאָל אויסזעהען ווי אַ געוועהנליך פּעק־
קעל, דערקענט מען גלייך, אַז עס איז אַ קישען. אודאי איז גלייכ־
בער דער יום־טוב׳דיגער אויבער־בגד. ווען ליבע דער וואָכערניק
וואָלט ניט געווען אַזאַ מבין אויף סחורה און וואָלט דאָס בגד
ניט אָבגעשאַצט אין צוועלף גילדען.

וועך רעדט נאָך, אַז פּנחס האָט דעם דאָזיגען יום־טוב־
דיגען בגד געגומען נוצען צייטענווייז אויך אין דער וואָכען און
דער אויבערשלאַק איז אביסעל אָבגעבלאַקירט געוואָרען, האָט
שוין ליבע דער וואָכערניק מעהר ווי אַ קערבעל אויף איהם ניט
געוואָלט באָרגען. ער וואָלט אויך דאָס קערבעל ניט געבאָרגט,
ווען ער וואָלט געזעהן דאָס קיילעכדיגע קליין לאַטקעלע, וואָס

דער דאָזיגער יום־טוב׳דיגער בגד האָט פערמאָגט. צום גליק איז אָבער לייבע געווען א קורצזיכטיגער און האָט די קונציג־געלעג־טע לאַטקעלע ניט דערזעהן.

אבער אין א בעל־הביתישקייט געפינט זיך נאָך גאָט צו דאנקען וואָס צו פערזעצען. א מעשענער סאַמאָוואר איז אויך עפּעס ווערט. אז מען שייערט איהם אויס גלאַנצט ער ווי גאָלד און ביי לייבע דעם וואכערניק צושפּיעלט זיך אזוי דער יצר־הרע צו איהם, אז ער בארגט אויף איהם, אזש אנדערהאלבען קערבלעך, ניט קוקענדיג וואָס צווישען די פּיעלע משכנות, וואָס ער פערמאָגט, זיינען דאָ אודאי ביי א צעהן סאַמאָווארען.

מיט איין וואָרט — צו די לייכטער איז דאָס אונגליק א לאנגע צייט ניט דערגאנגען. ערשטענס איז נאָך די נויט ניט געווען קיינמאָל אזוי גרויס, אמת, אין די ערשטע צעהן יאָהר נאָך דער חתונה האָט שוין פּנחס פערמאָגט ביי א זעקס קינדערלעך, צום גליק אָבער זיינען די פיער עלטערע געווען מיידלעך און אין חדר האָט מען זיי ניט בעדארפט שיקען. די אינגלעך זיינען נאָך געווען קליין: דאָס מוזיניקעל איז אלט געווען סך הכל צוויי יאָהר, און דער אנדערער איגנעלע פיער יאָהר. דערצו האָט נאָך פּנחס געהאט שטיצע פון זיין שווער, ביי וועלכען ער האָט געמאָהנט ביי א פופציג רובעל, וואָס איהם איז געקומען צום נדן און דער שווער פלעגט פון צייט צו צייט צוּוואַרפען א פּאָר רובעל, ניט אזוי אויפ׳ן חוב פון׳ם נדן, וועלכען דער שווער האָט געלייקענט, נאָר צוליעב דער טאָכטער, וואָס האָט געהאט פון פּנחס׳ן אויסגעריסענע יאָהרען און ער האָט איהר אלע פאר־געוואָרפען, אז איהר טאַטע האָט איהם אָנגעזעצט!

עס זיינען אָבער פערגאנגען נאָך עטליכע יאָהר, דער שווער איז, כאָטש נאָך ניט געשטאָרבען, אָבער ער איז אזוי פער־אָרימט געוואָרען, אז ער איז געווען טויט לעבעדיגערהייט. פאַ־דערן ביי איהם דעם אלטען חוב וואָס עס קומט איהם פון די פופציג רובעל נדן איז אן אונמעגליכע זאך . . . פּנחס

האָט שוין געדראנקט גאָט, אז דער שווער לאָזט א י ה ם צו רוה. פאַרזעצען איז שוין נים געווען וואָס. דער סאַמאָוואַר איז שוין אויך ביי לייבע׳ן געבליבען און ווערליג ער בעריהמט זיך, האָט ער איהם שוין פערקויפט, ווייל פנחס האָט צו לאנג איהם ניט אויסגעלייזט און „פאַ זאקאַנו“, האָט ער געהאט רעכט צו כענדיק האָט איהם ניט פערקויפט, ער וויל נאָר אזוי צוריק איהם ניט אָבגעבען, ווייל דער סאַמאָוואַר איז א מציאה א פינף רובל און געבאָרגט האָט ער אויף איהם בלויז אנדערהאלבען רובעל. אָבער פנחס האָט אפילו ניט געפּרובט פּראָטעסטירען, ווייל ניט נאָר האָט ער דעם סאַמאָוואַר ניט געקאָנט אויסלייזען, נאָר ער האָט געדאַרפט אָנקומען ווידער צו לייבען מיט נייע משכנות. הלואי וואָלט נאָר געווען וואָס צו פערזעצען !

דער יום־טוב׳דיגער בגד איז שוין פאר דער צייט געוואָרען ניט נאָר וואָכעדיג, נאָר אין גאנצען צוריסען אזוי, אז אין דער וואָכען איהם טראָגען איז שוין אויך ניט געווען קיין גרויס כבוד... בלייבען נאָך די קישענס, איז צוויי, די אמת׳ע פוכאָווע, ליגען שוין טאַקע ביים וואָכערניק, און פאר די אנדערע צוויי שטעלט זיך איין געלע; זי זאָגט, אז מעהר לאָזט זי ניט פער־זעצען קיין בעטגעוואַנט.

— וואָס־זשע, ווערסטו פערזעצען, חכמה מיינע ? — האָט איינמאָל פנחס א פרעג איהר געטהאָן, ווען אין שטוב האָט שוין געפעהלט ניט נאָר אויף שבת, נאָר אויף א געבעקס ברויט.

— ווייס איך וואָס ? — האָט געלע געקנייטשט דעם אזוי אויך געקנייטשטען שטערן — פון מיינעטוועגען וואָלט איך פערזעצט די נשמה מיינע . . .

— די נשמה דיינע דאַרף לייבע ניט . . . — האָט פנחס נאָך געהאט מוט צו וויצלען זיך (פון דער נאַטור איז פנחס טאַקע געווען א וויצלער !)

— נו, טאָ פערזעץ דעם טלית און תפילין ! — האָט געלע מיט גאל געזאָגט.

— ווי באַלד אז שוין יא אזוי ווייט, איז דאָך גלייכער די

לייכטער... — האָט פּנחס דיפּלאָמאַטיש אנגעדייטעט, און נאָך א קורצען שווייגען האָט ער ערקלעהרט דעם שכל:

—דעם טלית און תפילין, פערשטעהסט זיך, מוז איך האָבען אלע טאָג און די לייכטער דארפסט דאָך האָבען בלויז איינמאָל א וואָך... און אז מען וויל בענטשט מען ליכט אויף ציגעל . . .

געלע האָט געוואָלט אויסזידלען איהם פאר דעם דאָזיגען העזה'דיגען פאָרשלאָג אָבער אנשטאָט זידלען האָט זי זיך צעוויינט.

—טאָמער האָב איך נאָך פיער שטיקלעך לייכטער, ווילסטו דאָס אויך אוועקטראָגען צו „איהם“, צום גזלן.

פּנחס, בטבע א ווייכהערציגער מענש, האָט קיין טרערען ניט געקאָנט פערטראָגען און ער האָט בעשלאָסען מעהר די לייכטער ניט צו דערמאָנען.

אָבער אז די נויט איז אין א פּאָר וואָכען ארום אויסגעוואקסען, אז זי האָט שוין ענג געמאכט דאָס גאנצע שטיבעל און מען איז שיעור ניט דערשטיקט געוואָרען, איז פּנחס, אזוי זיצענדיג און טראכטענדיג וואָס צו פערזעצען אויסער די לייכטער און טלית און תפילין, — פּלוצים בעלויכטען געוואָרען פון א גרויסער אידעע.

ער האָט זיך אויפגעהויבען פון אָרט. זיך דורכגעגאנגען איבער'ן שטוב, האָט פון גרויס אויפרעגונג ארויפגעטראָטען אויף א הענטעלע פון א קינד, וואָס איז ארומגעקראָכען אויף דער פּאָדלאָגע, און ניט נעהמענדיג אין אכט דאָס געוויין פון קינד, האָט ער זיין אידעע הויך אויפ'ן קול געמאָלדען אין שטוב:

ער האָט אָנגעהויבען מיט א קליינער הקדמה:

— געלע, דו וועסט גאָר ניט טרעפען, וואָס פאר א פּלאַן איך האָב.

— דיינע פּלענער! — האָט געלע אפּיקורסיש געמורמעלט:

— דו וועסט הערען, וועסטו זיך כאַפּען פאר'ן קאָפּ.

— פאַר'ן קאַפּ כאַפּ איך מיך שוין, — האָט גנעלע געזיפצט

— ער ווערט מיר סיי־ווי־סיי צופּלאַצט . . .

— וועסט זעהען גנעלע ווי גוט עס וועט זיין . . .

— נו, נו, לאָמיך שוין הערען ! — איז גנעלע אליין געוואָרען אונגעדולדיג.

— טו הער מיט קאַפּ ! — האָט פּנחס זי אויפמערקזאַם געמאַכט — איך וועל טאַקע ליבע דעם גזלן אָוועקטראָגען צו פערזעצען די לייכטער. אי וואָס ? פרייטאָג וועסטו דאַרפען בענשען ליכט און אויף ציגעל בענשען ווילסטו ניט, וועל איך איהם פרייטאָג פאַרנאַכט אָוועקטראָגען דעם טלית און תפילין און אויסלייזען צוריק די לייכטער. שבת דאַרף מען דאָך ניט קיין תפילין, אי וואָס א טלית אויף שבת אין דער פריה ? וועל איך, פערשטעהסטו מיך, שבת דאַוונען ותיקין און וועל „כאַפּען" דיין טאַטען'ס טלית — פערשטעהסטו דעם פּלאַן ! . . .

גנעלע האָט יאָ פערשטאַנען און ניט פערשטאַנען און ענד־ליך האָט זי זיך אָבגערופען :

— נו, און זונטאָג ?

— זונטאַג, בהמה דו, טראָג איך אוועק צוריק די לייכטער און לייז אויס דעם טלית און תפילין...

— ביז־וואַנען־זשע וועט זיך עס ציהען אזא מעשה ? — האָט גנעלע שוין נאָכגיעביג א פרעג געטהאָן.

— ביז וואַנען גאָט וועט העלפען. — האָט פּנחס זיך געפּרובט צו־חנפה'נען צו גנעלע'ן און צו גאָט, וואָס ער האָט פאַרביידע מורא געהאַט . . .

אָבער גנעלע האָט זיך געבאַפּט, אז ווי אזוי קאָן גאָט העל־פען, אז מען פערזעצט לייכטער און א טלית.

— מיר דאַכט דוקא פערקעהרט, אז ער קאָן נאָך שטראָ־פען . . . — האָט זי זיך צוזיפצט : מען האַנדעלט מיט זיינע הייליגע זאַכען.

אבער דאָ איז שוין פּנחס אוועק אַ ביסעל אויף אַן אפּיקור־סישען דרך און האָט ווי פאר זיך אַ מורמעל געטהאָן:

— עט, שטראָפען... מעהרער שטראָפען קען ער שוין ניט... און עס איז געבליבען ביי פּנחס'ן אוועקצוטראָגען גלייך די לייכטער....

ער האָט זיי איינגעוויקעלט אין אַ ווייס סערוועטעל און מיט אַ געבראָכען געמיט איז ער ארויס פון שטוב, לאָזענדיג געלען אַ וויינענדיגע.

דעם גאַנצען וועג האָט ער געמאַכט פּלענער, ווי אַזוי צו האַנדלען מיט'ן וואָכערניק, צי זאָל ער איהם דערצעהלען, אַז ער האָט בדעה זיי פריי־טאָג אויסצולייזען, אָדער דערווייל מאַ־כען אַ שווייג.

לייבע דער וואָכערניק, אַ הויכער מאַגערער איד, מיט האַלב־פערמאַכטע אויגען האָט בעטראַכט די לייכטער, זיי אָב־געוואויגען, און זיי אָבגעשאַצט אין זעקס רובעל; און אַזוי ווי ער באָרגט נאָר אַ דריט־חלק, וואָס עס איז ווערט, האָט ער אויסגערעכענט מיט דעם שטיקעל בלייפעדער, וואָס ער האָט אַ דאַנק איהר קורצקייט קוים איינגעהאַלטען צווישען די פינ־גער, אַז ער באָרגט דערויף צוויי רובעל און אַזוי ווי ער ווייס שוין פון פריהער, אַז זיי וועלען ליגען אַ יאָהר זיכער, נעהמט ער שוין אראָב די צוויי קאָפּיקעס אַ וואָך פּראָצענט... און אַזוי ווי דאָס יאָהר דאַרף זיין אַ עיבור יאָהר, הייסט עס זעקס און פופציג וואָכען — רעכענט ער אראָב שוין זעקס־און־פופציג מאָל צוויי:

— וויפיעל איז זעקס־און־פופציג מאָל צוויי — האָט לייבע פערזשמורעט די קליינע אויגעלעך — האָבען מיר אַ קימאַ לן... אַ קימאַ לן... אַ רובעל מיט צוועלף... פון צוויי רובעל אַז מ'נעהמט אראָב אַ רובעל מיט צוועלף — בלייבט איבער — האָבען מיר אַ קימאַ לן... אַ קימאַ לן... אַכט־און־אַכציג קאָפּיקעס האָט ער ענדליך אויסגעחשבונ'ט און

ווישענדיג זיך דעם שווייס, האָט ער ווייכהערציג צוגעגעבען:
— הייסט עס, ר' פנחס, בעקומט איהר אכט־און־אכציג קאָפּיקעס . . .

אָבער כאַפּענדיג זיך, אז ער איז שוין צו גוטהערציג, איז ער גלייך געוואָרען שטרענגער און האָט זיך אָנגערופען:
— איך בין אָבער אייך מתרה, ר' פנחס, אז מעהר ווי א יאָהר זאָלט איהר עס ניט לאָזען ליגען, וואָרים ווען ניט, וועט זיין מיט די לייכטער אזוי ווי מיט'ן סאַמאָוואר . . .

פנחס איז געשטאַנען און געציטערט ווי א בלאַט. דאָס קופּקעלע קופּער־געלט. האלב איין פערזשאַווערטע מטבעות וואָס לייבע דער וואָכערניק האָט מיט ציטערענדיגע הענט פאר איהם אויסגעלעגט, האָט איהם אָנגעקוקט ווי מיט חוזק און דראָהונג.
די לייכטער, אויסגעשייערטע און פינקעלדיגע, זיינען גע־שטאַנען געגענאיבער אויפ'ן טיש און האָבען זיך געבעטען צו־ריק. דאָס האָט דער וואָכערניק גלייך בעמערקט און ער האָט זיי, אַלע פיער געבונדען און אוועקגעלעגט זיי אונטען אין אזא מין קאַסטען, וואָס האָט אויסגעזעהען ווי אן ארון . . .

מיט גרויס שרעק האָט פנחס צוגענומען דאָס קופּקעלע געלט, איין מטבע איז אראָבגעפאַלען אויף דער ערד און איהר קלאַנג איז געווען אזוי דומפּיג און שווער.

פנחס האָט זיך איינגעבויגען, די מטבעה אויפגעהויבען און מיט א זיפץ זיך געלאָזט געהן אהיים.

אויפ'ן גאַס האָט ער זיך אָבער בעטראַכט, אז אהיים געהן טאָר ער ניט. ער מוז פריהער אריבערגעהן צום שווער און זעהן בעזאָרגען דעם טלית אויף שבת ותיקין.

אָבער דער גאַנצער פּלאַן וואָס האָט איהם פריהער אזוי בעגייסטערט, האָט ביי איהם פערלוירען זיין רייץ. ערשטענס האָט ער זיך דערמאָנט, אז דער שווער דאַווענט אליין ותיקין און צווייטענס, האָט פנחס זיך געכאַפּט, אז לייבע דער וואָ־

בערניק וועט ניט וועלען חלופ'ן די לייכטער אויפ'ן טלית און תפילין.

און פאר זיינע אויגען האָט שוין געשוועבט דער ערשטער פרייטאָג־צו־נאַכט, אויפ'ן טיש ליגען פיער ציגעל, אויף די ציגעל ברענען פיער ליכט און געלע שטעהט איבער זיי א פער־ווײנטע און בעטריעבטע . . . .

און ער האָט זיך געלאָזט געהן מיט וואקעלדיגע טריט, ניט וויסענדיג אליין וואוהין: צום שווער אָדער אהיים צו געלען . . . און אפשר גאָר צוריק צו לייבע'ן — אָבנעהמען די פיער האלב זילבערנע לייכטער, אויב יענער וועט נאָר גע־בען . . .

ער איז דאָך אן אמת'ער גזלן! . . .

# דער מאמעס פעדערען.

אויסער די צוויי גרויסע קישענס האטביילקע אויך גע־האט א פערענע, וואס די מוטער האט איהר געגעבען אין וועג אריין קיין אמעריקא. די דאזיגע פערענע האט פערמאגט דריי ציכען. די ערשטע צוויי זיינען געווען פון ווייסען לייוונט און די אונטערשטע א רויטע. געגעבען האט עס איהר די מוטער מיט דער כונה, אז ביילקע זאל דארטען קריגען א רעכטען חתן. עס איז אבער געגאנגען א יאהר נאך א יאהר, ביילקע האט שוין געארבייט אין צעהנדליגער שעפער, זיך בעקענט מיט צעהנדלי־גער באיעס, מיט איינציגע פון צייט־צו־צייט אפילו א כלה גע־ווען, — דאס בעטגעוואנט איז אבער אלץ געבליבען פאר איהר אליין. —

די געשיכטע פון די צוויי קישענס איז פאר ביילקען דונ־קעל געווען. זי האט ניט געוואוסט, ווען האט די מאמע זיי אנגעשלאגען און דערפאר האבען זיי אויף איהר קיינמאל קיין איינדרוק ניט געמאכט, דערפאר אבער האט זי געוואוסט, אז די פערענע האט די מוטער איהרע בעקומען צו איהר חתונה. שוין א געשיכטע פון פופציג יאהר און ווען זי פלעגט אראב־ציהען די אויבערשטע צוויי ציכען און דערזעהן די אונטער־שטע, די רויטע, פלעגט איהר הארץ אנהויבען העפטיג צו קלא־פען. עס האט זיך איהר געדאכט, אז די דאזיגע רויטע ציך איז אנגעפיקעוועט מיט פאסירונגען פון איהר מאמעס לעבען.

אינווייניג אין הארצען פלעגט איהר .עפּעס אנהויבען צו וויינען און זי פלעגט צוריק אָנטהאָן די אויבערשטע ציכען, וועלכע זיינען שוין געווען געמאכט דאָ אין אמעריקאָ און זייער יחוס איז געווען ניט גרויס — געוועהנליכע ווייסע ציכען אָהן פער־גאנגענהייטען און אָהן סודות.

עס זיינען אריבער נאָך א פּאָר יאָהר אין דער פרעמד און די שטארקע, פערצייטיגע רויטע ציך האָט אָנגעהויבען צו צוציהען זיך, צוגעהן און קליינע פּערערלעך פלעגען זיך ארויס־שפּארען פון אינווייניג. ביילקע פלעגט אין דער פריה, ווען זי פלעגט זיך איילען אין שאַפּ צו געהן, מוזען לענגער קאמען איהרע שוין שיטערער געוואָרענע האָר און ארויסנעהמען פון דאָרט די פּערערלעך, וואָס זיינען איבער נאכט אָנגעקראָכען פון דער אלטער ציך ארויס . . .

ביילקע האָט מיט שרעק בעמערקט, אז די דאָזיגע פופ־ציג־יעהריגע רויטע ציך הויבט זיך אָן צו רייסען און פריהער אָדער שפּעטער, וועט זי מוזען די פּערערען איבערשיטען אין א נייער ציך. זי האָט עס אָבער אָבגעלעגט פון טאָג צו טאָג, פון וואָך צו וואָך און פון חודש צו חודש. ניט דאָס, וואָס זי איז פערנומען געווען האָט איהר געשטערט דעריין. אויך ניט דאָס געלט וואָס א נייע ציך דאַרף קאָסטען האָט איהר אָבגעהאלטען. איהר הארץ האָט זיך געשראָקען אויפצומאכען די דאָזיגע אלטע ציך, וואו עס ליגען די פּערערען, וועלכע איהר מוטער האָט נאָך אָנגעשאָטען מיט איבער פופציג יאָהר צוריק! עפּעס האָט זיך דער בעקענדיגער ביילקע געדאכט אז זי האָט קיין רעכט ניט צו עפענען דאָס, וואָס פופציג יאָהר נאָכאנאנד איז געווען פערדעקט און בעהאלטען אונטער א שטארקער, רויטער ציך. . .

ענדליך האָט אָבער ביילקע דערזעהן, אז לענגער ווארטען קאָן מען שוין ניט. די פּערערען קריכען אַלץ מעהר ארויס און אויב עס איז איהר א שאָד צו שיידען זיך מיט דעם וואָס איז

אלט פופציג יאהר, ווי די רויטע ציך, זיינען דאך די פעדערען אליין אויך אזוי אלט און זיינען נאך מעהר טייער!

און איינמאל, אין א פרייען זונטאגדיגען פריהמארגען, האט זי זיך גענומען איבערשיטען די פעדערען אין א נייער אונ־שטערטער ציך.

געוואוינט האט ביילקע אין א צימערעל ביי איהרע לאנדס־לייט. די מיסעס, אויך אן עלטערע פרוי האט איהר מוטער גוט געקענט און ווען ביילקע האט איהר מיט א שמייכעל אי־בערגעגעבען, אז זי געהט איבערשיטען די פעדערען אין א נייער ציך, האט יענע געענטפערט:

— געוויס, שוין צייט, די ציך איז שוין אלט אריבער פופ־ציג יאהר! א קלייניגקייט — אמאליגע שטאף!

ביילקע איז אריין צוריק אין איהר צימערעל, האט גע־נומען די פערינע און זי בעטראכט נאך א מאל! די אונטער־שטע ציך איז שוין ווירקליך געווען אלט און צודריבעלט, לענגער האלטען אין איהר די פעדערען האט מען שוין ניט געקענט. מיט א קלאפעדיגען הארצען האט זי זיך גענומען זי אויפצו־עפענען . . .

זי האט אריינגעלעגט די האנט איהרע אינווייניג און איהר האט זיך געדאכט, אז זי האט אנגעריהרט אזוינס, וואס איז שוין לאנג געשטארבען און צוריק לעבעדיג געווארען. די פעדערען האבען זיך צולאזען אין דער לופטען, זיי זיינען גע־פלויגען איבער'ן צימערעל, און ניט געהאט קיין מאכט זיך אראבצולאזען אויף דער ערד.

און איבערשיטענדיג די פעדערען אין דער נייער ציך, וואס איז געמאכט געווארען שוין דא, אין אמעריקא פון א ביליגער לייווענד, און פערנעהענדיג זי צוריק — האט ביילקע דערפיהלט, ווי זי האט אבגעטהאן עפעס א שרעקליכען פער־ברעכען. איהר אלטע מוטער איז געשטאנען פאר איהר און טרויריג געשאקעלט מיט'ן קאפ, און, דאכט זיך, געשטראפט:

—אזוי,ביילקע ? — האסט מיינע פעדערן, אויף וועלכע איך האב יאהרען אבגע־חלומ׳ט, איבערגעשאטען אין א פרעמ־דער ציך. מיינע איז דיר ניט אנגעשטאנען !

זי האט אויפגעהויבען צוריק די אלטע ציך, האט זי שטארק געדריקט צו זיך און א שטראם טרערען האט ארויסגעשפארט פון איהרע אויגען.

די פעדערן וואס זיינען געפלויגען און זיך אומגעדרעהט אין דער לופט, האבען ווי בעמערקט איהרע טרערען, און האבען זיך צוגעקלעבט אן איהר פייכטען געזיכט.

און אריינגעהענדיג צוריק אין צימער מיט די צוגעקלעבטע פעדערען צום נאסען געזיכט, האט די בעל־הבית׳טע געלאכט און געזאגט :

— ביילקע, וואו האסטו עם געקראגען א ווייסע בארד ?...

ביילקע האט זיך בעמיהט צוריק צו שמייכלען, זי האט אבער זיך ניט געקענט בעהערשען און דערמאהנענדיג זיך אן דער מאמעס פערענע און אן איהר אייגען איינזאמען לעבען איז זי שנעל צוריק אין צימערעל אריינגעלאפען, האט אויפ־געהויבען די רויטע ציך פון דער ערד, האט זי זיך שטארקער צוגעוויינט און דורך די טרערען, גערופען נאכאנאנד — מאמע, מאמע !. . . .

די ציך האט זיך ווי בעוועגט אין ביילקעס האנט און די פעדערלעך, וואס האבען זיך דא און דארט נאך ארומגעיאגט איבער׳ן צימערעל, זיינען זיך צוזאמען געקומען אלע צו ביילקען, זיך ארומגעקלעפט ארום איהר געזיכט און האבען איהר גע־טרייסט און געבראכט גרוסען פון איהר מאמען, פון פופציג יאהר צוריק, ווען זי איז געווען יונג און שעהן און גליקליך . . .

און פאר ביילקע׳ן האט דורכגעשוועבט דאס גאנצע לעבען פון דער מאמען. זי האט זיך דערמאנט אן א ווינטער־נאכט אין דער היים. זי, ביילקע, איז נאך א קליין מיידעלע געווען, אבער דאס וואס די מאמע האט דערצעהלט, האט זי אלץ פער־

שטאַנען, צו פופצעהן יאָהר האָט די מאמע חתונה געהאַט . . .
דעמאָלט האָט דאָס געהייסען שוין ניט גאָר קיין יונג מיידעל...
אלע האָבען געלאַכט, ווען די מאַמע מיט איהר גוטען שמייכעלע
האָט עס דערצעהלט . . . די עלטערע שוועסטער, וועלכע איז
דעמאָלט אלט געווען זיבצעהן יאָהר האָט זיך פערשעמט, און
זי אליין, ביילקע, א צעהן־יעהריגע מיידעל, האָט דעמאָלט בע־
שלאָסען אז זי וועט אויך חתונה האָבען צו פופצעהן יאָהר . . .

און אָט האָט זיך אלץ איבערגעדרעהט — די מאמע איז
איצט אליין, די קינדער זיינען זיך צופאָהרען און זי, ביילקע איז
שוין באלד צוויי מאָל פופצעהן און דער מאַמעס פעריגע האָט
שוין ארומגעוואַנדערט אויף באהנען און שיפען, און דאָ, אין
אלערליי צימערען — און אָט האָט זי דעם לעצטען זכר פון
איהר אויסגעטהאָן!

און דעם גאנצען זונטאגדיגען טאָג האָט זיך ביילקע גע־
פיהלט, ווי זי האָט אָבגעמעקט א שטיק פערגאנגענהייט פון
דער מאמען, פון איהר און איז געבליבען ביי א טרויריגער גע־
גענוואַרט און ביי א פערשלייערטער צוקונפט, פון וועלכער עס
איז אזוי שווער דעם שלייער ארונטעצורייסען . . .

און אויף מאָרגען ווען זי איז שוין געשטאַנען אין שאפ גע־
בען דער ניט גאָר בעקאנטער מיידעל, מיט וועלכער זי האָט
צוזאמען געארבייט און ווען יענע האָט איהר קאלטבלוטיג גע־
פרעגט : נו, וואָס הערט זיך ? האָט ביילקע זיך ניט געקאָנט
איינהאלטען און איהר דערצעהלט :

— איך האָב נעכטען מיין פערענע איבערגעשאָטען.

דאָס מיידעל האָט א גענעץ געטהאָן און האָט געענטפערט :

— א וויכטיגע זאך — א פערענע !

האָט איהר ביילקע גענומען ערקלערען, אז די פערענע איז
שוין אלט פופציג יאָהר און אז איהר מאמע האָט איהר בעקו־
מען צו איהר חתונה, האָט זיך שוין דאָס מיידעל פעראינטערע־
סירט.

— און ווייסטו, ווי אלט ס'איז געווען מיין מאַמע צו דער חתונה ?

— וויפיעל ? איז שוין יענע נייגעריג געוואָרען.

— פופצעהן יאָהר ! . . . האָט ביילקע ענטדעקט.

—יאָ, אַמאָל פלעגט מען חתונה האָבען יונג — האָט דאָס מיידעל שוין צו זיך אליין געמורמעלט און האָט א שטילען זיפץ געטהאָן . . .

# דער טויטער־לעבעדיגער*

(ערצעהלונג)

צווישען די אלע עלטערע מענשען, וועלכע האבען זיך מיר אין מיין זכרון איינגעפּרעסט איז אויך געווען העניך דער שניי־דער, וועלכער האט געוואוינט אין אונזער גאס. אז איך בין געווען א צוועלף־יעהריגער אינגעל איז שוין העניך געווען א איד מיט א גראהער באָרד און פלעגט אלע אין דער פריה מיט א געבויגענעם רוקען פערבייגעהן אונזער הויז מיט'ן טלית און תפילין, — דאס פלעגט ער געהן אין און פון בית־מדרש.

אפטמאָל פלעגט ער זיך אבשטעלען כאפּען א שמועס מיט מיין טאטע'ן, וועלכער פלעגט שטעהען אויפ'ן הויף מיט א גראָבען טיטונעם פּאפּיראָס אין מויל. מיין טאטע, א פריינד־ליכער מענש, פלעגט דעם דאזיגען עהרליכען ארבייטער ניט אזוי שנעל אבלאָזען. פריהער פלעגעט מען רעדען וועגען וועטער, נאָכדעם וועגען מקחים אויף פערשיעדענע סחורות און שפּעטער פלעגט מען אריבערגעהן אויף פערזענליכע פראַגען.

צו דער פערזעהנליכער פראַגע האט געהערט אויך די פראַגע וועגען העניך'ס עלטערען זוהן, וועלכער איז אין אמעריקא. מיין טאטע וועלכער האט זעהר שטארק געהאלטען פון אמעריקא איז שטענדיג נייגעריג געווען צו וויסען, וואס העניך'ס זוהן שרייבט פון דאָרטען און וויפיעל ער פערדיענט. העניך פלעגט מיט א שטראהלענדען געזיכט דערצעהלען, אז זיין זוהן איז דאָרטען גליקליך. ער מאכט אויף היגע געלט צוואנציג רובעל

די וואָך און דערצו פלעגט ער צולעגן מיט א שמייכעל :
„בעט ער מיך איך זאָל קומען צו איהם. איך מיט מיין גיבער
האנט וועל דארטען געהן אין גאלד!“.

— אזוי שרייבט ער טאקע, „געהן אין גאָלד!“ — פלעגט
העניך איבערגעבען דעם תוך פון זיין זוהן׳ס בריעף.

און אז מיין טאטע פלעגט איהם צורעדען, ער זאָל טאקע
פאָהרען, פלעגט העניך א שמייכעל טהאָן, אָנווייזען אויף זיין
גראָהער באָרד און ענטפערען :

— ניין. איך בין שוין צו־אלט !

איך, וואס איך האָב ליעב געהאט זיך צוצוהערען צו די שמוע־
עסען פון עלטערע מענשען, כאטש מיין טאטע פלעגט מיך
שטענדיג אוועקטרייבען, פלעג דעמאָלס בעטראכטען העניך׳ס
באָרד און האָב זיך משער געווען. אז ער איז שוין א איד א
זקן.

שפעטער, אז איך האָב מיין שטעדטעל פערלאָזט און פלעג
אמאָל זיך בעגעגענען ערגעץ מיט אן ערשט אָנגעקומענעם פון
דער היים, פלעג איך נאָכפרעגען אויף אלע איבערגעבליבע־
נע אין מיין גאס. צווישען דיעזע אלע האָב איך ניט פער־
געסען העניך דעם שניידער. פאַרגעשטעלט האָב איך זיך שוין
אז אלטען מאן מיט א ווייסער באָרד. קיין גענויע גרוס האָב
איך אָבער פון איהם ניט בעקומען. נאָך שפעטער, אז איך
האָב געפרעגט וועגען איהם, האט מען געדריקט מיט די פלייי־
צעס : „העניך דער שניידער ? דאכט זיך ער איז געשטאָר־
בען“.

און איך האָב זיך גלייך פאַרגעשטעלט דעם שטעדטעלשען
בית־עולם, וואו עס ליעגט העניך דער אלטער שטילער שניידער
פון אונזער גאָס. אזוי ווי קיין למדן איז ער ניט געווען האָב
איך זיך אויך פאר איינוועגס פאַרגעשטעלט די שורה אין
וועלכער ער ליעגט ; אויך די מצבה האָב איך פאר די אויגען
געזעהען. דאס איז געווען א פּראָסטער ניט אויסגעארבייטער

שטיין, אויף וועלכען עס זיינען געשטאנען די פּאָר ווערטער:
פּה נקבר ר׳ העניך בן זרח החיט . . .

און דערמאָנענדיג זיך פון צייט צו צייט אָן מיין שטעדטעל מיט אַלע איהרע לעבעדיגע און געשטאָרבענע פלעג איך אויך אָן איהם זיך דערמאָנען, און כאָטש קיין גרויס שייכות האָב איך צו דעם דאָזיגען שניידער קיינמאָל ניט געהאַט, פלעגט ביי מיר די ערינערונג וועגען איהם ארויסרופען א פילאָזאָפישע שטימונג: געווען א מענש און געשטאָרבען, אפילו קיין זכר ניט געבליבען . . .

קומענדיג קיין אמעריקא פלעג איך פון צייט צו צייט זיך בעגעגענען מיט מיינע לאנדסלייט. דאָס רוב זיינען דאָס געווען קינדער פון די פערשטאָרבענע טאַטעס, וועלכע איך האָב דער־קענט טאַקע פון דער עראינערונג, ווי אזוי אמאָל האָבען זייערע טאַטעס אויסגעזעהען. זיי האָבען געהאַט דעמזעלבען אויסדרוק אויפ׳ן פּנים, דיזעלבע אויגען און די זיהן פון די פרימערע לאנדסלייט האָבען אויסגעזעהען אינגאנצען ווי די טאַטעס, א דאנק דעם, וואָס זיי האָבען ניט געשווירען זייערע בערד.

א דאנק די דאָזיגע עהנליכקייט האָב איך זיך בעגעגענט ניט זעלטען מיט געשטאָרבענע. מיין שרעק פלעגט די ערשטע צייט זיין זעהר גרויס, וויסענדיג גענוי, אז דער און דער איז שוין לאנג געשטאָרבען און אָט זעה איך איהם שטעהען פאַר מיר. ערשט געוואָהר ווערענדיג, אז דאָס איז בלויז א זוהן, וועלכער איז עהנליך צום טאַטע׳ן, פלעג איך זיך בערוהיגען און פלעג בעשליסען, אז די אמת׳ע אונשטערבליכקייט בעשטעהט טאַקע אין קינדער. אויף דער דאָזיגער מיינונג האָב איך גע־בויט א גאנצע פילאָזאָפישע סיסטעם און האָב זי פון צייט צו צייט מינדליך איבערגעגעבען מיינע פריינד, צווישען וועלכע עס האָבען זיך געפונען פיעלע, וואָס זענען געווען געגנער פון חתונה און קינדער האָבען . . .

* * *

אין דער צייט פון דעם גרויסן שניידער־סטרייק האט מיך מיינער א בעקאנטער ארבייטער - פיהרער מיטגענומען אין א האַל, וואו עס האט געדארפט פארקומען א מיטינג פון די סטרייקער. אזוי ווי דער מיטינג האט זיך נאך ניט אנגעהויבן האט מיין פריינד מיך געלאזען אין האַל צווישען די ארבייטער, וועלכע זיינען שוין געווען פערזאמעלט אין א געניגענדער צאהל און ער אליין איז אוועק צו דער פּלאטפארם.

איך האב זיך מיט גרוים נייגיערדע צוגעהערט צום גערויש און געטומעל פון די פערזאמעלטע, אין וועלכע עס האבען זיך געפונען אינגערע, עלטערע און זאגאר אייניגע גאנץ אלטע אידען. די דאזיגע אלטע האבען מיך אינטערעסירט מעהר ווי די אלע אנדערע. איבערהויפט האב איך געשענקט מיין אויפמערקזאמקייט א גאנץ אלטינקען אידען, וואס איז, וואס מעהר איך האב איהם בעטראכט, מיר אלץ מעהר בעקאנט פארגעקומען. איך האב אנגעשטרענגט מיין כח הזכרון און האב ענדליך, ווי אויסגעשריען:

— מיין גאט, דאס איז דאך דער אלטער העניך דער שניידער פון אונזער גאס...

אנפאנג איז מיין שרעק געווען אזוי גרוים, אז איך האב זיך אבגערוקט עטליכע טריט אהינטער און האב מורא געהאט זיך צו בעגעגענען מיט דעם דאזיגען מת... באלד אבער האב איך זיך דערמאנט, אז דער דאזיגער העניך האט געהאט א זוהן אין אמעריקא, הייסט עס, אז דאס איז דער זוהן, וועלכער איז עהנליך צום טאטען. די דאזיגע השערה האט מיך שוין אביסעל בערוהיגט. איך בין צו איהם צוגעגאנגען, זיך איינגעקוקט אין איהם און דאך נישט גאר אהן שרעק, איהם געפרעגט:

— זייט איהר נישט העניך דעם שניידער'ס זוהן?....

— וואס עפעס א זוהן? — האט דער אלטער ווי מיט א חוזק־טאן איבערגעפרענט — פאר וואס טאקע ניט העניך אליין!....

— העניך אליין ? ! — האב איך אויפגעשפרונגען פאר שרעק.

— וואס־זשע האט איהר זיך דערשראקען ? — האט ער מיך פערוואונדערט אנגעקוקט.

— איך... — האב איך גענומען שטאמלען — איך האב געהערט... אז איהר זענט געשטארבען !...

— געשטארבען ! — האט ער זיך צולאכט מיט א געלעכ־טער ווי פון יענער וועלט — פאר וואס זאל איך עפעס שטאר־בען ?....

— אזוי.... אזוי... — האב איך זיך שוין גענומען בערו־היגען — איז דאס געווען א פאלשער גערוס, בין איך זעהר צופריעדען . . .

און פארשטעלענדיג זיך פאר איהם האט ער זיך מיט מיר זעהר דערפערהט און גענטפערט :

— א שאלה, צי איך קען אייך !... אייער טאטע, זאל לעבען האט טאקי מיך צוגערעדט, איך זאל פאהרען קיין אמעריקא... איך וועל דאס איהם קיינמאל ניט פערגעסען ! וואס וואלט איך דארטען געטהאן אין אזא העק ?....

— און ווי געהט עס אייך דא ? — האב איך איהם גע־פרעגט...

— דא איז ווי א מאל.. א מאל ארבייט מען און א מאל סטרייקט מען... עס הייסט אין אונזער טרייד סטרייקט מען מעהר ווי מען ארבייט... אבער וועדליג מען זאגט, וועלען מיר געווינען...

הערענדיג די דאזיגע אפטימיסטישע ווערטער פון דעם שניידער, וועלכען איך האב געהאלטען שוין לאנג פאר טויט, האב איך א שמייכעל געטהאן און איהם צוגעגעבען מוטה :

— יא, ר' העניך, איהר וועט געווינען . . .

ר' העניך האט א גלעט געטהאן זיין גראהע צוגעשארענע

בערדיל, האָט מיך מיט ברייטקייט אָנגעקוקט און געזאָגט:

— וואָס דען... מיר זיינען געשטאָרבען, חלילה, צי וואָס? מיר וועלען קעמפפען ביז די לעצטע כחות. לאָמיר זיך טאָקע צוזעצען, אַט איז אַ פרייער פּלאַץ...

דער אַלטער העניך האָט זיך צעגעזעצט, אָבגעאָטהעמט און געזאָגט:

— וואָס מיינט איהר, איך בין שוין ניט קיין אינגעלע, איך בין שוין קרוב צו זיבעציג.... איך וועל זיך ניט געהן נאַריש מאַכען אויף די עלטערע יאָהרען און גלאַט סטרייקען... מיר וועלען מוזען געווינען!...

—אָבער דערווייל, ר׳ העניך וואָס טוהט איהר? — בין איך געוואָרען נייגעריג.

דערווייל, איז טאַקי שלעכט... איך בין ביי מיין זוהן... נאָר אויף איהם איז נעביך אויך אַ רחמנות, ווייל ער אַליין סטרייקט אויך....

איך האָב געוואָלט דעם אַלטען שניידער פונאַנדערפרעגען וועגען זיין לעבען פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס איך האָב איהם געהאַלטען פאַר טויט, אָבער אַזוי ווי דער טשערמאַן האָט גע־מאָלדען, אַז דער מיטינג איז שוין געעפענט, איז מיין „גע־שטאָרבענער" שניידער, אויף אַן אמת לעבעדיג געוואָרען. ער האָט אָנגעשטעלט מויל און אויערען צו הערען דעם רעדנער און אין זיינע אויגען האָט געגלאַנצט אַ פייערל פון אייביגער יו־גענד. . .

# יענער בריעף.

איך בין געזעסען ביי מיין פריינד הערמאן שטיין אין אָפּיס. עס איז געוועזען א זייגער צוועלף מיטאָג צייט. אין אָפיס איז שוין קיינער ניט געוועז. די טייפּרייטערין איז נאָר וואָס ארויס צו כאַפּען א לאָנטש. מר. שטיין, א מאן פון א יאָהר עטליכע און פיערציג, מיט א גוטמוטיגען אויסדרוק אויפ'ן מיעדליכען פּנים, האָט געהאַלטען א פּעקיל בריעף וואָס דער בריעפטרעגער האָט נאָר וואָס אריינגעטראָגען צוזאמען מיט א רעקאָמאָנדירטען בריעף, און ניט געהאט אפילו בדיעה זיי אויפ־צומאַכען. איך האָב איהם דערויף אויפמערקזאם געמאכט:

— פארוואָס עפענט איהר ניט די בריעף?

—עט האָט ער מיט א שמייכעל א מאַך געטהאָן מיט דער האנד. זיי אינטערעסירען מיך זעהר ווענינ. איך ווייס כמעט לויט'ן האנטשריפט וואָס אינוועניג געפינט זיך. פּוסטע מעשיות.

און טיעף פערטראכטענדיג זיך א קליינע ווײלע האָט ער זיך ברייט צושמייכעלט און זיך אָנגערופען:

— ווי אַלץ פערליערט דעם רייץ, ווען מען בעזיצט עס.

— צום ביישפּיעל? בין איך נייגעריג געוואָרען.

— איך מיין עס טאקע ענטקעגען די בריעף — האָט שטיין גוטמוטהיג געשמייכעלט — איצט זיינען זיי פאר מיר ווי א משא. די מעהרסטע בריעף לייענט דורך די טייפּרייטערין. און ווירק־ליך, וואָס פאר א העכערען אינטערעס קענען אויפוועקען די

געשעפטס־בריעף. אלע ווי איינע : מאי דיער סער ! עס עקעלט מיך שוין אַב. אמאַל... אמאַל... אך, אמאַליגע בריעף!...

מר שטיין האָט זיך ווי פערחלומ׳ט, ליעבליך צושמייכעלט און האָט פאַרגעזעצט.

אליין ווי איהר ווייסט, שטאַם איך פון א קליין־שטעדטיל אין ליטא. די שטעדטילשע פאָסט, וואָס האָט זיך געפונען ערגעץ העט הינטערען שטעדטיל, דאָרט וואו עס זיינען גע־שטאַנען אלע „קאַזיאַנע" הייזער, איז פאר מיר געווען איינע פון די געהיימניספולסטע געביידען אין דער וועלט. דער בריעפ־טרעגער, א הויכער דארער שגץ, וואָס האָט איבער׳ן שטעדטיל די פאָר צעהנדליג בריעף צוטראָגען, האָט זיך מיר פאָרגעשטעלט פאַר איינעם פון די גרעסטע שררות. מיר חדר־אינגלעך, וואָס האָבען ליעב געהאַט צו שטעלען פראגען : וועלכער „נאַטשאַל־ניק" איז גרעסער פאר׳ן אנדערען, צי דער „פריסטאַוו", צי דער „סליעדאַוואטיעל", פלעגען אין איין וועג שוין שטעלען די פראגע : ווער איז גרעסער דער פאָצטאַליאָן, צי דער „אוריאַד־ניק". און אן אוריאַדניק, דאַרפט איהר וויסען, איז ביי אונז אינגלעך געווען איינער פון די גרעסטע טשינען . . .

אלס אינגעל פלעג איך ליעב האָבען צו נאָכקוקען דעם דאַ־זיגע הויבען שגץ מיט׳ן מונדיר מיט די גאָלדענע קנעפ, מיט דער קאָקאָרדע אויפ׳ן היטעל, ווי אזוי ער געהט ארום איבער׳ן גאַס און לאָזט דורך צעהנדליגער הייזער און ערשט איין מאָל אין א נאָווינע טראָגט ער ערגעץ אריין א בריעף. דאָס דאָזיגע הויז האָב איך בעטראַכט פאר די אינטערעסאנסטע אין גאַס.

אז איך פלעג אמאָל זיצען פארביי אונזער הייזעל און איהם זעהן פארבייגעהן, פלעגט זיך מיר דאַכטען, אז עפּעס קוקט ער צו אונזער הויז. דאָס הארץ מיינס פלעגט אָנהויבען רעמאָלט שטארק צו קלאַפּען : ווער ווייס : אפשר פאר מיין טאַטען א בריעף ? כאָטש געוואוסט האָב איך, אז דאָס איז איינע פון די אונמעגליכסטע זאכען אין דער וועלט. פון וועמען

קענען מיר בעקומען בריעף, אז אונזער גאנצע משפחה, די זיי־
דעס און באבעס, פעטערס און מוהמעס וואוינען אלע אין איין
גאס... טאמער פלעגט זיך אמאל מאכען א חתונה ביי דער
משפחה פלעגט מען אויך די איינלאדונגען שיקען מיט'ן שמש,
א קליין ניעדריג, ווילד בעוואקסענער איד מיט א קול פון א
באנדורע :

— האט מען געלאזט בעטען צו חיים זעלדעס אויף דער
חתונה היינטיגען פרייטאג — פלעגט ער ארויסברומען.

דאס איז געווען דער איינציגער איינלאדער און די איינ־
לאדונג איז געווען שטענדיג בעל פה, נישט חלילה בכתב. דאס
האט די מחותנים פיעל ביליגער געקאסט.

זיץ איך אזוי איינמאל, בין חזמנים ארום ראש השנה
צייט פאר אונזער הייזעל און זעה ווי עס געהט פערביי דער
בריעפטרעגער און קוקט אזוי דא אויף מיר דא אויפ'ן הויז, לעזט
דערוויל פערטיעפט אן אדרעס אויף א קאנווערט, קנייטשט דעם
שטערן, קוקט ווידער אויף מיר און שטעלט זיך ענדליך אב
נעבען מיר און גיט מיר א פרעג :

— יאסעל שטיין... גריע....

כאטש מיין טאטע האט טאקע אזוי געהייסען, בין איך
דאך גלייך ניט געפאלען, אז דאס מיינט מען אונז און איך
האב צוטומעלט פאר דער זכיה אליין וואס דער „פאטשטאליאן"
איז צו מיר צוגעגאנגען מיט א פראגע, געענטפערט, „ניע זנאיו,
גאספאדין פאטשטאליאן". אבער אז דער בריעפטרעגער איז
אבגעגאנגען עטליכע טריט ווייטער, האב איך זיך געכאפט, אז
מיין טאטע הייסט דאך טאקע שטיין. ווי א משוגענער בין איך
אריינגעלאפען אין שטוב און ווילד צושריען זיך :

— טאטע ! גיכער, א בריעף !

דער טאטע, וועלכער איז אין שטוב ארומגעגאנגען אהן
א ראק, די מאמע און די איבעריגע הויזיגע, עלטערע שוועסטער

און ברידער האבען זיך גלייך נאך מיר ארויסגעלאזט הענדום פענדום אויפ'ן גאס. איך בין געלאפען פאראויס אניאגען דעם פאטשטאליאן.

— הער גאספאדין פאטשטאליאן... יאסעל שטיין... „טוט"! „טוט"...

דער בריעפטרעגער האט זיך אומגעקעהרט, פריהער זיך צו־שמייכעלט, נאכהער דערזעהענדיג די גאנצע חברה האט ער זיך געכאפט, אז עס פאסט איהם ניט צו זיין פאניע בראט, האט ער אנגענומען א ברוגז'דיגע און הערשערישע מינע און זיך צובייזערט:

— וואס זענט איהר אלע ארויסגעלאפען! ווער איז יא־סעל שטיין?

— יא... יא! האט מיין פאטער אויסגעשטרעקטביידע הענד...

דער פאטשטאליאן האט אנגעקוקט מיין טאטענס צושרא־קענעם פנים, האט געוואלט א שמייכעל טהאן, אבער זיך פער־כאפט צוריק אויף א בייזער מינע און אויסגעשריען:

— נא!

דער עלטערער ברודער האט דעם טאטען אריינגעשושקעט:

— נותן איהם א שישער...

—א שישער איז צופיעל... — האט די מאמע געזאגט.

— א זעקסערעל... — האט דער ברודער ווי בעפוילען.

דער טאטע האט מיט א פרעהליכען זיפצעלע (מיין טאטע האט געקענט פרעהליך זיפצען) ארויסגענומען פון די הויזענקע־שענעם א זעקסער און נאכרופענדיג דעם פאטשטאליאן, וועל־כער איז שוין געווען אוועק, האט ער איהם אומגעקעהרט און מיט הכנעה דערלאנגט.

דא האט דער בריעפטרעגער גלייך געביטען זיין „בעציהונג" צו אונז און און האט אויף אן אמת א שמייכעל געטהאן און בעדאנקט.

איך בין געווען איבערגליקליך פון דער דאָזיגער זכיה.
זייט דאַן פלעג איך דעם בריעפטרעגער אָנקוקן ווי א בעקאַנטען און פלעג יעדעם מאָל בעגעגענדיג איהם שוין פרעגען:
— יאַסעל שטיין... יעסט פיסמאָ.
און ער פלעגט אַפיציעל, אָבער ווערדליג אזא טשינאָווניק גאַנץ איידעל ענטפערען:
— ניעט, בראַט....
וואָס אנבעטרעפט דעם בריעף, איז ער געווען פון מיין טאַטענס א חבר, מיט וועלכען ער האָט אמאָל געלערנט אין איין ישיבה. שפּעטער איז דער חבר רייך געוואָרען, לויט ווי מען האָט בעמערקט פון דעם בריעף און ער פרעגט נאָך אויפ'ן טאַטען.
דער אדרעס צוריק איז געווזען: גאָראָד חערסאָן, יע־קאַטערינאָסלאָווסקאיא אוליצא, דאָס פּעטראָווא נומער שעסט...
איך געדענק דעם אדרעס ווי איצטער.
איך האָב עס דעמאָלט איינגעחזר'ט ווי א ליעד און פלעג עס זינגען:
גאראד הערסאָן
יעקאטערינאסלאווסקאיא אוליצא
דאָס פּעטראָווא
נומער שעסט...
מיינע חברים, די חדר אינגלעך, וואָס האָבען ניט געוואוסט, אז עס איז דאָ אויף דער וועלט א שטאָדט הערסאָן איז דאָס דאָזיגע ליעד מיינס אזוי געפעלען געוואָרען, אז זיי האָבען עס אויך אויסגעלערנט אויף אויסווענינ און מיר פלעגען ווינטער צייט, געהענדיג ביי נאכט פון חדר דאָס דאָזיגע ליעד הויך זינגען, אזוי האָט עס זיך עס שפּעטער פערשפּרייט איבער'ן גאַנצען שטעדטיל און מיר דאכט, אז דאָס איז געבליבען איצט איינע פון אונזערע פאָלקס ליעדער...
אבער ניט דאָס איז גאַנצען בין איך אויסען. די חויפּט זאך

איז, אז דער דאזיגער איינציגער בריעף, וואס מיין טאטע האט בעקומען האט אין אונזער הויז געמאכט א גאנצע איבערקערעניש. דער טאטע פלעגט יעדען טאג דעם בריעף ארויסנעהמען און פארלעזען איינמאל הויך און נאכדעם פאר זיך, אין דער שטיל, און פלעגט א לאנגע צייט ארומגעהן א פערטראכטער...

דער עלטערער ברודער, א בחור'ל פון א יאהר זעכצעהן פלעגט, אז דער טאטע איז ניט געווען אין שטוב ארויסנעהמען דעם בריעף, וועלכען דער טאטע פלעגט „גוט“ בעהאלטען אויפ'ן אלמער אונטער'ן טלית און תפילין, און פלעגט די הויפט זאך בעטראכטען דעם קאנווערט מיט די שטעמפלען און נאכדעם פלעגט ער אומגעהן הין און צוריק איבער'ן שטוב און מורמלען: הערסאן : הערסאן...

און איך האב געזעהען, אז מיין ברודער איז געווארען ענג די וועלט.... עס האט איהם ערגיץ געצויגען.

און אזוי איז ער איינמאל אין דער פריה פערשוואונדען געווארען.

שפעטער איז אוועקגעפאהרען די שוועסטער. ביז אין פער־לויף פון עטליכע יאהר זיינען מיר זיך אלע צופאהרען.

און אנגעמאכט האט עס אלץ דער איינציגער בריעף, וואס מיין טאטע האט בעקומען פון א וויימען חבר...

יא, יענעם בריעף קען איך ניט פערגעסען ! — האט מיין חבר מיט א פערבענקטען שמייכעל געענדיגט זיין עראינערונג.

און דערביי האט ער נאכלעסיג געעפענט די בריעף, וואס ער האט נאר וואס בעקומען פון דער צווייטער פאסט, דורכגעקוקט און איינעם נאכ'ן אנדערען געווארפען אין קארב...

# די לעצטע געסט.

בערע גימפּעל'ס, איז א געוועזענער בעל־הבית, וואָס האָט שוין לאנג מיט דער פערהאווענער, פערטאראמעטער וועלט געקוויטירט די חשבונות. ער איז שטענדיג געווען א בית־מדרש־איד; אהיים פלעגט ער בלויז קומען עסען און שפּעט אין אבענד — שלאָפען. אבער די אייגענע היים איז איהם שטענדיג ענג געווען. עפּעס דרעהט זיך דאָרטען ארום א אידענע, וואס איז אין א געוויסען זין געווען אמאָל זיין ווייב, אבער וואס געהט איהם להלוטין ניט אָן. דאָס אמת'ע לעבען איז אין בית־מדרש.

אבער נאָכדעם ווי ער האָט זיינע קינדער אויסגעגעבען אין ווייטע שטעדט איז איהם זיין אייגענע היים נאָך פרעמדער געוואָרען. שפּעטער איז אויך דאָס ווייב איהם געשטארבען און ער איז אינגאנצען געבליבען לעבען אין בית־מדרש.

דער בית־מדרש איז געוואָרען זיין היים.

מיט זיין היים איז ער געווען צופריעדען און גליקליך. דער בית־מדרש איז גרויס, ספרים וויפיעל דאָס הארץ געלוסט! אויך די באנק, וועלכע ער האָט אויסגעקליבען צום שלאָפען איז גענוג ברייט פאר זיין מאָגערען, אויסגעדארטען גוף.

מעהר פון אלץ אבער איז ער געווען גליקליך מיט דער שטענדיגער פרעהליכקייט אין בית־מדרש. ווינטער, פאר טאג, ווען אין אלע הייזער איז פינסטער און דרויסען איז אזוי מרה־שחורה'דיג שטיל, איז שוין אין בית־מדרש ליכטיג און בעלעבט. עס איז שוין דאָ דעם רב'ס זוהן, דער מתמיד, וואָס הוידעט זיך

איבער׳ן שטענדער מיט דער אָפענער גמרא און דאָס קול גלינגט ווי א גלאָק. אויך דער אלטער משה, דער קרעמער, וואָס קומט דאַוונען ותיקין איז ביי בערע גימפעלע׳ס אן אנגעלעגטער גאַסט. משה דער קרעמער איז אפילו א איד א שווייגער, אבער ער שווייגט אזוי פרעהליך. רייבט די הענט און קוקט זיך אַלע ווײַלע איבער מיט בערע גימפעלס און ביידע זעהען אוים ווי צוויי פערליעבטע, וואָס האָבען שוין ניט איבער וואָס צו רעדען, דער־פאַר איז אָבער דאָ וועגען וואָס צו טראַכטען... באַלד קומט אַן וועלוועל דער בעקער מיט א גוטען שמייכעלע אויפ׳ן לוסטיגען פּנים און מיט א וויצעלע, וואָס בערע גימפעלס האָט שוין פיעל מאָל געהערט, אבער איז איהם שטענדיג ניי און אָנגעלעגט.

אויך הענעך דער שוסטער, וועלכער איז פון די ערשטע וואָס קומען אין בית־מדרש צו ותיקין איז ביי בערע׳ן א חשוב׳ער איד! וואָרים אז בערע גימפעלס טראַכט זיך גוט אריין אין דעם ענין איז ר׳ יוחנן אויך געווען א שוסטער, בפרט אז הענעך אַליין איז שוין לאַנג אוים שוסטער און דעם „וואַרשטאַט“ פיהרען איצט גאָר זיינע בנים... הענעך אַליין האָט זיך גענומען צו תהלים, און צו א גרינגען פּרק׳ל משניות...

די און די אנדערע עטליכע אידען, וואָס קומען די ערשטע אין בית־מדרש אריין זיינען געווען בערע גימפעלע׳ס געסט. בע־רען האָט זיך געדאַכט, אז דאָס קומען זיי צו איהם און ער האָט געהאַלטען פאַר זיין חוב צו זיין א מכניס אורח און יעדען אויפ־נעהמען מיט א פריינדליכען פּנים. בסבר פנים יפות! מיט די בערעדטע געסט צו שמועסען זיך, מיט די שווייגענדע צו שוויי־גען און מיט אבלים — אזוינע זיינען אויך געווען — צו פילאָ־זאָפירען וועגען העכערע ענינים, וואָס זיינען ווייט פון געוועהנ־ליכע שמועסען...

נאָכ׳ן ותיקין צוגעהען זיך די דאָזיגע אידען, און עס קומען שוין אָן גאָר אנדערע דאַוונער, די אמת׳ע בעלי־בתים. מיט זיי איז בערע גימפעלס אודאי און אודאי געקניפּט און געבונדען.

דאָס זיינען אלע זיינע געסט, פאר זיי האָט ער דעם אמת'ן גר־טען שמעק־טאַבאַק... און אפילו די וואָס קומען שוין צום דריטען מנין, די סוחרים'לעך און מארק־מענשען און זיינען שטארק פער־שמייעט, נעהמט זיי בערע גימפּעלס אויך אויף ווי געסט, און אז זיי האלטען שוין ביי עלנו און שפייען אוים אין איילעניש, פּרובט זיך בערע גימפּעלס מאנכע פון זיי צו פערהאלטען:

— איהר האָט נאָך צייט, עס איז נאָך קיין ניין נישטאָ. און בערע כאַפּט זיך דערווייל אז מען דאַרף אָנציהען דעם זייגער. דאָס איז שוין זיין ארבייט, דער שמש מעג זיך אויף איהם פער־לאָזען!...

אָבער אפילו נאָך די דריי מנינים, איז דער בית־מדרש אויך ניט לעדיג. דעם רב'ס זוהן דער מתמיד קומט נאָכ'ן אנבייסען ווידער לערנען און בערע גימפּעלס טראָגט איהם צו די גמרא. שפּעטער קומט אריין פּנחס דער תלמוד־תורה מלמד א קוק טהאָן דעם זייגער. אָבער אזוי ווי דער דאָזיגער פּנחס איז שטארק קורצזיכטיג מוז ער אָנקומען צו בערע גימפּעלס און בערע גימ־פּעלס ענטפערט איהם אויף די מינוטען:

— צוויי מיט דריי־פערטעל מינוט צו איינס.

נאָך שפּעטער פאלט אריין א איד, א קרעמער, וואָס זיין קראָם איז הינטער'ן בית־מדרש און אזוי ווי דער פּדיון איז קליין צושמועסט ער זיך מיט בערען וועגען נעכטיגען מגיד, וועגען פּוילישען קלויסטער, וואָס די מלוכה געהט פערשליסען. נאָכדעם פאלט אריין נאָך א איד פון גאַס כלומרשט נעהמען א גמרא, אבער אזוי ווי דער שמועס איז שטארק עניג'דיג בלייבט ער שוין איבער און איז מבטל די צייט מיט בערע גימפּעלס. דער־ווייל קומט אָן סתם א בעל־הבית'ישער בחור'ל, וואָס איז שוין האלב א סוחר אין טאַטענס געשעפט און האלב נאָך א בן־תורה. אבער בערע גימפּעלס נעהמט אויך אזוינעם צו ווי איינעם וואָס איז צו איהם געקומען.

אין פערלויף פון טאָג קומען אריין אין בית־מדרש אלער־

ליי מענשען. און מיט יעדערען האלט בערע פאר זיין חוב צו שמועסען אביסעל. ווייל ווער א ספר און געפינט ניט אזוי גיך אין דעם גרויסען אפענעם אלמער, מיט די צעהנדליגע פאלי־צעס, לויפט בערע צו און פערזשמורענדיג די אויגען לויפט ער דורך אלע רוקענס פון אויבען ביז אראב. געפינענדיג דעם ספר, נעהמט ער איהם ארויס, בעטראכט איהם, עפענט אויף און לעזט איהם איבער דעם שער בלאט:

— אט האט איהם דעם יערות דבש... שוין! איהר זיינט טאקע א מבין אויף א ספר... און אז איינער וויל דעם ידיו אמונה, האט ער אויך א גוט ווארט:

— דער ידיו אמונה... איך גיב אייך שוין... א זעלטענער ספר.

בייטאג קומען אריין מיט רעש און געפילדער מחנות אינג־לעך פון תלמוד־תורה און פון די חדרים וואס „ליגען“ אין בית־מדרש־געגענד. דער שמש, א בייזליכער איד, האט בדעה זיי גלייך ארויסצוטרייבען מיט זיין געוועהנליכען נוסח: „ארויס שקצים פון בית־מדרש. קיין זוואניע זאל פון אייך ניט בלייבען“. אבער בערע גימפעלס, וואס האט זיך שוין איינגעבילדעט, אז דער בית־מדרש איז זיין היים, דערלאזט עס ניט. די קינדער קו־מען צו איהם. ער האט די קינדער ליעב און ער שטעלט זיך איין פאר זיי:

— וואס ארט אייך, אז די קינדער קומען אין בית־מדרש? אדרבא, עס איז דאך בעסער, ווי זיי וואלטען געשטיפט אין מי־טען מארק ווי שקצים, להבדיל...

און אז דער שמש בלייבט אבהענדיג נאך אזא ארויסטרע־טונג און בעגניגענט זיך בלויז מיט א קרומען בליק, וואס ער ווארפט אויף די קינדער — רופט צו בערע גימפעלס איינעם פון דער כאליאסטרע אינגלעך, נעהמט אן מיט צוויי מיטעלסטע פינגער דעם אינגעל׳ם פערפלאמט בעקעל און אנבויגענדיג זיך צו איהם, פרעגט ער מיט א פריינדליכען שמייכעל:

— לערנסט שוין אינגעלע גמרא ?

דער אינגעלע ענטפערט מיט א שטאָלץ : יע...

— וועלכע ?

— לקח טוב !...

בערע גימפעל צולאכט זיך שטארק :

— לקח טוב ?... הם... עס איז ניט קיין גמרא. אבער אַזוי זוי גמרא.. וועסט שוין גרייכען צו גמרא אויך.

— און דו, אינגעלע ? — ווענדעט ער זיך צו א צווייטען.

— איך לערן חומש מיט רשי ! קלינגט אב א קינדערשער ענטפער און בערע גימפעלס מוטיגט איהם :

— פיין, פיין אינגעלע...

און בערע גימפעלס לאָזט איהם שוין ניט אב און נעהמט איהם פערהערען :

— וואס איז דער טייטש : „ויתרוצצו" ?

— האָבען זיך געשטויסען...

— ריכטיג... — קוועלט בערע.

ער פערקנייטשט דעם שטערען און פרעגט נאָך עפּעס :

— וויפיעל זיהן האט געהאט נח ?...

דאָס ווייסט דאָס אינגעלע אודאי. ער צולאכט זיך און ענטפערט :

— וויפיעל נח איז קיין קונץ ניט צו וויסען... איך וויים אפילו וויפיעל זיהן יעקב האָב געהאט.

— אדרבא לאָמיר הערען.

— צוועלף ! קלינגט אוים דאָס אינגעלע און הויבט אַן צעהלען :

— ראובן, שמעון, לוי...

—איך זעה, אז דו קענסט — האקט איהם איבער בערע גימפעלס.

און אויספרעגענדיג נאָך עטליכע קינדער וועגען זייער למוד . נעהמט ער זיך צו עולם־הזה זאכען :

— וואס האסטו אינגעלע, היינט געגעסען?...

אבער דערויף בעקומט ער שוין ניט קיין געניגע תשובה. ווייל, ערשטענס ווייסען די אינגלעך, אז די שאלה איז שוין ניט ערנסט, נאר צו שפּיעלען זיך מיט זיי און צווייטענס האבען ניט אלע תלמיד־תורה אינגלעך געגעסען אזוינע מאכלים, וואס האבען אפּיציעלע נעמען און איינער שיסט אוים מיט א גע־לעכטער:

— ברויט מיט „נישט"...

די איבעריגע צולאכען זיך און הויבען אן פּאטשען מיט די הענטלעך און זינגען:

— ברויט מיט נישט! ברויט מיט נישט!

דערזעהט שוין בערע גימפּעלס, אז די אינגלעך ווערען צו־לאזען און קענען נאך „אויפ'ן קאפּ ארויפקריכען", מאכט ער זיך שטרענג און שטילט זיי איין:

— היינט גענוג... געהט לערנען..

און אז די אינגלעך הויבען זיך אן צוגעהן פּערדריסט עס איהם און ער רופט זיי צו:

— קומט, קינדער, אלע טאג, אהער... געוועהנט זיך צו א בית־מדרש...

ווינטער סטארעט ער זיך, אז דער אויוועו זאל שטענדיג ווארים זיין. איבערהויפּט אכט א זיינער אין אבענד, ווען די קינדער געהען פון די חדרים און לויפען אריין אין בית־מדרש זיך אנווארימען. דעם מעהר־פערפרוירענעם אינגעל פיהרט ער אליין צום אויוועו און זוכט פאר איהם אוים, טאפּענדיג מיט די הענט, דעם ווארימסטען פּלאץ:

— אט דא, אינגעלע, איז גוט ווארים... פּאמעלעך, ברען ניט אב די הענט!...

---

אזוי זיינען יאהרען געגאנגען. בערע גימפּעלס האט נאך אלס געוואוינט אין בית־מדרש. אבער פון די געסט וואס פלעגען

צו איהם קומען האָבען שוין פיעל געפעהלט. ווער עס איז געשטאָרבען, ווער עס איז אין אמעריקא אוועקגעפאָהרען, און די איבעריגע זיינען שוין ווייט פון בית־מדרש אוועקגעגאנגען...

בערע האָט אָנגעהויבען וואס ווייטער מעהר איינצוזעהן, אז דער בית־מדרש איז ניט דאָס, וואס אמאָל, און ער האָט זיך אָנגעהויבען צו בעקלאָגען פאר די, וואס זיינען נאָך יא געקומען אין מיטען טאָג.

— מען קומט שוין ניט מעהר צו מיר...

ער האָט זיך אבער גלייך פערכאפּט:

— איך מיין: אין בית־מדרש.

דאָס פערכאפּען זיך איז אבער געווען ניט קיין אויפריכ־טיגס, אויסען איז ער געווען דאָס, וואס מען קומט ניט צו איהם. געדאכט האָט זיך איהם, אז מיט דעם וואס מען פערלאָזט דעם בית־מדרש פערלאָזט מען דאָס איהם, און ער האָט זיך גע־פיהלט, ווי בעליידיגט און פלעגט זיך אוועקשטעלען ביים פענס־טער פון בית־מדרש, ארויסקוקען דרויסען און זוכען מיט די אל־טע אויגען די אמאָליגע געסט זיינע...

אָבער ער האָט קיינעם ניט בעמערקט.

אויך די תלמוד תורה איז איצט גאָר אן אנדערע געווארען. די מלוכה האָט זיך אריינגעמישט און מען לערנט דאָרטען מיט בענק, ווי אין די שקאָלעס... די מלמדים מוזען זיין געשטודירטע און די קינדער קומען ניט אהער, ווי אמאָל...

און בלייבענדיג איינער אליין פון נאָכ'ן דאווגען אין דער פריה ביז מנחה, פלעגט ער אומגעהן און מורמלען:

— מען קומט נישט, מען קומט נישט...

און וואָס ווייטער איז אויך אין דער פריה און מנחה צייט דער בית־מדרש לעדיגער געווארען. דער מנין וואס איז אין מי־טען וואָך קוים צוזאמענגעקליבען געווארען האָט אבגעדאווענט אין דער גיך און גלייך נאָכ'ן דאווגען זיינען זיך אלע צוגאנגען

און בערע'ן איבערגעלאָזען אליין מיט'ן שווייגענדיגען אונטער־שמש...

אָבער אויך דער אונטער־שמש פלעגט אוועקגעהן אין מארק אריין און בערע פלעגט בלייבען איינער אליין...

און איינער אליין פלעגט ער ארומגעהן פון ספרים אלמער צום פענסטער און מיעד ווערענדיג פלעגט ער זיך אנידערזעצען און קלאָגען אין דער שטיל. גלאָצענדיג די אויגען צו דער ווים־טער בימה איבערגעצויגען מיט דער טונקעלער מפּה:

— קיינער קומט ניט!...

* * *

עס איז געווען שפּעט ביי נאכט, אין עמוד האָט שוואך געצאנקט א שטיקעל ליכט, וואס איז געבליבען פון נעכטיגען יאהר־צייט.

בערע איז געלעגען אויף דער באנק ניט ווייט פון טיר און שטול, מיט נחת־רוח געקרעכצט...

ער האָט געפיהלט אין זיין גאנצען גוף א מאָדנע נייע מין מיעדקייט, א מיעדקייט, וואס דערפרישט מעהר ווי די יונגסטע כחות... ער האָט זיך דערפיהלט גרינג ווי א פעדער. אָט דאכט זיך הויבט ער זיך אויף און פליהט אוועק ערגעץ...

ער האָט צוגעמאכט די אויגען און מיט צוגעמאכטע אוי־גען האָט ער געזעהן, ווי עס עפענט זיך די טהיר פון בית־מדרש און איינע נאָך די אנדערע קומען אריין אלערליי אידען, מיט ווייסע און שווארצע און רויטע בערד.. זיי געהען און געהען און געהען און הינטער זיי געהען גאנצע רייהען אינגלעך מיט גמרות אונטער די הענט און זייערע אויגעלאך שטראַלען מיט ליכט און פרייד... אָט איז שוין פול דער בית־מדרש מיט זיי און זיי געהען נאָך און נאָך. און אָט זיינען זיי אלע שטעהן געבליבען און פון דער גאנצער מחנה האָט זיך אויסגעטיילט א הויכער זקן מיט א לאַנגער ווייסער באָרד און זיך געלאָזען געהן מיט שטאָלצע גע־מאסטענע טריט און ברייט אויסגעשפּרייטע הענד — גלייך צו

בערע גימפּעלס. דער זקן האָט געזונגען:

— מיר זיינען געקומען, מיר זיינען געקומען!

בערע האָט געוואַלט אויפשפּרינגען און די אַלע אנגעקומע־נע געסט בעגריסען און אויפנעהמען זיי ווי אַמאָל, ער האָט אָבער ניט געקענט בעוועגען זיך מיט קיין אבר:

די ליפּען בלויז האָבען קוים געמורמעלט:

— געקומען, געקומען!

---

דאָס צאַנקענדע יאָהר־צייט ליכטעל אין עמוד האָט זיך א הויב געטהאָן מיט א קנאַק זיך אראָבגעלאָזט צוריק און איז פער־לאָשען געוואָרען...

# אינהאלט:


אמאָליגע מענשען — 7
דעם זיידענס לעמטערן — 16
דער בוים — 22
יאָזעפּ אין דער אידישער גאַס — 32
ספרים — 43
דער מאָדערנער אליהו הנביא — 49
די נייע קנעלונג — 56
די פערשפּעטיגטע מלוכה — 64
דער עיבור — 71
פלאקס — 78
די קליאטשע — 96
דאָס טייבעל — 105
דער ווייטער יאריד — 112
דער פּרוש — 121
די צווייטע מוטער רחל — 133
דער נגיד — 142
אברהם דער שוסטער — 158
אריה־לייזער׳ס פערד — 169
דער העברעאישער לעהרער — 177
אויף די הויכע בערג — 184
דער פרומער שניידער — 190
דער ערוואַרבענער בית־עולם — 200

דאָס קליינע שטיבעל — — — — — — — — — 206
דער וואַלד און שטוב — — — — — — — — 213
לייכטער — — — — — — — — — — — — 217
דער מאַמעס פעדערען — — — — — — — — 225
דער טויטער־לעבעדיגער — — — — — — — — 231
יענער בריעף — — — — — — — — — — 237
די לעצטע געסט — — — — — — — — — — 243